STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01474

LITERATUR VISENSHAFT

A. B. Rozenshteyn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „ביכער־פאר־אלע“, ווארשע.

ליטעראטור־וויסענשאפט.

לעהרבוך פאר די יידישע און אלגעמיינע ליטעראטור־טעאריע מיט א גרױסע זאמלונג מוסטערן פון די בעסטע יידישע פאעטען און פראזאאיקער.

אין 2 טיילען.

פערפאסט און געזאמעלט פון

א. ב. ראזענשטיין.

רעדאגירט דורך **מ. קרינסקי.**

צווייטער טייל.

ווארשע. — תרס״ט.

דרוק „האור“, ווארשע, דלוגע 11.

ЛИТЕРАТУРЪ-ВИСЕНШАФТЪ
т. е. **Теорія Литературы.**

Соч. **А. Б. РОЗЕНШТЕЙНЪ,**
подъ редакціей **М. КРИНСКАГО.**

Изданіе „Бихеръ-Фаръ-Алэ“, Долгая 11.

Tłokiem Józefa Jeżyńskiego, Warszawa, Nowy-Świat 8.

ליטעראַטור־וויסענשאַפט.

צווייטער טייל.

אינהאַלטס־פערצייכניס.

		זייטע
§ 1	דער אונטערשיעד צווישען פראָזא און פאָעזיע	7
§ 2	פראָזא.	—
§ 3	פאָעזיע.	8
§ 4	פראָזאאישע און פאָעטישע ווערק	10
§ 5	פראָזאאישע ווערק.	—
§ 6	בעשרייבונגס־ווערק און אַלגעמיין	11
§ 7	וויסענשאַפטליכע און קונסטלערישע בעשרייבונג.	12
§ 8	האַראַקטעריסטיק	14
§ 9	רייזע־בעשרייבונג	16
§ 10	פאַנטאַסטישע רייזע־בעשרייבונגען	22
§ 11	היסטאָרישע ווערק.	—
§ 12	ביאָגראַפיע.	—
§ 13	אויטאָביאָגראַפיע	30
§ 14	זכרונות	34
§ 15	חראָניק, דברי הימים, פנקסים	48
§ 16	היסטאָריע.	50
§ 17	פילאָזאָפישע אָדער וויסענשאַפט־ליכע ווערק, קריטיק	60
§ 18	רעדעס.	63
§ 19	נבואות.	—
§ 20	די רעדנער־קונסט ביי די גריכען און רעמער. פאַרלאַמענטאַרישע רעדעס, געריכטס־רעדעס.	64
§ 21	פרעדיגטען און דרשות, מגידות	66
§ 22	מאָדערנע רעדען	—

פאָעטישע ווערק.

		זייטע
§ 23	אידעאַל, טיפ, ליטעראַטור־ריכ־טונגען, פאָזיטיווער טיפ, נעגאַ־טיווער טיפ, אידעאַליסטיש, רעאַליסטיש, נאַטוראַליסטיש, פאַנ־טאַסטיש	77
§ 24	די אַנטוויקלונג פון פאָעטישע ווערק	79
§ 25	די פאָלקס־פאָעזיע און איהר בע־דייטונג.	80
§ 26	עפּישע פאָעזיע.	—
§ 27	פאָלקס־עפּאָס	81
§ 28	פאָלקס־מעשיות	82
§ 29	עפּישע פאָלקס־לידער, היסטאָ־רישע, נאַציאָנאַל־רע־ליגיעזע, משיחישע	83
§ 30	קונסטלערישער עפּאָס.	85
§ 31	פאָעמאַ.	86
§ 32	די קלאַסישע פאָעמאַ. איליאַדע, אָדיסעע, ענעאידע.	—
§ 33	די פסעוודאָ־קלאַסישע פאָעמאַ	89
§ 34	די נייע פאָעמאַ. היסטאָרישע פאָעמאַ, לירישע פאָעמאַ	—
§ 35	אידיליע	94
§ 36	ראָמאַן	95
§ 37	ערצעהלונג. נאָוועלע	97
§ 38	לעגענדע, הגדה.	—
§ 39	באַלאַדע	102
§ 40	פאַבעל.	103
§ 41	לירישע פאָעזיע	107
§ 42	פאָלקס־ליריק	—
§ 43	יידישקייטס־לידער. חסידישע לידער.	108
§ 44	ליעבע־לידער.	109
§ 45	זעלנער־לידער.	110

		זייטע
46 §	פאמיליען-ליעדער	111
47 §	פערשיעדענע פאלקס=ליעדער.	114
48 §	די קונסטלערישע ליריק . .	115
49 §	עלעגיע.	—
50 §	אדע	117
51 §	הימן, תהלה, מזמור . . .	123
52 §	סאטירע.	—
53 §	סתם לירישע ליעדער, ראמאנ= סען, מאטיווען, וויעג=ליעדער.	126
54 §	דראמאטישע ווערק, אקטען, סצענען.	134
55 §	די גריכישע דראמא . . .	136
56 §	די ניי=אייראפעאישע דראמא .	137
57 §	טראגעדיע	139
58 §	ענטוויקלונג פון דער טראגעדיע	140
59 §	קאמעדיע	141
60 §	אייגענטליכע דראמא . . .	142
61 §	דראמאטישע קונסט אויף דער יודישער ביהנע	143
62 §	אנדערע דראמאטישע ווערק, אפערע, אפערעטע, מעלאדרא= מא, וואדעוויל, פארס. . .	144

§ 1. דער אונטערשיד צווישען פּראָזאַ און פּאָעזיע.

אַלע ליטעראַרישע ווערק ווערען געטײלט אין 2 הויפּטטײלען: פּראָזאַאישע און פּאָעטישע ווערק. צווישען די צווײ סאָרטען ווערק בעשטעהט אײן וועזענטליכער אונטערשיד אי אין דער פֿאָרם אי אין דעם אינהאַלט. וועגען דעם אונטערשיד אין דער פֿאָרם האָבען מיר שוין גערעדט. ווי געזאָגט, דאַרף די פּראָזאַ געשריבען ווערען מיט אַ רײנער, קלאָרער, דײטליכער און ריכטיגער שפּראַך. איהר שפּראַך אָבער דאַרף נישט בעזיצען די ספּעציעלע מעלות פֿון דער פּאָעטישער שפּראַך: בילדליכקײט און האַרמאָניע. אַדרבא פֿיעל מאָל זענען די דאָזיגע מעלות גאָר חסרונות פֿאַר די פּראָזאַ. עס וואָלט צום בײשפּיעל געווען אַנ׳אונגעהײערער חסרון פֿאַר אַ געאָגראַפֿישעם ווערק, ווען עס זאָל געשריבען ווערען אין פֿערזען, אָדער אַז אין אַ נאַטורוויסענשאַפֿטליכען ווערק זאָלען די פֿערשידענע אַרטען בעשריבען ווערען נישט מיט אַנ׳אײנפֿאַכער, וויסענשאַפֿטליכער שפּראַך, נאָר מיט פֿערשידענע „פֿיגורען”. דער הויפּטאונטערשיד אָבער בעשטעהט אין אינהאַלט און אין דער גרופּירונג פֿון די בעשרײבונגען און ערצעהלונגען.

§ 2. פּראָזאַ.

עס איז דאָ אַ גאַנצע רײהע פֿון ליטעראַרישע ווערק, אין וועלכע עס ווערען בעשריבען זאַכען, דערצעהלט פֿאַקטען, אָדער ערקלערט פֿראַגען — אַרץ אַזעלכע, וואָס האָבען אַמאָל עקזיסטירט אָדער עקזיסטירען יעצט אין דער וועלט; מיט אײן וואָרט, ווערק, וואָס בעפֿאַסען זיך מיט רעעלע,ווירקליכע פֿאַקטען, זאַכען און פֿראַגען. די דאָזיגע אַלע ווערק טראָגען דעם אַלגעמײנעם נאָמען פּראָזאַ.

דער אינהאַלט פֿון אַ פּראָזאַאישען ווערק איז די ריכטיגע בעשרײבונג, ערצעהלונג אָדער בעטראַכטונג פֿון דעם רעעלען, פֿאַקטיש עקזיסטירענדען. דער פּראָזאַאיקער מוז גוט קענען די זאַך, וועגען וועלכע ער שרײבט, זיך קענען קלאָר אויסרעדען און סיסטעמאַטיש גרופּירען די פֿאַקטען און געדאַנקען. ער מוז זיך בענוצען נאָר מיט דעם נסיון — זײן אײגענעם אָדער פֿרעמדען — און

טרוקענעם שכל, די פאנטאזיע טאר דא קיין שליטה נישט האבען, דען דאמאלס קריגען מיר נישט קיין ריכטיג בילד פון דעם, וואס עקזיסטירט אין דער ווירקליכקייט, נאר אין דער פאנטאזיע פון שרייבער. א געאגראפיש ווערק אדער א נאטורוויסענשאפטליכעס איז נישט עפעס אנדערש, ווי א לאנגע רייהע פון אזעלכע פראזאאישע שילדערונגען. דאס זעלבע איז אויך מיט געשיכטליכע ווערק, וועלכע זענען א לאנגע רייהע פון שילדערונגען, ערצעהלונגען און בעטראכטונגען צוזאמען.

§ 3. פאעזיע.

די בעדייטונג פון דעם דאזיגען גריכישען ווארט איז יצירה (שעפפונג) און דאס ווארט „פאעט" בעצייכענט יוצר, שעפפער. אלזא די פאעזיע איז נישט ווי די פראזא געבונדען צו דעם, וואס עקזיסטירט אדער האט עקזיסטירט. אומגעקעהרט אין דער פאעזיע ווערען פארגעשטעלט בילדער, געשילדערט פאקטען, וועלכע קאנען אין דער ווירקליכקייט גארנישט עקזיסטירען, אדער יעדענפאלס עקזיסטירען זיי נישט פונקט אזוי, ווי דאס ווערט בעשריבען. „די קליאטשע", צו'ם ביישפיעל, פון מענדעלי מו"ס, „ישראליק דער משוגענער", „אלטער יקנה"ז", מענדעלי מו"ס אליין — דאס זענען אלץ אזעלכע בעשעפענישען, וועלכע קאנען עקזיסטירען, זיי עקזיסטירען אבער נישט, נאר די שעפפערישע קראפט פון אונזער פאעט האט זיי בעשאפען אויפ'ן גרונד פון זיין בעטראכטען דאס, וואס אין דער נאטור איז דא. דאגעגען איז דער אשמדאי, לוציפער דער מאנאלאג פון דער קליאטשע, אזעלכע ערשיינונגען, וואס עקזיסטירען נישט אין דער נאטור, דאס זענען איבערנאטירליכע ערשיינונגען, וואס קאנען בעשאפען ווערען נאר אין דער מענשליכער פאנטאזיע. דער פאעט שטעלט אזוי ארום מיט ווערטער פאר . אויסגעקלערטע זאכען און בילדער פונקט אזוי, ווי זיי וואלטען עקזיסטירט אין דער ווירקליכקייט. די דאזיגע פארגעשטעלטע בילדער קומען אין די פאעטישע ווערק אויס לעבענדיג, פונקט ווי ביי א גוטען סקולפטאר די אביעקטען, וועלכע ער שטעלט פאר אין זיינע גיפסווערק אדער ביי א מאלער אויף ליינוואנד. דער פאעט איז א קינסטלער, א מייסטער פון ווארט און פעדער, פונקט ווי דער מאלער איז א מייסטער פון פענזעל און פארבען, אדער דער סקולפטאר פון בראנז און גיפס. נאכמעהר, אין די פאעזיע געהען אריין די עלעמענטען, וועלכע עקזיסטירען אין דער מוזיק — די הארמאניע — און אין דער ארכי-

טעקטור (בויקונסט) — די סימעטריע — ד. ה. די אייגענשאַפט, דאָס די טיילען פון דעם גאַנצען זענען צוזאַמענגעשטעלט אין אַ געוויסער אָרדנונג, איינס נעגען אַנדערען. די פּאָעזיע פעראייניגט אַלזאָ אין זיך די עלעמענטען פון אַלע געביטען פון דער שענער קונסט. די בילדליכקייט פון דער סקולפּטור און מאַלעריי, די האַרמאָניע און וואָהלקלאַנג פון דער מוזיק און די סימעטריע פון דער אַרכיטעקטור. אַווירקליכער פּאָעט מוז דעריבער זיין דאָס, וואָס מען רופט טאַקי „משורר בחסד עליון", ער מוז זיין בעגאַבט פון דער נאַטור, בעשאָנקען פון אויבען מיט די אַלע מתנות: מיט אַ רייכער פאַנטאַזיע, אַ שעפערישער קראַפט, אַ פיינעם געפיהל פון שענהייט, וועלכעס קאָן לייכט בעגרייפען די האַרמאָניע פון פאַרבען און טאָנען א. ז. וו. מיט איין וואָרט, אין דעם מאָמענט פון זיין שעפערישער טעטיגקייט געפינט זיך דער פּאָעט גאָר אין אַנ'אַנדער וועלט, אין אַ פרייער אַ פאַנטאַסטישער, פול מיט טאָנען, מעלאָדיען, קלאַנגען, פאַרבען.

אַזוי שרייבט פון זיך אַ יידישער פּאָעט.

איך קום פון אַ שענערעס, בעסערעס לאַנד,
אַנ'אַנדער זונן צירט דאָרט די ברעגען.
דער גאָט האָט פערנוצט דאָרט זיין גאַנצען פערשטאַנד;
געאָפּפערט זיין גרעסטען פערמעגען.

אָ דאָרט בין איך הימיש, אָ דאָרט בין איך רייך,
אָ דאָרט איז מיר גוט, איז מיר פרעהליך.
אָ דאָרט איז קיין ערדישער קעניג מיר גלייך,
איך לאַך דאָרט פון שטאָלצעסטען מלך.

איך טראָג דאָרט אַ קרוין פון פיעל ריינערען גאָלד,
מיך צירען דאָרט זאָלכע געוועגדער,
וואָס ווערען פון גרעסטען מאַגנאַט נישט בעצאָהלט
מיט גאָר זיינע אוצרות און לענדער.

און וויל איך פערגניגען, דאַן שפּיעלט עס מיר שען,
דאַן זינגען די זונען, די שטערען,
דאַן זינגט זיך פאַנאַנדער דער הימעל אַליין,
עס איז אַ מחיה צו הערען.

און ווילט זיך מיר חלום'ן, ווערט עס אויך באַלד
בעשאַפען, אַזוי ווי דורך שטות,

אַ פֿרעכטיגער, גרינער און לופֿטיגער וואַלד,
איך געה דאָרט און חלום חלומות.

איך טרוים דאָרט פֿון ליבע און פֿיהל אַזאַ שמערץ
און האָב אַזאַ עדלען פֿערלאַנגען,
וואָס פֿיהלען ווען דאָס זאָל אַ שטערבליכעס הערץ,
וואָלט גלייך עס פֿאַר זיסקייט צוגאַנגען.

דאָך ווען פֿאַר תענוגים דאָס האַרץ ווערט מיר שווער,
איך וואָלט דאַכט זיך יאָמערען גערען,
לעבט אויף אַזאַ צויבער, וואָס ברענגט מיך אַהער
צו גיעסען די ביטערסטע טרעהרען.

דען אַלץ, וואָס איך טרעף אויף דער זינדיגער ערד,
זעהט אויס אַזוי קראַנק, אַזוי עלענד, פֿערצעהרט,
זאָגאַר אויף דעם מעכטיגסטען קעניג אַליין
פֿערקלעמט מיר פֿאַר מיטלייד דאָס האַרץ, און איך וויין.
(מאָריס ראָזענפֿעלד).

§ 4. פּראָזאַאישע און פּאָעטישע ווערק.

זעלטען טרעפֿט זיך, אַז אַ ליטעראַרישע ווערק זאָל אין גאַנצען בעשטעהען נאָר דורכאויס פֿון פּראָזאַ אָדער דורכאויס פֿון פּאָעזיע. גאַנץ אָפֿט טרעפֿען זיך אין פּראָזאַאישע ווערק פּאָעטישע שטיקער, צ׳ום ביישפּיעל אין אַ ריין געשיכטליכען ווערק קענען זיך טרעפֿען פּאָעטישע שילדערונגען פֿון פֿערשיעדענע היסטאָרישע פֿאַקטען, און אומגעקעהרט אין אַ פּאָעטישען ווערק קאָנען קומען גאַנץ פּראָזאַאישע בעשרייבונגען פֿון נאַטורזאַכען אָדער היסטאָרישע פֿאַקטען א. אַ. וו. אַלזאָ ווען מען רופֿט אַ ווערק אָן פּראָזאַאיש אָדער פּאָעטיש, מיינט מען נישט, אַז עס מוז אין גאַנצען בעשטעהן פֿון בלויז פּראָזאַ, אָדער אין צווייטען פֿאַל — פֿון בלויז פּאָעזיע. דער נאָמען ווייזט נאָר אויף דעם העררשענדען עלעמענט. איז דער פּאָעטישער עלעמענט דער העררשענדער אין דעם ווערק, הייסט עס פּאָעטיש, איז דער פּראָזאַאישער דער העררשענדער, הייסט דאָס ווערק פּראָזאַאיש.

5. פּראָזאַאישע ווערק.

פּראָזאַאישע ווערק בעהאַנדלען, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, די ווירקליכע

װעלט מיט דעם ציעל, צו געבען דעם מענשען װעגען דעם ריכטיגע ידיעות. מיר האָבען אויך שוין דערמאָנט, דאָס עס זענען דאָ פֿיער הויפּטעלעמענטען אין דער ליטעראַטור: 1) בעשרײַבונג, 2) ערצעהלונג, 3) בעטראַכטונג און 4) ליריש עס עלעמענט. פֿון די פֿיער עלעמענטען קאָנען די ערשטע 3 געבען דעם פּראָזאַאישען װערק דעם הויפּט־כאַראַקטער. אַ פּראָזאַאיש װערק קאָן למשל בעשטעהן אין עיקר פֿון בעשרײַבונגען (געאָגראַפֿישע װערק, נאַטורװיסענשאַפֿטליכע), כאָטש עס זאָלען דאָרט אויך אַרײַנגעהן ערצעהלונגען אָדער װיסענשאַפֿטליכע בעטראַכטונגען. אַזעלכע װערק הײסען שילדערנדע אָדער בעשרײַבונגסװערק. איז אָבער דער הויפּטעלעמענט אין דעם װערק ערצעהלונגען, װי למשל היסטאָריע, ביאָגראַפֿיעס, הײסט עס היסטאָרישעס װערק, כאָטש עס קאָנען אין איהם קומען אויך בעשרײַבונגען און פֿילאָזאָפֿישע בעטראַכטונגען. װען דער הויפּטעלעמענט פֿון אַ װערק איז אַ װיסענשאַפֿטליכע בעטראַכטונג, אַ פֿילאָזאָפֿישע חקירה א. ז. װ. הײסט דאָס װערק אין גאַנצען װיסענשאַפֿטליכעס אָדער פֿילאָזאָפֿישעס. דאָס לירישע עלעמענט געהט קײנמאָל נישט אַרײַן אַלס הויפּטעלעמענט אין די פּראָזאַאישע װערק, און דעריבער װערען קײנע פּראָזאַאישע װערק נישט אָנגערופֿען אויף דעם נאָמען. עס גיבט אָבער נאָך אַ גאַנצע רײהע פּראָזאַאישע װערק, װאָס קאָנען נישט אַרונטערגעהן אונטער די אַלע אויסגערעכענטע, נאָר זײ בילדען אַ בעזונדערע קלאַס. דאָס זענען די רעדנערישע װערק אָדער אײנפֿאַך רעדעס. װאָס דינען גאָר אַ בעזונדערן ציעל, צו װירקען אין דער זעלבער צײַט אויפ'ן שכל און דאָס געפֿיהל פֿון דעם הערער. אין רעדעס קאָנען אַלע 3 דערמאָנטע עלעמענטען זײַן גלײַך פֿערטײלט, אַמאָל קאָן אײן עלעמענט זײַן דאָס הערשענדע אַמאָל אַ צװײטעס, און אויך קאָן אין רעדען אַרײַנגעהן דאָס לירישע עלעמענט.

אַלזאָ אַלע פּראָזאַאישע װערק קאָנען אײַנגעטײלט װערען אין פֿיער קלאַסען: 1) בעשרײַבונגס־װערק; 2) היסטאָרישע; 3) װיסענשאַפֿטליכע אָדער פֿילאָזאָפֿישע; 4) רעדעס.

6. בעשרײַבונגס־װערק אין אַלגעמײן.

װעגען בעשרײַבונגען אין אַלגעמײן האָבען מיר שוין קורץ געשריבען אין'ם ערשטען טײל. מיר מוזען דאָ צוגעבען, דאָס עס זענען פֿאַרהאַן פֿערשידענע אַרטען פֿון בעשרײַבונגען. ערשטענס איז נישט גלײַך אַ בעשרײַבונג פֿון אויסערליכע אײגענשאַפֿטען פֿון עפּעס אַ זאַך, צו'ם בײַשפּיעל, אַ בעשרײַבונג פֿון אַ טײַך, אַ שטאָדט, די פֿיזיאָנאָמיע און קלײדונג פֿון מענשען, צו אַ בעשרײַבונג

פֿון דעם אינערליכען וועזען, כאַראַקטער, מעלות און חסרונות פֿון אַ קלוג בעשעפֿעניש (אַ מענש) אָדער אַ געזעלשאַפֿטליכען קערפּער (למשל אַ פֿאָלק). די ערשטע אַרט בעשרייבונג הייסט בעשרייבונג אין אייגענטליכען זינן, די צווייטע — כאַראַקטעריסטיק.

7. וויסענשאַפֿטליכע און קינסטלערישע בעשרייבונגען.

די בעשרייבונגען אין אייגענטליכען זינן טיילען זיך אויף וויסענשאַפֿטליכע און קינסטלערישע. די וויסענשאַפֿטליכע בעשרייבונגען האָבען דעם ציעל ריכטיג און גענוי צו שילדערן די זאַכען, וואָס ווערען אין זיי בעשריבען, די קינסטלערישע אינטערעסירען זיך ניט אַזוי שטאַרק מיט דער ריכטיגקייט און גענויאיגקייט, ווי מיט דער לעבענדיגקייט און בילדליכקייט פֿון דעם געשילדערטען און פֿאָרגעשטעלטען. אין אַ וויסענשאַפֿטליכער בעשרייבונג ווערען אויסגערעכענט אַלע וועזענטליכע, אייגענטליכע אייגענשאַפֿטען פֿון דער געשילדערטער זאַך, די דאָזיגע אייגענשאַפֿטען ווערען אַלע אויסגערעכענט, דאַגעגען ווערט גאָרניט געבראַכט זייטיגעס, צופֿעליגעס, וואָס עס קאָן צו דער זאַך געהערען נאָר אין אַ געוויסען מאָמענט, וואָס אָבער עס ענדערט ניט דעם וועזען פֿון דער זאַך, נאָר איהר בילד. דאַגעגען אַ קינסטלערישע בעשרייבונג לעגט מעהר געוויכט אויף די זייטיגע אייגענשאַפֿטען, די צופֿעליגע, וועלכע טראָגען נאָר אַ צייטליכען כאַראַקטער, קומען פֿאָר נאָר אין אַ געוויסען מאָמענט, ווען זיי קענען נאָר דינען צום פֿערצירען דאָס בילד, עס פֿאָרשטעלען לעבענדיגער און גראַנדיאָזער; אָבער די וויכטיגע, אייגענטליכע און וועזענטליכע צוגעהעריגקייטען פֿון דער געשילדערטער זאַך ריהרט עס גאָרניט אָן, אָדער נאָר אויף אַזוי פֿיעל, אויף וויפֿיעל עס איז נויטיג, כדי דאָס בילד זאָל לעבענדיגער און דייטליכער אַרויסקומען. מיר ברענגען דאָ אַלס מוסטערן צוויי בעשרייבונגען פֿון אַ וואַלד — די ערשטע אַ וויסענשאַפֿטליכע און די צווייטע אַ קינסטלערישע, פּאָעטישע בעשרייבונג אין איין בעשטימטען מאָמענט.

וויסענשאַפֿטליכע בעשרייבונג.

דער וואַלד.

דער וואַלד בעשטעהט די בוימער פֿון פֿערשידענע אַרטען. די אַרטען בוימער, וואָס האָבען בלעטער, הייסען בלעטער־בוימער. און די, וואָס האָבען נאָדלען — נאָדעל־בוימער. די וועלדער געפֿינען זיך אויף דער ערד שוין פֿון

גאַנץ לאַנגע צייטען. קיינער פלאַנצט זיי נישט פלאַנצען. אַלטע בוימער אין וואַלד פוילען, און נעבען זיי וואַקסען אויס יונגע.

אין וואַלד איז אויך אין אַ הייסען טאָג קיהל, די וואַלד־טייכלעך זענען פול מיט וואַסער און טריקענען נישט אויס. דער וואַלד ברענגט אונז אַ גרויסען נוצען; ער שטעלט אונז צו מאַטעריאַל צו׳ם בויען און האָלץ צו ברענען.

אין וואַלד געפינען זיך פערשיעדענע חיות און עופות.

אין די וואַלד־טייכלעך שווימען ווילדע גענז און קאַטשקעס. אַ חוץ דעם וואַקסען אין וואַלד פיעל שוואָמען.

אַזוי ווערט געשילדערט דער וואַלד אין אַ וויסענשאַפטליכער בעשרייבונג, פריהער ווערט ערקלערט, וואָס איז אַזוינס וואַלד, (ער בעשטעהט פון בוימער), נאָכהער ווערט גערעדט פון דעם, וואָס עס געפינט זיך אין וואַלד (חיות, עופות, וואַסער, שוואָמען) אָבער נאָר פון דעם, וואָס עס געהערט שטענדיג צו איהם, און אַלע צייט־מאָמענטען, דאָ ווערען נישט דערמאָנט קיין זייטיגע צוגעהעריגקייטען, ווי צו׳ם בייש͏פיעל מענשען, וואָס קומען אַמאָל אַריין אין וואַלד, אָדער אַ רעגען, וואָס פאַלט אַ מאָל דאָרט אַראָב.

קינסטלערישע בעשרייבונג.

דער וואַלד אין אַ רעגעננאַכט.

... מיט גרויס לײַדענשאַפט האָב איך געהאַלט, נעגלעט מיין קליאַטשע און זי פאַמעליך געפיהרט, ביז מיר זענען געקומען צו אַ גרויסען, געדיכטען וואַלד. אַהינצו זענען מיר אַריינגעגאַנגען אויף נאַכטלעגער.

אונטער אַ הויכען, אַ גרויסען בוים האָבען מיר ביידע זיך געטהון אַ וואָרף שטאַרק מיעד און אָבגעשוואַכט פון אַזאַ ביטערער רייזע, נישט פאַר אייך געדאַכט! עס האָט געטהון אַ בליץ, גלייך ווי דער הימעל האָט זיך געשפּאָלטען און אָבגעצונדען די וועלט מיט פייער. באַלד דערויף האָט אַ הילך געגעבען אַ דונער און זיך אָבגערופען אַרום און אַרום מיט שרעקליכע קולות, ווי פון טויזענדער האַרמאַטען, עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ שטורמווינט, ער האָט משוגע געפייפט, געטוינט, געהוילט די הונגעריגע וועלף, גלייך ווי עס האָבען זיך אויפגעהאַנגען הונדערט מכשפים, דער אַנשלאָפענער וואַלד האָט זיך אויפגעכאַפט שטאַרק דערשראָקען. עס האָט זיך אויפגעכאַפּט איטליכעס גרעזעלע, איטליכעס צווייגעלע, איטליכעס בלעטעלע. אַלע האָבען גערעש׳ט געפּולדערט, געפּלוידערט אויף אַלערליי קולות און פערמישטע לשונות. סאָראָקעס, וואָראָנעס און סאָוועס מיט זייער גאַנץ פעקיל האָבען אויך צוגעקרעכצט, צוגעשפיעלט אַ וויינענדיגס.

יעדער בעזונדער האָט געקרעכצט, געזיפצט, געשריגען, איינער דעם אַנדערן

מבלבל געווען, ביז אַ שלאַנגסרעגען האָט מיט אַמאָל אויסגעבראָכען פערשטאָפּט די מיילער.

שרעקליך אַזאַ נאַכט אין וואַלד, שרעקליך, שרעקליך!...

(מענדעלי מו"ס).

דאָ האָבען מיר פאַר אונז אַ בילד פון דעם וואַלד, אָבער אין אַ געוויסען מאָמענט — ביינאַכט, ווען עס הויבט אָן צו געהן אַ רעגען. דער פּאָעט רעכענט דאָ נישט אויס אַלעס, וואָס עס געהערט צום וואַלד. ער ברענגט נאָר דאָ איינציגע שטענדיגע צוגע־הערינקייטען זיינע (צווייגעלע, בלעטעלע, גרעזעלע), איינציגע פון זיינע איינוואָהנער (סאָראָקעס און וואָראָנעס), אָבער נאָר כדי משלים צו זיין דאָס בילד, און יעדענפאַלס שטעלט ער זיך אָב אויף זיי נישט מעהר און זאָגאַר נאָך ווייניגער, ווי אויף'ן געפיל־דער, אויף'ן שלאַקסרעגען און אַנדערע צופעליגע צוגעהעריגקייטען, וועלכע מאַכען צוזאַמען אויס דאָס בילד פון דעם וואַלד אין דעם דאָזיגען מאָמענט.

§ 8. כאַראַקטעריסטיק.

די כאַראַקטעריסטיק בעשרייבט נישט די אויסערליכע אייגענשאַפטען פון דער זאַך, נאָר ענטדעקט אונז דאָס אינערליכע לעבען פון דעם געגענשטאַנד, איהר אינערליכע בעדייטונג און ווערט, ווי אויך די גייסטיגע און מאָראַלישע מעלות און חסרונות. אַ כאַראַקטעריסטיק ווערט מייסטענס בענוצט פאַר מענשען און פעלקער. גאַנץ אָפט קומט אַ כאַראַקטעריסטיק נישט זעלבסטשטענדיג נאָר צוזאַמען מיט אַן אייגענטליכער בעשרייבונג. אָט איז אַ מוסטער פון אַ כאַראַק־טעריסטיק.

מענדעלע בריינעס.

מענדעל בריינעס (קיין פאַמיליען נאָמען איז נאָך דעמאָלט נישט געוועזען), איז געווען אַ יושב אוהל, דאָס הייסט, אַ שטיק שענער ייד! קיין גרויסער למדן נישט, נאָר — תהלים פאַר'ן דאַווענען, עין=יעקב נאָכ'ן דאַווענען, און ביינאַכט אַ פּרק משניות, — ער פלעגט גאַנץ אָפט אַהיים נעמען אַן אורח, יעדען פּורים=מאָרגען אַריינוואַרפען מאיר בעל=הנס, האַלטען מפטיר יונה, האָבען אַ גרויס חלק אין דער קאָנסאָרציע פון מנחות, און דערצו פלעגט ער גלאַט זיין אַ מתעסק במצות. אַ מגיד איז געקומען, מען דאַרף אַרומגעהן צוזאַמענעהמען פאַר אָרימע לייט אויף מצות, אויף האָלץ און קאַרטאָפעל; מען דאַרף ערובין, עמיצען אַן אוהל שטעלען וכדומה — טהוט ר' מענדעל בריינעס אָן די ברייטע תבונה, נעהמט דעם גראָבען שטעקען מיט דער מעשענער גאַלקע און געהט מיט'ן רב, מיט'ן דאָזיגען אָדער אַזוי מיט אַ שענעם בעל=הבית. ער האַלט

זיך פאַר אַ מצוה אַליין צו טראָגען די פושקע, חאָטש הינטען געהט נאָך דער שמש.

ווינטער האָט ער קיין מינוט צייט נישט געהאַט: תהילים זאָגען, דאַווענען, עין-יעקב לערנען, אָנביַיסען, אַ נדבה מאַכען, מנחה מעריב, אַ פרק משניות און וויעטשערע – און קריאַת-שמע לייענען, חצות, שלאָפען, וויַיטער שלאָפען... עס איז איהם פון טאָג קיינמאָל קיין רעשט נישט געבליבען. פאַר דאָס זו-מערצייַט פלעגט איהם בלייַבען אַ נאָכוואַרעמעס, אַ גרויסער נאָכוואַרעמעס, ער פלעגט איהם אויך פערברענגען אין בית-המדרש, נאָר רעדען שוין פון נייַע המצאות, פון פאָליטיקע.

מענדעל ברייַנעס איז נישט קלוג. אין חדר פלעגט מען איהם רופען מענדעל שוטה; אַז ער האָט חתונה געהאַט, איז די אָפּיניע *) וויַיבער געוואָרען, און ער פלעגט שוין הייסען: „מענדעל תם". ערשט דערנאָך, אַז ער איז אַראָב פון קעסט, געוואָרען אַ בעל-בית פאַר זיך, און ברייַנע, זיין וויַיב, האָט זיך געמאַכט אַ שפּייַז-געוועלב און געדיזט „שטיקער געלד" – האָט מען איהם גע-קרוינט אויף „מענדעל ברייַנעס", און וויַיל מענדעל ברייַנעס איז קיינ'ם אין וועג אַריין נישט געגאַנגען, קיינעם אַ שלעכט וואָרט נישט געזאָגט, און בית-המדרש און קהל האָט געהאַט פון איהם, האָט קיינער נישט דערמאָנט, וואָס אַמאָל איז געוועזען, האָט קיינער הויך נישט געלאַכט, אַז ער פלעגט צווי-שען אַלע פינף ווערטער זאָגען: אָבער צוואַר איך בין קיין נאַר נישט? אַיאָ איך בין קלוג?

(י. ל. פּרץ).

דאָ האָבען מיר פאַר אונז אַ רייַנע חאַראַקטעריסטיק. פּרץ שילדערט אין איהר די אינערליכע אייגענשאַפטען פון זיין העלד, זיין וועלט-אַנשויאונג, זיין געדאַנקענספערע און זיין פערהעלטניס צו מענשען, און אומגעקעהרט: דאָס פערהאַלטען זיך פון מענשען צו איהם. מיר ווערען אָבער פון דער חאַראַקטעריסטיק נישט געוואָר, ווי מענדעל ברייַנעס האָט אויסגעזעהן: צי איז ער געוועזען דיק אָדער מאָגער, צי האָט ער גע-האַט אַ לאַנגע נאָז אָדער אַ קורצע, שוואַרצע האָר אָדער גראָהע א. ז. וו. אַנדערש שילדערט מענדעל מו"ס אין דעם מוסטער, וואָס מיר ברענגען דאָ, איינעם פון זייַנע העלדען. מיר ווערען דאָ געוואָר, אי ווי דער העלד האָט אויסגעזעהן, אי אייניגע פון זייַנע גייַסטיגע אייגענשאַפטען. מיר האָבען דאָ אַלזאָ אַנ'אייגענטליכע בעשרייַבונג צוזאַמען מיט אַ חאַראַקטעריסטיק.

אַלטער יקנה"ז.

אַלטער יקנה'ז איז אַ יאָדערדיג יידעל, אַ געשפּיקעוועטער מיט אַ דיק בייַ-כעל, זיין פנים איז געדיכט-בעוואַקסען מיט שמוציג-געלע האָר, פון וועלכע

*) מיינונג.

ס'איז דאָ נעגוג אויף פאות, אויף אַ באָרד און אויף וואָנצעס, אי פאַר זיך, אי אויף נאָך עטליכע יידען צובעטיילען. און דעם ים=האָר ליגט אַ וויספע — אַ ברייטע, פליישיגע נאָז, וואָס איז דאָס רוב יאָהר פאַרלייגט, אָהן אַ שום תּמונות. נאָר ווען עס מאַכט זיך אין איהר אַמאָל עפּעס אַ פערענדערונג, אונטער אַ פּאַר פּסח אַ שטיינער, בשעת עס לאָזט אויבעטום, עס געהט די קריזע, און דער בעל=הבית איהרער נעהמט זי און דער אַרבייט אַריין מיט אַלע פינף פינגער, דענסטמאָל קלינגט מיט איהר גאַנץ טונעיאַדעווקע. און איינעם מיט די אינדיקעס דאָרט ניט זי דענסטמאָל קאָנצערט, אַלע אין שטעדטיל בלייבען פערגאַפט און עס שיטען זיך איהר שמעק טאַבאַקען פון אַלע זייטען מיט ווינשעניאַניעס יקנה"ז'ן אָהן אַ צאָהל: אַ סים, אַ סים! — איבערהויפט אין די יידישע שטעדטלעך צעשפילען זיך די נעז אין יענער צייט, מכּת=אָ שמעקט עס דאָך מיט עפּעס און עס האָט אַ טעם... דאָס איז שוין דאָרט אַזוי געשטעלט, ווי פרשה יתרו צינגלען זיך די צינגען. נישט דאָס בין איך אויסען, אַלטער יקנה"ז איז אַ טונעיאַדאָווקער מוכר=ספרים, מיינער אַ בעקאַנטער פון אַלטע יאָהרען. ער איז אַ מענשעל פאַר זיך, נישט שטאַרק איבערגעשפּיצט, נישט קיין גרויסער בעל=דברן, שטענדיג אָנגעבלאָזען, ווי ברוגז אויף דער וועלט, הגם ער איז בטבע נישט קיין עלעכטער מענש.

(מענדעלי מו"ס).

§ 9. רייזע=בעשרייבונג.

אַיס אַ בעזונדערע צווייג פון די בעשרייבונגס=ווערק זענען די רייזעבעשרייבונגען. אַזוי הייסען די ווערק, אין וועלכע עס געפינט זיך אַ גאַנצע רייהע פון בילדער און שילדערונגען פון דעם אַלעם, וואָס דער פערפאַסער האָט געזעהן אויף זיין רייזע. דער ציעל פון אַ רייזע=בעשרייבונג איז צו געבען אַ בילד פון אַ לאַנד אָדער אַ געגענד אין אַ געוויסער צייט.

אין אַ רייזע בעשרייבונג קאָנען אַריינגעהן אַלע ליטעראַטור=עלעמענטען. דער שרייבער=ערצעהלט לויט אַ געוויסער ציי‌טאָרדנונג, וואָס ער האָט געזעהן פריהער, וואָס שפעטער, מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפען, וואָס די מענשען, מיט וועלכע ער האָט זיך געטראָפען, האָבען איהם ערצעהלט — מיר האָבען אַלזאָ דאָ צו טהון מיט דעם ערצעהלונגס=עלעמענט. וויפיעל מאָל שטעלט זיך דער שרייבער אָב אין אַ רייזע=בעשרייבונג אויף פערשידענע פראַגען, ער בעטראַכט זיי פון עפּעס אַ וויסענשאַפטליכען שטאַנדפונקט, בויט דערויף פער=

שידענע היפּאָטעזען *), און ציהט פֿון זײ געװיסע קאָנסעקװענצען **), — מיט אײן װאָרט, עס קומט פֿאָר דער פֿילאָזאָפֿישער אָדער װיסענשאַפֿטליכער עלעמענט. אַזױ קאָן אױך פֿאָרקומען אין רײַזע־בעשרײַבונגען דער לירישער עלעמענט, װען דער שרײַבער דריקט אױס זײַנע געפֿיהלען און אײַנדריקע, װאָס רופֿען אין איהם אַרױס די געשילדערטע געגענשטאַנדען. אָבער בײַ דעם אַלעם בלײַבט דער הױפּט־עלעמענט אין די רײַזע־בעשרײַבונגען דער שילדערונג־עלעמענט, דען די הױפּטאױפֿגאַבע פֿון זײ איז דאָס בעשרײַבען און שילדערן פֿערשידענע נאַטורבילדער, קונסטזאַכען, גאַנצע שטעדט און לענדער מיט זײערע אײַנװאָהנער און חאַראַקטעריזירען די אײַנצעלנע מענשען, װי אױך גאַנצע פֿעלקער, װאָס בעװאָהנען זײ.

די רײַזע־בעשרײַבונגען זענען אױך פֿערשידען נאָך זײער פֿאָרם. מײַסטענס װערען זײ געשריבען אין מאָנאָלאָגישער פֿאָרם, נאָר גאַנץ אָפֿט אױך אין בריפֿפֿאָרם; אין בריעף צו פֿרײַנד אָדער בעקאַנטע שילדערט דער שרײַבער אַלעם, װאָס איהם האָט זיך געטראָפֿען אױפֿ׳ן װעג פֿון זײַן רײַזע.

די בעדײַטונג פֿון רײַזע־בעשרײַבונגען איז אונגעהױער גרױס. זײ מאַכען אונז בעקאַנט מיט דעם לעבען און זיטען פֿון פֿערשידענע מענשען און פֿעלקער, אױך מיט די פֿערשידענע װאונדער פֿון דער נאַטור, װאָס, זיצענדיג אין דער הײם, קאָנען מיר אױף אַנ׳אַנדער אױפֿ׳ן גאָרנישט האָבען פֿון דעם אַלעם קײן בעגריף.

מיר ברענגען דאָ צװײ מוסטערן פֿון רײַזע־בעשרײַבונגען; די צװײטע איז אין אַ בריעפֿפֿאָרם.

פֿון אַלעקסאַנדריען קײן בײרוט.

רײן און ליכטיג איז געװען דער הימעל, קלאָר איז געװען די לופֿט, און דער ים האָט געגלאַנצט פֿון די זונען־שטראַהלען. דער טרוקענער הײסער װינד פֿון סאַהאַראַ האָט אונז געלאָזען אין רוה, די פֿערשטױבטע לופֿט איז רײן געװאָרען אונטער דער װירקונג פֿון אַנ׳אַנגענעהמען פֿרישען װינטעל, װאָס האָט געבלאָזען פֿון רױטען ים בײַ׳ם מזרח־ברעג פֿון מצרים.

אונזער שיף האָט צו׳ם לעצטען מאָל פֿערהילעכט דעם ברעג מיט זײַן שטורמישען לאַנגען פײַפֿען, און אַ װײַסע פּאַרע האָט, װי אַ לאַנגער גלײַכער זײַל, אױפֿגעהױבען צום רײנעם הימעל איבער די ברײט־אױסגעשפּרײטע זעַ־

*) השערות, מײנונגען. **) החלטות, בעשלוסע.

געל, וועלכע האבען, ווי די פליגעל פון א מעכטיגען פויגעל, געפלאטערט אין דער קאלטער ים-לופט.

אלע זענען געווען צופרידען, און צווישען די הונדערטער מאהמעדאנישע עולי-רגל, וועלכע זענען געווען דאס רוב פאסאזשירען, האט זיך אויפגעהויבען א לעבעדיגעס רוישען. פיעל פון זיי זענען לאנג געזעסען אויפ'ן אויבערדעק מיט'ן פנים צו'ם ים און האבען צווישען זיך לעבעדיג גערעדט, און דער ווינד האט געשפיעלט מיט די ווייכע פרענזלעך פון זייערע הויבע, רויטע פעסקעס.

דער ברעג פון מצרים האט זיך שוין בעהאלטען פון הינטען און איז שוין באלד ווי אינגאנצען פערשוואונדען, און דאס שיף געהט אלץ ווייטער צו צפון-זייט איבער די נידריגע, נאר רוישענדע חוואליעס פון מיטעללענדישען ים און האלט זיך נעהנטער צו'ם אזיאטישען ברעג, וועלכער ציהט זיך פאר אונזערע אויגען אין א דונקעל-גרינער ליניע. דער ים טראגט זיינע וואסערן און קלאפט מיט א שטילען מורמלען אן דעם זאמדיגען ברעג, וואס אט איז ער נידריג און אט בארגיג און בעגיסט זיך ווי פון כעס מיט שוים. און אין זיין מורמלען הער איך עפעס ווי א קול פון פראטעסט געגען דעם שרעקליכען חורבן פון לאנד, וועלכעס האט מיט פיעל הונדערטער יאהרען צוריק געבליהט און געגרינט אונטער די הענד פון די יידען און האט גערונען מיט האניג און מילך.

און עס טהוט ביי'ם ערשטען קוק עפעס א מין ווילדער צוק אין הארצען. עס טרעט ארויס קלאר די וויסטע און נעבעל פערהילטע ארענע פון דער יידישער געשיכטע. דאס אלטע לעבען פון פאלק שטעלט זיך פאר פאר די אויגען, עס פיהלט זיך פעסטער זיין צוזאמענהאנג מיט דער געגענווארט און מיט די האפנונגען אויף דער צוקונפט. עס דוכט, ווי דו זעהסט פאר זיך א געטליכען ארט, און וועלכען דו האסט גייסטיג געלעבט שוין פון די ערשטע חדר-יאהרען אן, נאר וועלכען די האסט קיינמאל ניט געגלויבט צו געפינען אויף דער ערד.

אונזער שיף נעהמט זיך אלץ ווייטער צו'ם צפון, עס געהט קיין יפו. דער גינסטיגער ווינד חאפט עס אונטער און טראגט עס אלץ נעהנטער צו'ם פאלעסטינישען ברעג אויף אזוי פיעל, אז אין א קורצער צייט ארום פאהרען מיר שוין זעהר נאהענט פון איהם, און דאס גאנצע לאנד זעהט זיך פון שיף גאנץ דייטליך מיט זיינע גרויסען בערג, וועלכע הויבען זיך אן ביי'ם גרויסען טהאל אין מיטען לאנד, וואו עס גיסט זיך דער שטורמישער ירדן און ציהען זיך פון מזרח קיין מערב, פונאנדערגעריסען נאר דורך קליינע, שמאלע טהאלען, וואס לאזען זיך אראב אין דעם גרויסען און ברייטען עמק השרון, דעם פאטערלאנד פון דער יידישער פאעזיע.

פֿון בּרעג וואַרפֿט זיך אונז אין די אויגען אַ קליין אַראַבּישעס שטעדטעל אָדער דערפֿעל, אין אַ שענעם גרינעם טהאָל, וועלכעס איז אַרומגענומען פֿון דרײַ זײַטען מיט בּערגלעך און אָפֿען צו'ם ים. די הײַזלעך זענען ווײַסע, אײַנפֿאַכע, נידריגע, די גאַסען – קליינע און שמאָלע. יעדעס הײַזעל שטעהט צווישען הויכע טײַטעל־בּוימער, וועלכע וואַרפֿען אַ געדיכטען שאָטען איבּער'ן טהאָל און גיבּען איהם צו פֿון ווײַטען דאָס אויסזעהן פֿון אַ וועלדעל. עס איז אַ געוועהנליכעס אַראַבּישעס דאָרף, וועלכעס שטעהט פֿערוויקעלט אין זײַן גרינעם מאַנטעל און האָט ניט קיין שײַכות ניט מיט'ן רוישענדען ים, ניט מיט דער גרויסער וועלט, וועלכע ליגט אויף זײַן ווײַטען בּרעג. אַזעלכע אײַנזאַמע דערפֿער זענען אַ געוועהנליכעס בּילד אין די מזרח־לענדער, און מען קאָן זיי אָפֿט זעהן בּײַ די נסיעות איבּער'ן ים. נאָר איין קורצעס וואָרט איז גענוג, אַז דאָס פּנים זאָל זיך בּעלײַכטען, אַז דער בּליק זאָל ווערען פֿער־קלערט, און אין מוח זאָלען אויפֿוואַכען אַלטע, הייליגע זכרונות.

„גֶרר"! – אַ קליינעם קורצען נאָמען טראָגט דאָס קליינע אײַנזאַמע אַראַבּי־שע דערפֿעל, און וויפֿיעל פֿערוויקעלטע זכרונות פֿון דער אַלטער יידישער גע־שיכטע דערמאָהנט אונז דאָס דרײַ־אותיות'דיגע וואָרט.

די הייליגע ערד, וואו עס האָט געלעבּט אַ מאָל פֿרײַ און זעלבּסשטענדיג מײַן פֿאָלק, דעק מיר אויף די ריעזיגע סודות פֿון אונזער גרויסער פֿאָלקס־פֿערגאַנגענהײַט! מײַן פּנים ווערט פֿערטראַכט, מײַן בּליק פֿאַלט דאָ אויף די אין אָווענד־שאָטענס־פֿערהילטע בּערג און טהאָלען פֿון לאַנד, דאָ אויף די פּורפּורוואָלקען, וועלכע בּעגלײַטען די זון בּײַ איהר אונטערגאַנג, דאָ ווײַט בּײַ די בּרעגען פֿון אייראָפּע. אַרום מיר איז שטיל, דאָס שיף וויעגט זיך און געהט אָהן אַן'איבּריגען טומעל; אין דונקעל ווינקעל הערט זיך ווי די מאַהמעדאַנער שעפּטשען זייער אומעטיגען „אַללאַ!", וועלכער מישט זיך אוים מיט דעם שטילען בּרומען פֿון די נידריגע וואַליעס.

און פֿאַר מײַנע אַראָבּגעלאָזענע אויגען געהט דורך אַ גאַנצע לאַנגע רײַהע פֿון היסטאָרישע עפּאָכען. גרר איז די אַמאָליגע קאָרן־קאַמער פֿון גאַנצען בּרעג אין די צײַטען פֿון גרויסען הונגער, ווײַל איהר געאָגראַפֿישע לאַגע איז זעהר אַ גוטע. פֿון די הייסע און טרוקענע ווינדען, וואָס בּלאָזען פֿון אַראַבּי־שען מדבּר, פֿערשטעלען איהר די בּערג, און צו'ם ים איז גרר אָפֿען און נידריג. און ווי אַ מאָל אַזוי איצט טרינקען איהר אָן די געדיכטע וואָלקענס, וואָס שווימען [illegible] ...ר'ן ים.

[illegible] נור אַליין איז אַ מאָל געווען גרר אין גרויסען בּרײַטען טהאָל, שטעדט און [illegible]ערעך, ווי אַ סטאַדע שעפּסען, זענען געווען צוזייעט און צוואָרפֿען איבּער איהם, און גרר איז געווען די הויפּט־שטאָדט פֿון דער גאַנצער געגענד.

מיר פֿאָהרען ווײַטער, מיר האַלטען זיך ניט ווײַט פֿון בּרעג, וועלכער איז

נאָך גרין און לעבעדיג אויף אַ לאַנגע שטרעקע. נאָר וואָס נעהנטער צו צפֿון ווערען די רײַכע לאַנקעס אַלץ מאָגערער; אַנשטאָט די גראָזיגע טהאָלען הויבען זיך אַלץ אָפֿטער אָן ווײַזען זאַמדיגע בערגלעך.

באַלד בעהאַלט זיך די שטאָדט הינטער די בערג, וואָס פֿערשטעלען זי פֿון צפֿון, און אַ לעבעדיגעס דענקמאָל פֿון דער יודישער געשיכטע בעהאַלט זיך פֿון אונזערע אויגען...

(ש. אײַזענשטאַט).

אונזערע ברידער אויף קאַווקאַז.

באַטום בײַ'ם שוואַרצען ים, 10 דעצעמבער, תרן...

מײַן טײַערער פֿרײַנד...

אָט ערשט בין איך אַראָב פֿון שיף און שפּאַציער אין די גאַסען פֿון דער גרויסער האַנדעלס־שטאָדט אין קאַווקאַז. ווי פֿאַרענדערט און וואונדערליך איז דער קלימאַט פֿון דער געגענד! ערשט פֿיער טעג אַז איך בין אַרויסגעפֿאָהרען פֿון קערטש מיט אַ לְוָיָה פֿון שנײַ מיט גרויסע פֿרעסט, וועלכע האָבען מיר ווי געהייסען אָבשיקען אַהיים מײַנע זומערדיגע קליידער און נעהמען זיך צו די ווינטערדיגע, און אַז איך בין געקומען אַהער, זעה איך מײַן גרויסען פֿעהלער, וואָס איך האָב געטהון; איך געה אַרום אין שטאָדט, און עס רינט פֿון מיר קײַלעכדיגע טראָפּען שווייס. אַלע פֿענסטער זענען אָפֿען, אַלע באַלקאָנעס זענען אויסגעשטעלט מיט בלומען און רויזען; די בולוואַרען זענען פֿול מיט שפּאַצירער און שפּאַצירערינס... ווי בײַ אונז אין מיטען מאַי. די מַשָׂאִים (אַזוי רופֿט מען דאָ די טרעגערס) געהען האַלב נאַקעט און באָרוועס, וואו ניען גיט אַ קוק, זעהט מען נאָר ווײַסע קאָסטיומען מיט ווײַסע היטלען, עס לעבט די נאַטור, עס וויגט זיך און רעשט זיך! — נאָר ניט שעפּען תענוג פֿון דער נאַטור בין איך געקומען אַהער. מיר יעקב'ס אייניקלעך טאָרען בכלל קיין מאָל ניט פֿערברענגען אויף איין אָרט דאָ... איז טאַקי גלײַכער זיך אַ ביסעלע צו אײַלען, און האָטש בעווײַזען, זיך זעהן און בעקענען מיט אונזערע ברידער.

די מאַטעריעלע לאַגע פֿון אונזערע יודען אין באַטום איז ניט שלעכט. זיי האָבען פּרנסה בכבוד און אַלע פֿאַכען, וואָרום די פֿאַרפֿלוכטע קאָנקורענץ פֿיהלט זיך דאָ ניט, מען נעהמט נאָך גוטע פּרײַזען פֿאַר אַלערליי מלאָכות און פֿאַר סחורות, דאָס לאַנד איז זעהר אַ פֿעטעס און איז פֿול מיט אַלדעס גוטס, דאָס רוב פֿון אונזערע ברידער זענען בעפֿרײַטע ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטען, און די איבריגע זענען בעלי מלאָכות, גרויסע קאָמערסאַנטען און געלעהרטע מיט דיפּלאָמען, וואָס ניבען זיי דאָס רעכט דאָ צו וואָהנען, בכלל

געפֿינען זיך דאָ בערך 800 יודישע פֿאַמיליעס, זיי האָבען דאָ צוויי שוחטים מיט די איבריגע כלי=קודש, נאָר ניט קיין שוהל, האָטש זיי האָבען שוין גאַנץ לאַנג ערהאַלטען די ערלויבניש דערצו. זיי וואָלטען אויך אַ ודאי געהאַט פֿאַר וואָס צו בויען אַ שענע שול, נאָר די אינטריגעס מיט די מחלוקת'ען צווישען זיך, ווי די מאָדע איז בײַ יודען, דערלאָזען זיי ניט עפּעס צו טהון, און אַזוי מוטשען זיי זיך אַלע שבת ובפֿרט יו"ט. מען דינגט מנינים צוליעב גבאות, און ווער עס וויל נאָר זײַן אַ גבאי – דער דינגט זיך אַ מנין...

אונזערע ברידער, אָט די פֿרײַע סאָלדאַטען, וועלכע זענען געבליבען בײַ דעם קינדערשען שכל פֿון דער צײַט, וואָס מען האָט זיי גענומען אין די קאַנטאַניסטען, פֿיהרען זיך נאָך יעצט אויך קינדערש, מע האָט נאָך אין זינען די אַמאָליגע נאַרישקײַטען, ווי אַ שטײַגער קריגען זיך פֿאַר „וַיִצְמַח" „כַּכָּתוּב" מיט „כַּדָּבָר" א. ד. ג. דערצו איז נאָך ווי עפּעס אַ פֿערבאָרגענע שנאה, וואָס ליעגט בײַ זיי אין הארצען אויף די ניט=סאָלדאַטישע יודען. צי די שנאה איז ווײַל זיי קענען נאָך נים פֿאַרגעסען, ווי זיי זענען נעבּיך אַ מאָל אַרויסגעחאַפּט געוואָרען פֿון זייערע עלטערן דורך די ניט=סאָלדאַטישע יודען... און זיי זענען פֿערפֿיהרט געוואָרען אַהין, וואו דער שוואַרצער פּעפּער וואַקסט, צי די שנאה איז פשוט אַזוי, ווי עס פֿיהרט זיך גלאַט בײַ יודען, דאָס ווייס איך ניט. נאָר ווי די געשיכטע איז, איז צווישען די דאָזיגע צוויי פּאַרטייען זעהר אַ גרויסער פּרוד=הלבבות מיט דער אמת'ער שנאַת=חנם און ס'איז אונמעגליך אײַנפֿיהרען צווישען זיי אַחדות און אָרדנונגען. וואָלטען זיך האָטש די עטליכע געבילדעטע אַרײַנגעמישט און זעהן צו ווירקען אויף זייערע פֿערפֿינסטערטע ברי[illegible], זענען זיי אָבער זעהר ווײַט פֿון יודענטום און עס שטעהט זיי גאָרניט [illegible] דערקענען זיך צו זייערע ברידער. מען זעהט זיי נאָר אַ מאָל אין די [illegible]ים צו „יִזְכּוֹר" אָדער צו'ם „יאָהר צײַט"...

גרוזינער יודען זענען אין באַטום דאָ ווייניג וואָס, דערום קען איך דיר וועגען זיי נאָך גאָרניט שרײַבען, אַ חוץ איניגע קורצע ידיעות: אין די טעג האָט זיך דאָ געמשפּט אין אָקרוזשני=סוד אַ גרוזינער ייד, וואָס האָט מיט זײַן קינזשאַל (מעסער) שטערבליך פֿערוואונדעט פֿיער אַרמענער, וועלכע האָבען איהם גענייט צו עסען חזיר, ד. ה. זיי האָבען איהם מיט געוואַלד געעפֿענט דאָס מויל און געפֿידעלט איבער זײַן האַלז מיט זײַערע קינזשאַלען, ער זאָל נאָר עסען חזיר. דער סוד האָט איהם געמאַכט גערעכט ווײַל: „הַבָּא לְהָרְגְךָ הַשְׁכֵּם וְהָרְגוֹ", אַז מע קומט דיך הרג'נען, מעגסטו דיך רעטען מיט דעם רוצח'ס טוידט. אַך, עס זענען נאָך פֿאַרהאַן אַזוינע יודען, וואָס וואַרפֿען זיך ווי אַ טיגער אין אַ שלאַכט, ווען מע וויל זיי מיט געוואַלד איבערפֿיהרען אויף זייערע רעליגיעזע געזעצען! עס געפֿינען זיך נאָך בײַ אונז אַזוינע, וואָס זייער קולאַק קאָן ווײַזען יענעם, ער זאָל וויסען דרך=ארץ! עס ווילט זיך מיר

זעהר באקענען מיט אזוינע יידען – איך פאהר באלד קיין טיפליס, דארט זענען דא פיעל גרוזינער יידען, און איך וועל זיך סטארען מיט זיי צו באקאנען. וואס איך וועל זיך וועגען זיי דערוויסען, וועל איך דיר שרייבען.

דיין פריינד

(צבי כשדאי).

§ 10. פאנטאסטישע רייזע-בעשרייבונגען.

די דאזיגע ארט בעשרייבונגען זענען פערהעלטניסמעסיג נישט לאנג איינגעפיהרט געווארען אין דער וועלט-ליטעראטור דורך זשול-ווערן *). זיין ציעל איז צו געבען זעהר נוצליכע וויסענשאפטליכע ידיעות דורך שילדערונגען, בעשרייבונגען און ערצעהלונגען אין דער פארם פון רייזע-בעשרייבונגען, וואס עס זענען נישט אין דער אמת'ן פארגעקומען, נאר אויסגעטראכט געווארען פון דעם פערפאסער. א גרויסער טייל פון זשול-ווערן'ס רייזע בעשרייבונגען זענען איבערגעזעצט אין יידישען. אריגינעלע עהנליכע פאנטאסטישע רייזע-בעשרייבונגען זענען אין דער יידישער ליטעראטור נישטא.

§ 11. היסטארישע ווערק.

אלס היסטארישע ווערען בעצייכענט אלע ווערק, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט די לעבענסבעשרייבונגען פון איינצעלנע פערזאנען אדער מיט דער געשיכטע פון גאנצע פעלקער אדער דער גאנצער מענשהייט. פערשידענע ארטען פון היסטארישע ווערק זענען, 1) ביאגראפיען, אדער לעבענסבעשרייבונגען און אויטא-ביאגראפיען, אדער אייגענע לעבענס-בעשרייבונגען; 2) זכרונות; 3) חראניק און 4) געשיכטע.

§ 12. ביאגראפיע.

די ביאגראפיע ענטהאלט אין זיך די געשיכטע פון דעם לעבען און טעטיגקייט פון איינצעלנע פערזאנען, עס זענען פארהאן מענשען, וואס האבען זיך

---

*) א געטויפטער פוילישער ייד, וועלכער האט זיך בעזעצט אין פראנקרייך, אנגענומען דארט א פראנצויזישען נאמען און געשריבען זיינע ווערק אין דער שפראך. ער איז געשטארבען אין יאהר 1905.

שטארק אויסגעצייכענט מיט זייערע מעשים פאר די געזעלשאפט, זייער לעבען און טעטיגקייט קענען דיענען אלס ביישפיעל פאר'ן כלל. מיט דעם לעבען פון אזעלכע מענשען אינטערעסירט זיך די וועלט, און דעריבער זענען זייערע ביאָגראפיעס פון גרויסען נוצען. אין דער ביאָגראפיע ווערען נישט נאָר ערצעהלט די פאקטען וועגען דעם מענשען, פון וועלכען עס רעדט זיך, און עס ווערט געשילדערט זיין לעבען, נאָר פיעל מאָל ווערט ער אויך חאראקטעריזירט און אָבגעשאצט דורכ'ן שרייבער. אום בעסער צו חאראקטעריזירען דעם העלד פון דער ביאָגראפיע, ברענגט דער ביאָגראף אָפט פערשיעדענע זאצען און אויסדריקע, מיט וועלכע ער פלעגט זיך בענוצען און אמאָל זאָגאר מוסטערן פון זיינע ווערק, ווען עס רעדט זיך פון א בעריהמטען שרייבער אָדער פאָעט. אלס ביישפיעל ברענגען מיר דאָ די ביאָגראפיע פון ר' יהודה הלוי, וואָס איז געשריבען געוואָרען פון י. ל. בארוכאָוויץ.

רבי יהודה הלוי.

(זיין לעבען און ווירקען).

I.

דער גרויסער יודישער נאציאָנאל-פאָעט רבי יהודה הלוי איז געבוירען אין יאָהר 4840 לבריאת העולם, (1080), אין דער שפאנישער פראָווינץ אלט-קאסטיליען, אין דער הויפט-שטאָדט טאָלעדאָ. זיינע עלטערן זענען געווען בעמיטעלטע מענשען, און זיין יוגענד איז איבערגעגאנגען אונבעזאָרגט און אונבעטריבט. שפאניען איז צו יענער צייט צעטיילט געווען אויף צוויי קעניגרייכען, פון וועלכע איינס איז געווען אונטער דער הערשאפט פון די אראבער און דאָס אנדערע אונטער דער הערשאפט פון קריסטען. אין אראבישע שפאניען האָבען דאמאָלס געבליהט די וויסענשאפטען און חכמות און העכסטען גראד. ס'זענען דאָרט געווען פיעל גרויסע פילאָזאָפען, געלעהרטע און דיכטער. קריסטליך-שפאניען, דאגעגען, איז געשטאנען אין בעציהונג פון בילדונג זעהר נידריג. און דארום האָט רבי שמואל, ר' יהודה הלוי'ס פאָטער, אוועגעשיקט זיין פעהיג קינד לערנען קיין אראביש-שפאניען. אין דער שטאָדט לוסענע איז דער יונגער שפעטערדיגער משורר אריינגעטראָטען אין דער ישיבה פון דעם בעריהמטען גאון רבי יצחק אלפסי. אויסער תלמוד האָט ער געלערנט ביי אנדערע לעהרערס אויך פילאָזאָפיע און אנדערע וויסענשאפטען. אויך האָט ער גרינדליך ערלערענט די אראבישע און קאסטילישע שפראכען, ווי דאָס רוב יודישע חכמים פון יענער צייט, וועלכע האָבען ניט געוואָלט מאכען קיין

פּרנסה פֿון זייער תורה, האָט אויך רבי יהודה הלוי געשטודירט, אַלס אַ פּראָפֿעסיאָן, די מעדיצין.

אַלס געלעהרטער פֿילאָזאָף און דאָקטאָר, האָט ער צוריקגעקעהרט אין זיין געבורטסשטאָדט טאָלעדאָ, וואו ער האָט אָנגעהויבען זיך צו בעשעפֿטיגען מיט היילען קראַנקע, און איז אין אַ קורצע צייט געוואָרען בערימט פֿאַר אַ קונסטליכען דאָקטאָר.

נאָר זיין טרוקענע פּראַקטישע בעשעפֿטיגונג האָט אין איהם ניט אונטערדריקט זיין הויכען גייסט, און אין זיין פֿרייע צייט האָט ער זיך פֿלייסיג אָבגעגעבען מיט פּאָעזיע, פֿילאָזאָפֿיע און לערנען מיט פֿיעל תלמידים. געוויסע ידיעות פֿון זיין אויפֿענטהאַלט אין טאָלעדאָ, זענען צו אונזער גרעסטען בעדויערען, אונבעקאַנט. וואַהרשיינליך האָט ער אין טאָלעדאָ חתונה געהאַט און ס'איז ביי איהם דאָרט געבוירען געוואָרען אַ טאָכטער. אין טאָלעדאָ זענען געוועזען זעהר וועניג חכמים, מיט וועלכע רבי יהודה האָט זיך געקאָנט אונטערהאַלטען, און דעריבער האָט ער אַליין געשטרעבט זיך צו בעזעצען אין אַראַבישען שפּאַניען, און אַזוי געפֿינען מיר איהם אויך צולעצט אין דער שטאָדט קאָרדאָוואַ, וואו ס'זענען געוועזען פֿיעל געבילדעטע לייט, חכמים און משוררים. — דאָס איז כמעט אַלץ, וואָס מיר וויסען פֿון רבי יהודה הלוי'ס לעבענס-געשיכטע, פֿון זיין יוגענד ביז די עלטערע יאָהרען.

II.

דער בערימטער דיכטער היינע זאָגט, אַז בשעת גאָט האָט בעשאַפֿען רבי יהודה הלוי'ס נשמה, איז זי אַרויס אַזוי פֿאָלקאָם, אַזוי שען, אַז גאָט אַליין האָט זיך געפֿרעהט, זי אָנקוקענדיג, און האָט זי אַ קוש געגעבען, און דער קלאַנג פֿונ'ם קוש הערט זיך פֿון אַלע שירים פֿון דעם משורר. די גאָט-געקישטע פּאָעטישע נשמה האָט זיך ענטוויקעלט זעהר פֿריה, און שוין אין זיין דרייצעהנטען יאָהר האָט רבי יהודה געשריבען שירים, וואָס האָבען אויף זיך געצויגען די אויפֿמערקזאַמקייט און בעוואונדערונג פֿון די גרעסטע חכמים פֿון יענער צייט, אונטער וועלכע ס'איז געוועזען אויך דער בערימטער פּאָעט משה בן עזרא. זיינע ערשטע לידער זענען געוועזען פֿריינדשאַפֿטס-לידער, און זיי האָט ער אויסגעדריקט זיין פֿרייד איבער די שמחות פֿון זיינע פֿריינד, זיין מיטגעפֿיהל אין טרויסטונג אין זייער אומגליק. שפּעטער איז זיין האַרץ ערגריפֿען געוואָרען פֿון דעם עדעלסטען און שטאַרקסטען פֿון אַלע מענשליכע געפֿיהלען — פֿון ליעבע, און ער האָט אויסגעגאָסען אין אַ גאַנצע רייהע פֿון אַנצויעהענדע, העכסט פּאָעטישע גליהענדע ליעבע-לידער זיין בעצויבערטען, ערשטורמטען געמיט. אויך האָט ער געשריבען פֿיעל גלענצענדע,

פֿאַרבענפֿרישע נאַטורשילדערונגען, וועלכע שטעלען איהם אין איין גראַד מיט די גרעסטע פּאָעטען פֿון דער וועלט.

דאָך צו׳ם מלך פֿון אַלע משוררים, ווי היינע רופֿט איהם אָן, האָבען איהם געמאַכט נאָר זיינע נאַציאָנעלע שירים. אַלץ, וואָס דאָס יידישע צעבראָכענע האַרץ האָט געפֿיהלט, זייט דאָס יידישע פֿאָלק איז פֿערוואָגעלט געוואָרען פֿון זיין לאַנד, אַלע ימים טרעהרען, וואָס יידען האָבען פֿערגאָסען אין זייער פֿינסטערן שרעקליכען גלות, דאָס גאַנצע בענקען אַהיים, צו דאָס ליעבע אַלטע ציון — דאָס אַלעס האָבען בעגייסטערט ר׳ יהודה הלוי׳ס געמיט, דאָס אַלעס האָט ער אויסגעגאָסען אויף די גילדענע סטרונעס פֿון זיין געטליכע האַרפֿע. זיינע ציאָנידעס (ציונס-ליעדער) זענען אַזוי וועהמוטיג, אַזוי טרויעריג, אַזוי זיס און געוואַלטיג, אַז זיי ערשיטערן יעדעס מענשליכע האַרץ און פּרעסען אַרויס טרערען פֿון די אויגען. לעזענדיג זיי, הערט זיך דאָס קרעכצען, דאָס יאָמערן, דאָס בענקען פֿון אַ געפֿאַנגענע נשמה, וואָס שמאַכט אין דער פֿרעמד, און געפֿענגעניש, ווייט פֿון איהר היים, פֿון איהרע ליכטיגע הימלען, בלומיגע פֿעלדער און פֿרייע הימעל-ערגייכענדע ריזענבערג.

רבי יהודה הלוי האָט געלעבט אין שפּאַניען אין אַזאַ עפּאָכע, אין וועלכע יידען האָבען נאָך דאָרט גענאָסען אַלע רעכטע צוגלייך מיט אַלע בירגער, און דאָך איז ער ניט רוהיג, און דאָך ציהט עס איהם, בענקט זיך איהם אַהין, צו זיין אייגען היים, צו זיין אייגען לאַנד...

מיין האַרץ איז אין מזרח, און מערב בין איך...

זינגט ד   עט אין אַ ליעד, און דאָס האָט ער געזונגען ניט פֿאַר זיך אַליין, ניט   פֿאַר זיין אייגענעם האַרץ, נאָר אויך פֿאַר אַלע מיליאָנען יידישע הערצער, וואָס קלאַפּען אין אַלע עקען פֿון דער וועלט, וואָס זענען בעלעבט פֿון איין אידעאַל, וואָס שטרעבען צו איין ציעל, — צו ציון... רבי יהודה האָט שוין דאַמאָלס איינגעזעהן, אַז די יידישע לאַגע אין דער פֿרעמד וועט אַלע מאָל זיין שלעכט, אַז יידען דאַרפֿען זיין זעלבסטשטענדיג, לעבען ווי אַלע פֿעלקער אין זייער אייגען לאַנד, און דאַרום רופֿט ער צו די „טויבען, וואָס זענען פֿערוואָגעלט פֿון זייער נעסט”, צו׳ם יידישען פֿאָלק, וואָס וואַנדעלט אין פֿינסטערן גלות, זיך אומצוקעהרען צוריק אַהיים. ער זאָגט:

צי איז דאָ אין מזרח און מערב אַנ׳אָרט,
וואו ס׳לעבט זיך רוהיג און זיכער אונז דאָרט?...

אָבער מען הערט איהם ניט. איינער אַליין, ווי אַ נביא, שטעהט רבי יהודה אין זיין צייט און וועקט און רופֿט דאָס יידישע פֿאָלק זיך אומצוקעהרען אין זיין אייגען לאַנד, אָבער זיין שטימע פֿערקלינגט ווי איינער, וואָס רופֿט אין דער וויסטע. אַלע זיינע געדאַנקען, זיין טראַכטען און זינען זענען געוועזען איבער דאָס הייליגע לאַנד און דאָס צוריקקעהרען אַהין. אויך אין חלום

האָט זיך איהם פֿאָרגעשטעלט ווי יודען לעבען ווידער גליקליך אין זייער לאַנד, ווי דער בית=המקדש איז ווידער אויפֿגעבויט מיט'ן גרעסטען פּראַכט און די לויים זינגען הייליגע, בעגייסטערטע לידער צו גאָט.

III

רבי יהודה איז געווען ניט נאָר אַ גרויסער פּאָעט, נאָר אויך אַ גרויסער פֿילאָזאָף. זיינע פֿילאָזאָפֿישע בעטראַכטונגען האָט ער אַרויסגעזאָגט אין זיין בעריהמטעם ווערק „כוזרי", וועלכעס ער האָט געשריבען אין אַראַבישער שפּראַך צו פֿערטיידיגען דאָס יודענטהום געגען דעם פֿילאָזאָפֿישען אונגלויבען פֿון זיין צייט. אַזוי ווי אין זיינע שירים האָט רבי יהודה אויסגעדריקט די יודישע נאַציאָנאַל=געפֿיהלען, אַזוי האָט ער אויך אין „כוזרי" אויסגעדריקט די יודישע נאַציאָנאַל=געדאַנקען. דער „כוזרי" איז געשריבען אין פֿאָרם פֿון אַ געשפּרעך אין אַ וכוח צווישען דעם חאַזאַרישען מלך בולאַן אין אַ יודישען געלעהרטען. אין איהם האַנדעלט זיך איבער גאָט, איבער זיין פֿערהעלטניס צו דער וועלט און צו'ם מענשען, איבער דעם מענשענס אויפֿפֿיהרונג אין זיין בעשטימונג. עס וועט ניט זיין איבערטריעבען ווען מיר וועלען בעהויפּטען, אַז קיין ליטעראַטור אין מיטעלאַלטער בעזיצט ניט אַזאַ גרויסאַרטיגעס ווערק מיט אַזעלכע וואונדערבאַרע טיעפֿע און ערהאַבענע געדאַנקען. —

רבי יהודה הלוי איז ניט געווען פֿון דעם אַרט גרויסע מענשען, וואָס ביי זיי איז אַנ'אונטערשייד צווישען זייער שרייבען און זייערע מעשים, וואָס זאָגען מוסר אַנ'אַנדערן און אַליין פֿיהרען זיי זיך גלייך ווי אַלע. יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט געשריבען, איז געווען דורכגעדרונגען פֿון אינערסטע איבערצייגונג און אַרויס פֿון טיעפֿסטען גרונד פֿון זיין האַרצען. זיין גאַנצען לעבען האָט ער געוועקט זיינע ברידער זיך אומצוקעהרען אין זייער לאַנד, און אַם ענדע פֿון זיינע יאָהרען האָט ער אַליין עס אויסגעפֿיהרט.

זעכציג יאָהר איז רבי יהודה אַלט געווען, אַז ער האָט געענדיגט דעם כוזרי, און דאַן האָט ער זיך בעשלאָסען צו פֿערווירקליכען זיין טייערסטען לעבענס=חלום, זיין היסעסטען וואונש — צו פֿאָהרען קיין ארץ=ישראל. זיין שוואַכעס עלטער זיין איינציגע געליעבטע טאָכטער און ענינקעל, זיינע צאָהלרייכע תלמידים און פֿריינד זענען ניט געוועזען אימשטאַנד צו אונטערדריקען זיין בענקען נאָכ'ן הייליגען לאַנד. אומזיסט האָבען איהם זיינע פֿריינד פֿאָרגעשטעלט, ווי שווער און געפֿעהרליך אַזאַ רייזע איז פֿאַר אַזאַ אַלטען שוואַכען מאַן ווי ער, אומזיסט האָבען איינינע פֿון זיי זיך בעמיהט איהם צו איבערצייגען, אַז ביי דער צייט, ווען ארץ=ישראל איז אונטער דער הערשאַפֿט

פֿון אַנדערע פֿעלקער, שטעהט זי גאָרנישט העכער פֿון אַלע אַנדערע לענ=
דער — אומזיסט! זיין בעשלוס איז געבליבען אונבעוועגליך. און אַזוי האָט
ער פֿערלאָזען זיין פֿאַטערלאַנד און אַלעס וואָס איז איהם טייער און ליעב
געוועזען און זיין לעבען און האָט זיך געלאָזט אויף דער רייזע. זיין דורכ=
פֿאָהר דורך שפּאַניען איז געוועזען אַ טריומפֿ=צוג. אין יעדער שטאָדט זענען
איהם די גרעסטע לייט געקומען אַנטקעגען און איהם אָנגעטהון גרויס כבוד,
און בעגלייטונג פֿון איינינגע פֿריינד האָט ער זיך געזעצט אויף אַ שיף, וועל=
כעס האָט געזעגעלט קיין מצרים (אים יאָהר 1141). איינגעשלאָסען „ווי לע=
בעדיג בעגראָבען" אין די ענגע פֿערשטיקטע קאַיוטע, וואו ער האָט זיך ניט
געקאָנט ריהרען און קעהרען, צווישען גראָבע שיפֿלייט, וואָס האָבען געשפּעט
און געלאַכט פֿון איהם, צווישען ווילדע שטורעמ'ס, וואָס האָבען געשליידערט
דאָס שיף ווי אַ שפּיעלצייג און עס כמעט צערשמעטערט, — זענען אַרויסגע=
קוואָלען פֿון זיין ברוסט אַזעלכע ערהאַבענע, געניאַלע ים=ליעדער, וואָס ס'איז
שווער צו געפֿינען זייער גלייכען אין אַנ'אַנדער ליטעראַטור. מיט לעבעדיגע
גלענצענדע און וואונדערבאַרע פֿאַרבען שילדערט ער דעם געוואַלדיגען קאָ=
כענדען ים, די מעכטיגע שרעקליכע ווינטען, וואָס הויבען אויף בערגהויכע,
שנעעווייסע, שפּריצענדע וועלען, די שטילע רוהיגע נאַכט מיט איהרע מיליאָ=
נען דימענטענע שטערן, וואָס שפּיגלען זיך אָב אין דעם טיעפֿען קלאָרען ים.
דער בלויער, לויטערער און גרונדלאָז=טיעפֿער הימעל שטעלט זיך איהם
אויך פֿאָר ווי אַ ים און צווישען די ביידע ימים שטורמט און קאָכט אַ דריטער
ים — זיין האַרץ!

אַז דער ים איז אויפֿגערעגט און זידט ווי אַ קעסעל דאַן זינגט ער:

ער שטורמט דער ים, דאָך פֿרעהט זיך מיין זעעלע,
דען צום בית=המקדש טרייבט מיך די וועלע.

און אַלכּסנדריה, וואו דער שטורם האָט פֿערשטויסען זיין שיף, און וואו
ער האָט געדרעכענט זיך אויפֿצוהאַלטען נאָר איינינגע טעג, האָט איהם די
יודישע געמיינדע און בעזאָנדערס איהר פֿאָרשטעהער דער רב און דאָקטאָר
אהרן בן ציון אַלמאַני, ערוויזען אַזוי פֿיעל כבוד און ליעבע, אַז ער איז
דאָרט, קעגען זיין ווילען, פֿערבליעבען דריי מאָנאַט. פֿון אַלכּסנדריה
האָט ער געוואָלט פֿאָהרען אין די האַפּענשטאָדט דאַמיעטע, אום פֿון דאָרט
פֿאָהרען קיין פּאַלעסטינאַ, דאָך דער יודישער פֿירשט ר' שמואל בן חנניה
הנגיד, וועלכער איז געוועזען אַ לייב=דאָקטאָר ביי'ם כּליף אַל האַפֿיר=לעדין=
אַללאַה, האָט איהם געשיקט אַ בריעף און געבעטען ער זאָל פֿער=
פֿאָהרען צו איהם קיין קאַאירא. רבי יהודה האָט אָנגענומען די איינלאַדונג
און איז פֿערבליבען איינינגע צייט אין קאַאירא, וואו רבי שמואל הנגיד
האָט זיך נעגעבען אַלע מיהע איהם אַרויסצוווייזען זיין פֿערעהרונג און

בעוואונדערונג. פֿון קאַאירא איז ער געפֿאָהרען קיין דאַמיעטע, וואו זיין אַלטער פֿריינד ר׳ חלפֿון הלוי איז געוועזען זעהר ערפֿרעהט איבער זיין קומען. אויך דאָ האָבען זיך זיינע פֿריינד בעמיהט איהם אָבצורעדען פֿון זיין רייזע, ער איז אָבער געבליעבען פֿעסט ביי זיין ווילען און גלייך נאָכדעם האָט ער זיך געזעצט אויף אַ שיף, וועלכע האָט געזעגעלט קיין פּאַלעסטינע.

ביז אַהער בעגלייט איהם די געשיכטע אויף זיין רייזע, ביז אַהער דערצעהלט זי אַלעס גענוי, וואו ער איז געוועזען און פֿון וועמען ער איז עמפּפֿאַנגען געוואָרען — פֿון דאַנעט אָן אָבער ווערט זי פּלוצלונג אָבגעריסען און מיר וויסען ניט, וואָס ס׳האָט זיך מיט איהם ווייטער פּאַסירט, צי האָט ער דערלעבט צו זעהן דאָס הייליגע לאַנד, צי איז ערפֿילט געוואָרען זיין הייסער וואונש צו ליעגען אין איהר אָדער נישט. דאָס אַלעס איז פֿערהילט אין דונקעל, נאָר אַ וואונדערבאַרע זאַגע ערצעהלט אונז, אַז נאָך פֿיעל וואַנדערונגען האָט ער צו׳ם סוף עררייכט זיין לאַנג געווינשטען ציעל און געקומען אין ירושלים. די שרעקליכע פֿערוויסטונג פֿון די פֿאַרצייטיגע פּראַכטפֿאָלע, בעפֿעלקערטע שטאָדט האָט איהם אַזוי ערשיטערט, אַז ער האָט זיך געזעצט פֿאַר דעם טויער און געקלאָגט זיין בעריהמטעס ציונס-ליעד „ציון הֲלֹא תִשְׁאֲלִי״. ווי ער איז אַזוי געזעסען און בעוויינט דעם חֻרְבָּן פֿונ׳ם הייליגען לאַנד און די שרעקליכע יודישע לאַגע אין גלות, איז פֿאָרבייגעריטען אַן אַראַבישער רייטער און האָט איהם צעטרעטען אונטער די פֿיס פֿון זיין פֿערד, ווייל איהם האָט פֿערדראָסען צו זעהן ביי אַ יודען אַזאַ גליהענדע ליעבע צו׳ם הייליגען לאַנד.

אַזוי בעזינגעלט די זאַגע ר׳ יהודה הלוי׳ס הייליגעס, ריינעס, אידעאַלפֿאָלעס לעבען. געלעבט פֿאַר ציון — געשטאָרבען פֿאַר ציון.

IV.

אום נאָהנטער בעקאַנט צו מאַכען די לעזער מיט אונזער גרעסטען נאַציאָנאַר-פּאָעט גיבען מיר דאָ אין פֿרייער איבערזעצונג זיין ערהאַבענסטעס געפֿיהלפֿאָלסטעס נאַציאָנאַר-ליעד „ציון הֲלֹא תִשְׁאֲלִי״, וועלכעס יידען זאָגען אַלע יאָהר תִּשְׁעָה בְּאָב אין די „קינות״.

אַך, הערסט דו, ווי ס׳גריסען דיך, ציון געליעבטע,
פֿון גלות די קינדער מיט הערצער בעטריבטע?
זיי גריסען דיך אַלע פֿון נאָהנטען פֿון ווייטען,
פֿון מזרח און מערב, פֿון אַלע פֿיער זייטען!

אַ גרוס דיר אָ, מוטער, אַ גרוס דיר אַצוּנד,
פֿון מיר אויך דײַן אָרעמעם, עלענדעס קינד,
וואָס בענקט שטאַרק נאָך דיר, וואָס געלוסט זעהר גערן
בעגיסען, בענעצען מיט גליהענדע טרערען
די בערג דײַנע הויכֿע, וואָס גלענצען מיט פּראַכֿט.
דײַן אונגליק בעוויין איך בײַטאָג און בײַנאַכֿט;
אָפֿט חלומט זיך מיר אויך אַ געטליכֿער חלום
איך זעה, ווי עס קעהרען זיך ווידער בשלום
צו דיר דײַנע קינדער, וואָס זענען צעשפּרייט
אין שרעקליכֿען גלות, געגאַנגען, געקייט;
דאַן נעהם איך מײַן פֿידעל און שפּיעל מיר און שפּיעל
און גיעס אויס אין לידער מײַן שטורמענד געפֿיהל!
עס ברענט אין מײַן האַרצען אַ פֿײַעריג פֿערלאַנגען
נאָך בית־אל און פּניאל, וואו ס'זענען געגאַנגען
פֿאַרצײַטען מלאכֿים, וואו ס'האָט דאָרט געשוועבט
די הייליגע שכֿינה און אַלעס בעלעבט;
וואו ס'האָט דאָרט געקליידעט אין גלאַנץ און אין פּראַכֿט
אַנ'אָפֿענער הימעל אַנטקעגען געלאַכֿט.
ניט זון, ניט לבנה, ניט שטערען אַ קראַנץ,
ס'האָט דאָרט געלויכֿטען נאָר גאָט אין זײַן גלאַנץ.
אויסגיסען, אָ, וויל איך מײַן שטורמענד געמיט,
אויפֿ'ן אָרט, וואו דער הייליגער גײַסט האָט דורכֿגליהט
די מענשען דערוועהלטע, די מענשען די בעסטע.
אָ, שטאָדט פֿון מלכֿים און פֿירשטען די גרעסטע,
עס רײַסט מיר מײַן האַרץ ווען איך מיך דערמאָן,
אַז קנעכֿט זיצען, אַך, אויף דײַן געטליכֿען טראָן!
ווער ברענגט מיך אַהין, וואו ס'גלוסט מיך בעטרעטען
די הייליגע ערטער, וואו צו די פּראָפֿעטען
האָט גאָט זיך בעוויזען; וואו נעהם איך, אָ, ציון!
פֿליגלען, אַך, מעכֿטיגע פֿליגלען צו פֿליהען,
צו דיר מײַן קראַנקעס צעבראָכֿענעס הערץ;
ווי וואָלט איך דאַן פֿאַלען און קניען מיט שמערץ
מיט שמערץ און מיט פֿרייד, מיט לוסט און געוויין,
און קושען דײַן שטויב און דײַן איטליכֿען שטיין!
און ווײַטער אַלץ ווײַטער, אָ וואָלט איך דאַן געהן
קײַן חברון, וואו ס'רוהט און שלאָפֿט דאָס געביין

פֿון אונזערע אָבות שוין טויזענדע יאָהר,
צום הר העברים און באַרג הר ההר,
וואו ס'זענען צוויי זונען פֿערלאָשען, פֿערדונקעלט,
וואָס האָבען פֿאַרצייטען גאַנץ ליכטיג געפֿונקעלט! ——
דיין לופֿט איז זאָ לויטער, זאָ קלאָר און זאָ ריין
גיעסט לעבען און יעדער נשמה אַריין!
עס קאָן קיין געווירץ מיט דיין שטויב זיך פֿערגלייכען,
ווי ליעבליך עס רוישען און דיר דיינע טייכען! ——
ווי זיס און ווי טייער, אַך, וואָלט מיר געווען
אויף נאַקעט און באָרוועס צו וואַנדלען צו געהן
אויפֿ'ן וויסטען, טרויריגען און טייערען אָרט,
וואו דער בית המקדש געשטאַנען איז דאָרט,
וואו ס'האָבען, געהוילט און אַ וואָלקען פֿון גרויז,
דער אָרון און הייליגע כרובים גערוהט.
מיין צוער פֿון קאָפּ רייס איך און פֿלוכע די צייט,
וואָס האָט דיר פֿערטריעבען די הייליגע לייט.
עס נעהמט מיר קיין עסען, עס נעהמט מיר קיין טרינקען
ביים אָנבליק ווי אַל דיינע ליבען, אָ, זינקען,
און ווערען פֿון הינט געשלעפּט און געריסען.
ווי זאָל מיר דאָס ליכט מיין לעבען פֿערזיסען.
ביי'ם שרעקליכען אָנבליק, ווי מיאוסע ראָבען
צעהאַקט און געפֿרעסען די אָדלערס דיין האָבען.
אָ, בעכער פֿול יאָמער, גענוג שוין, האַלט איין!
גענוג שוין מיך טרענקען מיט גיפֿט און מיט פּיין!
דו פֿ־ייענקסט מיך אָן אויפֿהער, דו טרענקסט מיך ביז גרונד,
פֿערגיפֿטעסט, פֿער'סמ'ט און מיר, אַך, מיין וואונד!
אָ ציון געליעבטע פֿול פּראַכט און פֿול צער,
היי זעגען די קינדער געבונדען צו דיר!
זיי האָבען מיט דיר און דיין גליק זיך געפֿרעהט
און קלאָגען אָהן אויפֿהער אַצינד אויף דיין לייד;
בעוויינען מיט ביטערע טרערען דיין בראָך.
פֿערלאַנגען און שטרעבען און ווענדען זיך נאָך
צו דיר, אָ, געליעבטע און טייערסטע שטאָדט,
און גיעסען דאָס ביטערע האַרץ אויס פֿאַר גאָט.
אָ, אָרעמע שעפֿעלעך, וויים פֿון דיר וויים,
אויף בערג און אויף טאָלען צעזייט און צעשפּרייט.

אין ס'הערט זיי ניט אויף נאָך דיר זיך צו בענקען.
און פרייידען און לייידען אַלץ דיך צו גערייינקען.
זיי טראַכטען און זינען, זיי ווינשען און שטרעבען
ביי דיר אונטער פּאַלמען צו רוהען, צו לעבען.
צי קאָנען דען שנעער און פּתרים דיך גרייבען,
און זייערע געטער דיין גרויסען גאָט גלייכען?
וועלך פאָלק אין דער וועלט האָט אַזעלכע נביאים,
אַזעלכע מלכים, אַזעלכע לויים?
עס וועלען די געטצען-מלוכות פאַרגעהן,
נאָר דו וועסט אויף עביג, אויף עביג בעשטעהן.
געליעבט און געוויילט און געוואָהנט אין דיר האָט
דער שטראַהלענדער הייליגער מעכטיגער גאָט.
אָ גליקליך וועם ער האָט די זכיה געגעבען,
צו אַטמען דיין לופט און אין דיר צו לעבען!
אָ גליקליך וועם ס'וועט בעשערט זיין צו זעהן,
ווי ס'וועט ווידער דיין מאָרגענשטערן אויפגעהן,
און ווידער, ווי דאַמאָלס אין די גליקליכע צייט,
וועט ווערען דיין בליהענדע יוגענד ערנייט!

י"ל ברוכאָוויטש.

§ 13. אויטאָביאָגראַפיע.

אַ בעשרייבונג פון אייגענעם לעבען הייסט אויטאָביאָגראַפיע. אויטאָביאָגראַפיעס פון וויכטיגע פערזאָנען האָבען אַ גרויסען ווערט, ווייל זיי געבען אונז ריכטיג איבער דאָס לעבען און געדאַנקען פון יענע פערזאָנען און ערקלערען אונז די אורזאַכען און בעדינגונגען, וואָס האָבען אין זיי ערוועקט זייערע גרויסע געדאַנקען און געהאָלפען זיי פערווירקליכען. אַזוי ווייזט צו'ם ביישפּיעל ד"ר הרצל אָן אין זיין אויטאָביאָגראַפיע*) אויף די הויפּט-סבות, וועלכע האָבען אין איהם ערוועקט דעם ציוניסטישען געדאַנק.

געבאָרען בין איך אין'ם יאָהר 1860 אין דער שטאָדט בודאַפּעשט ניט וויט פון דער שוהל, פון יענער שוהל, וואָס דער אַלטער רב האָט דאָרט ניט לאַנג מיך געזודעלט דערפאַר, וואָס איך האָב אַ העזה צו וועלען געבען ידען אַזעלכע רעכט מיט אַזאַ כבוד, וואָס זיי האָבען ביז אַהער נאָך ניט גע-

*) געדרוקט אין דער ענגלישער צייטונג „טיימס" אין יאָהר 1898; איבערגעזעצט דורך שלום עליכם.

האַט. דערפֿאַר אָבער וועט אויפֿ'ן טהויער פֿונ'ם הויז, וואו איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערזעהן גאָטס וועלט, אין אַ יאָהר צוואַנציג אַרום, זיבער אַרויסגעהאַנגען ווערען אַ בלעטיל מיט אַן'אויפֿשריפֿט: עס גיט זיך אָפּ אַ קוואַרטיר זעהר וואָלוועל, וואָרום דער בעל=הבית איז אַריבערגעפֿאָהרען (קיין ארץ ישראל)... תחילת האָט מען מיך אָבגעגעבען אין חדר און איך האָב זיך געפֿונען אין דער גליקליכער לאַגע פֿון „אַ נגיד'ס אַ יונגעל". איך געדענק נאָך די קלעפּ פֿונ'ם רבי'ן, וועלכע איך האָב בעקומען דערפֿאַר, וואָס איך האָב נישט געקאָנט אַזוי גוט דערצעהלען אויף אויסווייניג די ניסים פֿון יציאת מצרים. איך מיין, אַז די היינטיגע רבנים וואָלטען מיר ניט געקאַרגט קיין קלעפּ דערפֿאַר, וואָס איך דערמאָהן זיי אַזוי אָפֿט פֿון יציאת מצרים... צו צעהן יאָהר בין איך אַריין אין אַ שולע צווישען קריסטען, און האָב דאָרט אויך קיין האָניג ניט געלעקט: די לעהרערס זענען געווען אַנטיסעמיטען. איין לעהרער האָט געגעבען צו פֿערשטעהן, וואָס הייסט געצענדיענער, אַז דאָס מיינט מען יידען און מאַחמעדאַנער. אויסגעהערט אַזאַ שיינעם פּירוש האָב איך מיך מישב געווען: גענוג שוין די תורה פֿון דער שולע, מע דאַרף שוין אַריבערגעהן אין גימנאַזיע. מיין גוטער פֿאָטער האָט מיר דעם וועג ניט פֿאַרשטעלט און איך בין אַריין למזל אין דער „יעוואַנגעלישער גימנאַזיע", וואו עס האָבען זיך געפֿונען מעהר יידען ווי קריסטען, און דערפֿאַר איז מיר געווען דאָרטען בעסער. אין זיבעטען קלאַס גימנאַזיע האָב איך אָנגעשריבען און אָבגעדרוקט מיין ערשטען אַרטיקעל אין די גאַזעטען אָהן מיין נאָמען, וואָרום איך וואָלט געקאָנט חאַפּען דערפֿאַר אַ מיאוס'ען פּסק, און אַז כ'האָב די גימנאַזיע געענדיגט איז געשטאָרבען מיין איינציגע שוועסטער, און דאָס האָט אויף מיין אָרעמער מוטער אַזוי געווירקט, אַז מיר האָבען געמוזט אַריבערפֿאָהרען אין איין אַנדער שטאָדט, קיין ווין. בשעת מיר זענען געזעסען שבעה איז געקומען אונז מנחם=אָבל זיין דער ראַבינער כּהן און האָט מיך אַ פֿראַגע געטהון, וואָס רעכען איך טהון, האָב איך איהם געענטפֿערט, איך וויל זיין אַ שרייבער, האָט ער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, פּונקט אַזוי ווי ער האָט נאָכדעם געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אַז ער האָט דערהערט פֿון מיין ציוניזם...

אין ווין האָב איך שטודירט אין אוניווערזיטעט אויף יוריסט און געווען אַ חברה=מאַן צווישען חברה=לייט, ביז מע האָט מיך איינמאָל אין אַ שענעם פֿריהמאָרגען געבעטען מחילה, באַשר אַזוי ווי איך בין ניט אויסגערעדט זאָל זיין אַ ייד, קאָן איך נישט זיין פֿאַררעכענט צווישען חברה... האָב איך מיך זעהר פֿיין אָבגעזעגענט מיט מיינע עדעלע חברים, — אַ גוטען טאָג, און גענומען זיך צו דער אַרבייט, געענדיגט דאָקטאָר יוריע און פֿאַרנומען זיך מיט פּראַקטיקע אין ווין און אין זאַלצבורג. אין זאַלצבורג האָב איך מיך געפֿיהלט איינגעצויבענט; איך האָב געדיענט אַלס בעאַמטער און מיין נעסט האָט זיך

געפונען אויף אַ הויכען טורם, סאַמע אונטער׳ן גלאָק, און דריי מאָל אַ טאָג האָב איך זוכה געהאַט צו הערען קלינגען...

עס פערשטעהט זיך, אַז איך האָב מעהר געשריבען מעשיות און סצענעס הי „כאַפּיטרען״, אין איך וואָלט אַודאַי וועלען בלייבען און זאַלצבורג אַלס רוסטער, איז אָבער געווען אַלץ יענער חסרון וואָס איך בין אַ ייד; דעריבער האָב איך מיך געמוזט אָבזעגענען מיט זאַלצבורג און מיט דער שטעלע און מיט דער גאַנצער יוריספרודענציע...

דער בודאַפּעשטער ראַבינער איז מיט מיר ווידער געווען נישט צופריע־דען. אַנשטאָדט דעם, וואָס איך זאָל מיך אָבגעבען מיט עפּעס רעכטס האָב איך געשריבען מעשה־ביכלעך און סצענעס פאַר׳ן טעאַטער. מיינע סצענעס זיינען אַ מאָל געפעלען און אַ מאָל דורכגעפאַלען. עד היום ווייס איך נישט, כּוונה׳ס זיינען די געפעלען און פאַרוואָס זענען יענע נוט געפעלען. דאָס האָט מיך אויסגעלערענט, עס זאָל מיך נוט אַרען בשעת מע פּאַטשט מיר בראַוואָ און בשעת מע פייפט מיר איך זאָל אַראָב. דער מחבר בעדאַרף קודם כל אַליין זיין צופרידען מיט זיין ווערק, אַז וואָס וועט זאָגען דער עולם? דאָס איז נוט זיין עסק. אַצינד האַלט איך אַליין נישט פון מיינע ווערק, וואָס זענען אַ מאָל דעם עולם געפעלען...

אינ׳ם 1889 יאָהר האָב איך חתונה געהאַט און האָב דריי קינדערלעך, אַ יונגעל מיט צוויי מעדלעך. מיר ווייזט זיך אויס, אַז מיינע קינדער זענען נוט שטאַרק מיאוס און נישט גאָר נאַריש, און אפשר האָב איך אַ טעות.

אינ׳ם יאָהר 1889, בשעת איך האָב געריזט איבער דער וועלט, האָט מיר דאָס ווינער בלאַט „נייע פרייע פּרעסע״ פּאָרגעלייגט, איך זאָל ווערען איהר שטענדיגער קאָרעספּאָנדענט. איך האָב דאָס אָנגענומען. איך בין דע־מאָלט געווען און פּאַריז, און דאָרט האָב איך פערשטאַנען, וואָס הייסט „פּאָ־ליטיקע״... און אינ׳ם יאָהר 1895 האָב איך אַרויסגעזעהן, אַז איך האָב נוט וואָס צו טהון און פּאַריז און בין אַריבערגעפאָהרען צוריק קיין ווין.

און די לעצטע פּאָר חדשים וואָס איך בין געווען און פּאַריז האָב איך אָנ־געשריבען דאָס ביכעל „די יודישע מדינה״, איך קאָן מיך נישט אָנ־געדענקען, אויב איך האָב אַ מאָל געשריעבען מיט אַזאַ חשק ווי איך האָב געשריבען דאָס דאָזיגע ביכעל. היינטע זאָגט, אַז ער פלעגט פיהלען אַ קול פון אָדלער־פליגלען בשעת ער האָט געשריבען זיינע לידער. איך קאָן זאָגען, אַז איך האָב געהערט דעם דאָזיגען קול בשעת איך האָב געטראַכט פון דער „יודישער מדינה״. גאַנצע טעג מיט גאַנצע נעכט האָב איך פערבראַכט אויף דער דאָזיגער אַרבייט, און נאָר פאַרנאַכט פלעג איך מיך אָברייסען אויף אַ פּאָר שעה און טעאַטער, און זעלטען זעלטען פלעגט זיך פאַרגנבה׳נען צו מיר און האַרצען אַ שטיקל ספק, טאָמער האָב איך אַ טעות...?

תחילת האָב איך גערעכענט מײַן ביכעל אָבדרוקען נאָר צוליעב מײַנע פֿרײַנד. דער געדאַנק פֿון דער גרויסער אַרבײַט איז געקומען צו מיר נאָכדעם, איך בין געגאַנגען מיט דעם גאַנג, אַז צוליעב דער גרויסער אידעע בעדאַרף מען אַ ר ב ײַ ט ע ן, ניט נאָר שרײַבען ביכלעך.

אַז כ׳האָב דאָס בוך געענדיגט האָב איך דאָס אָבגעגעבען איינעם פֿון מײַנע בעסטע גוטע פֿרײַנד ער זאָל דאָס איבערלײענען. בשעת לײענען האָט ער אָנגעהויבען אונטערשפּרינגען און משונה שרײַען. האָב איך גערעכענט, אַז ס׳מאַכט ניט אויס: ער איז דאָך אַ ייד ווי איך: איך אַליין בשעת שרײַבען האָב איך ניט איין מאָל אונטערגעשפּרינגען און געשריען. צו׳ם סוף האָט זיך אויסגעלאָזט גאָרנישט דאָס; עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז איך בין דאַכט זיך איהם, געוויהרט פֿונ׳ם זינען און מחמת ער איז מיר אַ גוטער פֿרײַנד, האָט ער אויף מיר רחמנות. און דערמיט איז ער אַוועק. אויף מאָרגען איז ער ווידער געקומען צו מיר און האָט מיך אָנגעהויבען בעטען רחמים, איך זאָל זיך אַרויסשלאָגען פֿונ׳ם קאָפּ דאָס דאָזיגע משוגעת, אַ ניט וועט זײַן שלעכט. ער איז געווען אַזוי אויפֿגעבראַכט, אַז איך האָב איהם צוגעזאָגט טהון זײַן בקשה. נאָכדעם האָט ער מיר געגעבען אַן עצה, איך זאָל מיך ווענדען צו׳ם דאָקטאָר מ אַ ק ס נ אָ ר ד ױ. צי איז מעגליך, אַז אַזאַ משוגענער פּלאַן זאָל געבוירען ווערען אין אַ קלאָרען קאָפּ?...

פֿון יענער צײַט אָן האָבען זיך אָנגעהויבען מײַנע צרות און יסורים איבער מײַן פּלאַן. אין די לעצטע צוויי דרײַ יאָהר האָב איך איבערגעלעבט אַ סך שווערע ביטערע טעג, און איך האָב מורא, אַז עס שטעהט מיר פֿאָר נאָך אַ סך מעהר שווערע און ביטערע טעג. אינ׳ם יאָהר 1895 האָב איך מיר אײַנגעפֿיהרט אַ טאָגבוך; איצט האָט זיך מײַן טאָגבוך צעוואַקסען אין 4 גרויסע ביכער. אויב מיר וועט באַשערט זײַן אַמאָל איהם אָבדרוקען, וועט די וועלט ערשטוינען, אַז מען וועט געוואָהר ווערען וואָס איך האָב איבערגעטראָגען, ווער זענען געווען מײַנע מתנגדים און ווער זענען געווען די וואָס האָבען מיר געהאָלפֿען דורכפֿיהרען מײַן פּלאַן!...

§ 14. זכרונות (מעמואַרען).

די דאָזיגע אַרט ווערק זענען גאַנץ ענליך צו אויטאָביאָגראַפֿיעס, אָבער דער פּראָפֿעסער שרײַבט נישט אין די זכרונות וועגען זײַן לעבען און ווירקען אויספֿיהרליך, ווי אין אַ ביאָגראַפֿיע, נאָר ער שטעלט זיך אָב אויף אײַנצעלנע פֿאַקטען פֿון זײַן לעבען, וועלכע ער האָט אַליין בײַגעוואָהנט און וואָס האָבען אַ געוויסען ווערט נישט אַזוי פֿיעל פֿאַר זײַן אייגען לעבען, ווי פֿאַר די חאַראַק=

טעריסטיק פֿון דער עפּאָכע, אין וועלכער ער האָט געלעבט אָדער פֿון אַ וויכטיגער פּערזאָן, וועלכע ווערט אין די זכרונות דערמאָהנט.

זכרונות האָבען אַ גרויסען אינטערעס פֿאַר די היסטאָריע, זיי דינען אַלס דאָס וויכטיגסטע און נוצליכסטע מאַטעריאַל, אויף וועלכעס דער היסטאָריקער קאָן זיך אַמבעסטען פֿערלאָזען, ווייל די פֿאַקטען ווערען דאָרט געבראַכט פֿון אַ מענשען, וואָס אין זיין צייט זענען זיי פֿאָרגעקומען און פֿיעל מאָל האָט ער אַליין אין זיי אַנטייל גענומען.

אין דער יידישער שפּראַך געפֿינען זיך זעהר וועניג זכרונות. כמעט דער איינציגער פֿערפֿאַסער פֿון זכרונות אין יידישען איז א״ש פֿ ר י ע ד ב ע ר ג. מיר ברענגען איינע פֿון זיינע זכרונות.

דער רוסיש־טערקישער קריעג (1877—78).

דאָס איז געווען אַ געבענשטע צייט פֿאַר אונזערע יידען אין רוסלאַנד. דער קייזער אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז געווען אַ מלך חסד און האָט אונז בעשענקט מיט גנעדיגע געזעצען. פֿאַר אונזערע ברידער איז געווען כמעט דאָס גאַנצע לאַנד אָפֿען, צו וואָהנען וואו זיי ווילען, אונזערע קינדער זענען פֿול געווען אין די גימנאַזיעס, אוניווערזיטעטען, אַקאַדעמיעס און אינסטיטוטען. ווער פֿון זיי איז נאָר אַרויס מיט אַ דיפּלאָם האָט זיך דערדיענט צו הויכע שטעלען; ווער עס איז נאָר געווען עטוואָס אַ געלערנטער, ווער עס איז נאָר דורכגעגאַנגען עפּעס אַ פֿאָלקס־שולע האָט געקאָנט זיין אַ מרא דאַתרא, אַ קאַזיאָנער ראַבינער האַטש אין דער גרעסטער שטאָדט. ביי אונז אין ליטאָ איז דעמאָלט געווען די צייט פֿון רוסיפֿיקאַציע, בילדונג און לעבען נאָך רוסישער אַרט איז געווען דאָס בעסטע אידעאַל, דאָס העכסטע לעבענסציעל. מיר האָבען זיך צו איהר צוגעהאַפּט מיט אונזער גאַנצען לייב און לעבען. די נאַטשאַלסטווא פֿון גרויס ביז קליין האָט עס זעהר גערן צוגעזעהן — דען מיר זענען געווען דאָס איינציגע מאַטעריאַל, דאָס איינציגע מיטעל דאָס לאַנד צו מאַכען רוסיש. די פּאָליאַקען האָבען נאָך דעם לעצטען בונט אויסגעוויזען ווי אַן אָבגעשמיסענער חדר־יונגעל, אויפהויבענדיג זיך פֿון בענקעל... זיי זענען געווען ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט. נאָר מ י ר אַליין זענען געווען די וואָהלע יונגען, מיר האָבען [illegible] און דעם מקדים געווען נעשה לנשמע, מיר זענען געווען [illegible] רוסיש געזאָגען איידער מיר האָבען נאָך פֿערשטאַנען די רוסישע שפּראַך [illegible] המון איז ביי יעדער געלעגענהייט געלאָפֿען אין די סינאַגאָגען, צו הערען רוסישע דרשות פֿון אונזערע ראַבינער, האַטש דאָס רוב האָבען זיי געקוקט אין די אויגען ווי דער האָהן אין „בינ

אָדם״. אמת דאָרט איז געווען גאָר אַנ׳אַנדער מאַנגעט, נעמליך — די נאַטשאַלסטוואָ. דען בײַ יעדעם טאַבעל, בײַ יעדען אָפֿיציעלען יום־טוב, קוים האָט זיך געענדיגט די תּפֿילה און רוסישען סאָבאָר, פֿלעגט גלײַך די גאַנצע נאַטשאַלסטוואָ, פֿון גובערנאַטאָר מיט די גענעראַלען ביז דעם פּאָליצמײַסטער מיט די פּריסטאַווען (אַ שענע צורה האָבען זײ בײַ אונז געהאַט קענען די גענעראַלען!) גלײַך געפֿאָהרען און אונזער גרויסער שוהל, זיך צו זעצען אויף די פּאָטעלען, וואָס זענען געווען פֿאַר זײ אָנגעגרייט אויף דער בימה, און מיט גרויס אויפֿמערקזאַמקײַט אויסגעהערט דעם חזנ׳ס „הנותן תשועה״. אונזער גראָדנער חזן האָט נישט געהאַט קיין בעגריף פֿון נאָטען און קאָהרגעזאַנג, האָט אויך נישט געוואוסט אַ וואָרט רוסיש, נאָר ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין „האַלז־מלאָכה״, וואָס איז ווירקליך געווען צו בעוואונדערן — און ווי ער איז געקומען אין „הנותן תשועה״ צו׳ם פּסוק מלך מלכי המלכים, האָט ער אַזוי פּועל געדרעהט און געדרעהט מיט׳ן האַלז, דאָס עס האָט זיך געוויס בײַ דער נאַטשאַלסטוואָ דער קאָפּ פֿערדרעהט, און ווען די גרויסע לײַט האָבען זיך דאַן צווישען זיך עפּעס געמורמעלט — האָבען מיר אַלע אין אונזער אונוויסענהײַט און איינגעגלויבטע געמיינט, דאָס זיי פֿיהלען זיך פּשוט בטל ומבוטל הערענדיג אונזער שענעם יודישען געזאַנג, און ווען דער גובערנאַטאָר בכבודו ובעצמו האָט איהם נאָכהער דערלאַנגט די האַנד און עפּעס געזאָגט אַ וואָרט, האָט נישט ער, נישט די שוהל־גבאים פֿערשטאַנען וואָס ער האָט געזאָגט, נאָר מען האָט ממילא זיך געשטויסען, דאָס ער איז זעהר געריהרט פֿון חזנ׳ס קונצען און ער דאַנקט אַלעמען דערפֿאַר — און דערויף זענען מיר אַלע שטאָלץ געווען.

דעם נעמליכען שטאָלץ האָבען מיר אַלע געפֿיהלט אויך אין ימים־נוראים, ווען עמיצער פֿון נאַטשאַלסטוואָ, אָדער גלאַט אַזוי אַ קריסט אָדער אַ קריסטין, פֿלעגט קומען אין אונזער גרויסער שוהל גלאַט אַזוי, צוצוזעהן אונזער צערעמאָניע. ווי זעהר פֿלעגט עס אונז פֿרעהען, ווען דער קריסטליכער אורח פֿלעגט קומען צו „מלך עליון״, אָדער צו „ויאתיו״, וועלכער דער חזן מיט זײַנע משוררים פֿלעגען אָבזינגען מיט אַ מאַרש אָדער אַזוי עפּעס אַ „ליגערע״ (אַלעגראָ) פֿון איינענע קאָמפּאָזיציע. פֿערקעהרט האָבען מיר דעם גרעסטען שברי לב געהאַט, ווען מען פֿלעגט דעמאָלט האַלטען גראָד בײַ׳ם לייענען אָדער בײַ׳ם דובענען... פּועל יונגע לײַטלעך פֿלעגען זיך דאָרט אַרומדרעהען, אַראָבלאָזענדיג די טליתים אויף די אַקסלען, מיט די עטרות אַרויסגעשטעלט — די אומות העולם זאָלען אויף זיי מיינען, דאָס זיי זענען אַ מין יודישע גענעראַלען אָדער פּאָלקאָווניקעס — און טאַקי בטל ומבוטל ווערען פֿאַר אונזער יודישער גדולה...

צו יענער צײַט איז דער יוד געווען געשעצט אַלס מענש, אַלס אַנ־

שטענדיגער בירגער. איך געדענק דאס פערגניגען, וועלכעס מיר אלע האבען געהאט, בעת עס האט זיך אבגעשפיעלט אין אדעס א פראצעס פון א יידען מיט א יידענפיינדליכען קריסט פאר דאס ווארט „זשיד", וואס יענער האט זיך ערלויבט איהם צו רופען, און דער יידענפיינד איז פערמשפעט געווארען צו זיצען דערפאר איין חודש אין ארעסט. בסך הכל איז אין גאנץ רוסלאנד געווען נאר איין יידענפיינדליכע צייטונג, דאס איז געווען דער „גאלאס" (וועלכער איז נאכדעם געווארען א גרויסער אוהב ישראל אלס די „נאוואיע ווערעמיא" איז געגען אונז אויפגעטרעטען מיט איהר גרויסער שנאה).

אויך געדענק, וועלכע אויפרעגונג איז צווישען אונזער אינטעליגענץ געווארען, בעת איין קארעספאנדענט נעמיראוויטש-דאנטשענקא האט געשריבען זיינע יידענפיינדליכע ארטיקלען פון בוקארעשט, בשעת די רוסישע ארמעע איז געשטאנען אין רומעניען. ער האט אין איין ארטיקעל געשריבען, דאס די רומענער גרייטען זיך צו א פאגראם אויף יידען; ער האט עס אנגערופען „זשידאטרעפאניע" (יידענאויסקלאפונג). דאס ווארט האט אונז אלעמען אויפגערירט, און גלייך זענען איהם אבגעשיקט געווארען אלע עקזעמפלארען פון יענער נומער, אלע אונזערע יידישע אבאנענטען האבען זיך מיט איין מאל פון זיין צייטונג אבגעזאגט. צו יענער צייט איז צו מיר געקומען אונזער דאבינער ה. י. הורוויץ, מיט אן'איינגעהענדיגען בריעף פון א נייעם רעדאקטאר, מיט'ן נאמען סוואָרין, וועלכער איז א לאנגע צייט געווען מיטארבייטער פון קארש'ס „פעטערבורגסקי וויעדאמאסטי", און יעצט גרינדעט ער אליין א בלאט אונטער דעם נאמען „נאוואיע ווערעמיא", און זאגט צו צו זיין א מליץ יושר פאר יידען געגען דעם „גאלאס". מיר זענען דעמאלט צוזאמען געגאנגען צו אונזערע אריסטאקראטען און אין איין טאג פאר איהם געשאפען 18 אבאנענטען (אזא יאהר דער „נאוואיע ווערעמיא" ווי זי האט איהר ווארט געהאלטען!). דאגעגען איז ניט צו בעשרייבען דעם נחת און דעם שטאלץ, וועלכען מיר האבען אלע געפיהלט, בעת עס איז אנגעקומען אין די צייטונגען די טעלעגראמע פון דעם פעלדמארשאל, פון גרויספירשט ניקאלאי ניקאלאיעוויטש, מיט דער ידיעה איבער די גבורה פון א יידישען סאלדאט פינגענבוים, וועלכער איז געשטאנען אויף דעם בערג-פאס „שיפקא", בשעת סולימאן פאשא האט דערויף געשטורעמט מיט זיין גרויסער ארמעע. די מעשה איז אזוי געוועזן: עס איז געפאלען א טערקישע באמבע אין רוסישען חיל אויף דער פאזיציע פון שפין בארג; ווען זי וואלט דארט געפלאצט, ווי דער שטייגער איז, וואלטען פיעל סאלדאטען נהרג געווארען, אבער דער יידעל פינגענבוים האט זי געהאפט אין פאלע פון זיין שינעל, און אראבגעקייקעלט פון בארג אראב אויף דעם טערקישען חיל. ווען זי יאל אין מיטען דערינען פלאצען, וואלט פון דעם יידעל בודאי קיין זכר נישט גע-

בלייבען, נאָר ער האָט זיך מוסר נפש געווען פֿאַר דעם כלל און אַלעמען דאָס לעבען געראַטעוועט.

די מלחמה האָט אונז אַלע זעהר אונטערעסירט, מיר האָבען זיך מיט איהר בעשעפֿטיגט ווי ווען דאָס וואָלט אונז געגאַנגען אום לעבען. נאָך און אָנפֿאַנג, אַז עס איז געוואָרען דער בונט געגען טערקיי און באָסניען און הערצאָגאָווינאַ, בפֿרט נאָך דעם ווי עס האָט זיך געלאָזען הערען די אַכזריות פֿון מיטהאַד=פּאַשאַ געגען די בולגאַרען, זענען מיר אַלע געווען פֿייער און פֿלאַם געגען טערקיי, געהאַלטען שטאָהל און אייזען מיט די סלאַווען, מיר האָבען זיי מיטגעפֿיהלט ווי ברידער — דען די רוסען זענען דאָך געווים אונזערע ברידער, און יענע זענען דאָך ברידער פֿון אונזערע ברידער — הייסט ווי קאָן מען אויסהאַלטען, ווען יענע ברידער ווערען אַזוי פֿערשוואַרצט אונטער דעם טערקישען יאָך! פֿיעל פֿון אונז האָבען צוגעשלאָגען פּושקעס און אונזערע געשעפֿטען און אין זיי געוואָרפֿען אַ קאָפּיקע פֿון יעדער רובל פּדיון. דאָס האָט געמאַכט שענע עטליכע קערבלעך, און דאָס אויפֿגעקליבענע געלד פֿלעגען מיר אָבשיקען צו דער רוסיש=סלאַווישער געזעלשאַפֿט אין פּעטערבורג.

נו, ווי איז אונז געוואָרען צו מוט, אַז עס איז מיט אַמאָל אָנגעקומען דער בעפֿעהל, דאָס די 26=טע דיוויזיע זאָל אויך אַוועק אין דער מלחמה!

די 26=טע דיוויזיע איז ביי אונז געשטאַנען זייט דעם לעצטען פּאָלני=שען בונט. 14 יאָהר ווי איין טאָג האָבען מיר די דיוויזיע געקענט. דער ערשטער פּאָלק פֿון איהר, דער פּערמסקי, איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין גראָדנע, די איבעריגע פּאָלקען פֿלעגען דאָרט אָבשטעהן אין לאַגער 4 חדשים יעהרליך. צו יעדען זונטאָג, צו יעדען יום=טוב פֿלעגט די גאַנצע דיוויזיע זיך אַרויסשיטען אויפֿ'ן נייעם מאַרק, גאַנץ פּאָדאָל=גאַס האָט עס געהאַלטען פֿאַר אַ ברכה מן השמים, ווי דער מן אין מדבר. יעדעס שענקעל, יעדע טשיינע, יעדעס קרעמעל, האָט פֿון זיי געהאַט פּדיון. מאַנכע האָבען פֿון דער לאַגער צייט געהאַט צו לעבען אויף דאָס גאַנצע יאָהר. מען האָט זיך מיט זיי אַזוי ווייט אַריינגעלעבט, דאָס מען האָט זיי און אַלעם מיטגע=פֿיהלט. ווען זיי זענען אַוועקגעגאַנגען אויף אַ מאַנעווערע, האָט עס אויסגעווי=זען ווי ווען איינענע קרובים געהען אַוועק אין דער וויט. שטענדיג, ווען זיי פֿלעגען צוריקקומען, פֿלעגען אַלע זיך פֿרעהען, ווי ווען אַ גוטער קרוב קומט פֿון דער רייזע צוריק. און וויל דאָס רוב פֿלעגען די מאַנעווערעס אויסקומען אין די גרויסע היצען פֿון יולי, אויגוסט, פֿלעגען די בעלי=בתים פֿון גאַנץ פּאָדאָל=גאַס אַרויסשטעלען כלים מיט וואַסער, די מידע סאָלדאַטען אָבצו=פֿרישען מיט אַ קאַלטען טרונק. די סאָלדאַטען האָבען אונזערע יידען אויך געצאָהלט מיט דער זעלבער סימפּאַטיע. קומענדיג צו אַ יידען אין געשעפֿט

פֿלעגען זיי איהם אַנדערש נישט אָנרעדען ווי נאָר מיט דעם טיטעל „דיאַדוש=
קאַ״ (פֿעטער), אָדער „דיעדיושקאַ״ (זיידעלע), „ראָדימי״ (ר׳ קרוב), יעדער
כּ‏ֽלדפּעבעל, יעדער אונטעראָפֿיציער איז געווען בעוואוסט מיט׳ן נאָמען.
אַלע אָפֿיציערען, אַלע מאַיאָרען און פּולקאָווניקעס, אַפֿילו דער דיוויזיאָנער
גענעראַל אַליין, זענען געווען פֿאַמיליאַריש בעקאַנט מיט זייערע יידישע
שכנים. איך קאָן נישט פֿערגעסען דעם שווערען איינדרוק, וואָס האָט אויף
אַלעמען געמאַכט בעת עס איז געוואָרען אַ סקאַנדאַל צווישען דעם שטרענגען
פּולקאָווניק מ י ל ע ר און דעם שליאַכטיגען שטאַבס=קאַפּיטאַן קריוואָשעאין,
און בעת דער מיליטערישער בית=דין האָט פֿער׳משפּט דעם אָפֿיציער צו=
צונעהמען פֿון איהם אַלע זיינע רעכטע — אַלע יידען זענען געוואָרען דעם פּול=
קאָווניק בלוט=שונאים, ניט ווייניגער ווי די גאַנצע קערפּערשאַפֿט פֿון די
אָפֿיציערען, און האָבען גאָט געבעטען אויף זיין מפּלה. פֿיעל פֿון די אָפֿיציע=
רען אָדער זייערע פֿרויען זענען געווען געבוירטיג פֿון אונזער אָרט. דאָס זעל=
בע איז געווען מיט אַלע אונזערע יידישע סאָלדאַטען, בעזונדערס זייט דאָס
יאָהר 1874, אַז עס איז איינגעפֿיהרט געוואָרען די אַלגעמיינע מיליטערישע
דיענסט, און די גרעסטע און שענסטע בעלי=בתּישע קינדער זענען אין מי=
ליטער=דיענסט אַריינגעטרעטען. ווער עס איז נאָר געווען געבוירטיג אין גראָד=
נע, איז איינגעטרעטען אין פּערמסקי פּאָלק אָדער ווענינסטענס אין דער 26
דיוויזיע. ער האָט נישט בעדאַרפֿט אַוועק אין דער פֿרעמד, ער האָט זיך
אָבגעשטעלט אויף זיין אָרט, נעבען זיין פֿאַמיליע, און קומען צו זיינע קרובים
ווען ער איז נאָר פֿריי געווען פֿון דיענסט. און אַזוי איז עס געווען אַ געוויסע
פֿערברידערונג צווישען אונזערע בעלי=בתּים מיט א ו נ ז ע ר דיוויזיע, דער=
הויפּט מיט א ו נ ז ע ר פּערמסקין פּאָלק.

היינט ווי איז עס אַלעמען געוואָרען אויפ׳ן האַרצען, אַז עס איז אָנגע=
קומען דער בעפֿעהל, די 26=טע דיוויזיע זאָל אַוועק אין דער מלחמה! בע=
זונדערס נאָך דעם שווערען איינדרוק פֿון די גרויסע קלעפּ, וועלכע די רוסי=
שע אַרמעע האָט בעקומען ביי פּלעוונע — דאָרט שיט מען נישט מיט באָב
אָדער ניסלעך, עס פֿאַלען דאָרט קוילען, גראַנאַטען, באָמבעס, קאַרטעטשען,
פֿון וועלכע עס פֿאַלען מענשען ווי פֿליעגען, שטאַרבען נעבעך און אַלע
מיתות משונות. די סאָלדאַטען האָבען עס גאַנץ גוט געוואוסט. מען קאָן דע=
רום נישט זאָגען, דאָס זיי זענען אַ היין געגאַנגען ווי צו׳ם ט אַ נ ץ. אַדרבא:
עס איז געפֿאַלען אַ גרויסע מרה שחורה אויף די וואָיענע ווי אויך אויף אונזע=
רע שטאָדט=לייט. דאָס איז געווען אין דער עכטער לאַגער=צייט, ענדע יולי.
די פּאָדאָל=גאַס און דער נייער מאַרק האָבען פּשוט געוויינט, דאָס עס ווערט
אָבגעריסען זייער גאַנצע חיונה. די סאָלדאַטען זענען אויך אַוועקגעגאַנגען ווי
אבלים. אונטער די קריסטליכע אַריסטאָקראַטישע פֿאַמיליען, וואָס זענען

געווען קרוֹבִים אָדער נאָהענטע בעקאַנטע פוּן די אָפּוִציִרען, איז אויך געווען יאָמער און קלאָג.

אָבער און דיִענסט איז נִישט שַיִיך קיין פריינדשאַפט. די דִיווִיזיע האָט זִיך שנעל מאָבִּלִיזִירט און באַלד געוואָרען אָנגעברייט צו׳ם וועג, דאָ האָט די שטאָדט=דומע בעשלאָסען, זִיך מִיט דעם פאָלק אִנשטענדִיג צו געזעגענען. דעם 5=טען אויגוסט איז געווען אַ גאָטעס=דיִענסט אויף דעם פעלד פוּן פּאָווע=ליאַנקע; דאָרט זענען געווען געגרייט טִישען מִיט שנאַפּס און גרויסע בוּלקעס און פלייש=בראַטען פאַר די סאָלדאַטען, שאַמפּאַניער און דעלִיקאַטעסען פאַר די אָפּיצִירען. יִידִישע און קרִיסטלִיכע דעפּוּטאַטען האָבען אַליין געבאַר=ווערט, די הערצער האָבען זִיך דערוואַרמט. עס האָט גערעגענט מִיט רעדען, לחיים און ווִינשען פוּן ביידע צדדִים. די לעצטע טעג האָט דער רוּף „בראָשטשאַי גראָדנאָ!‟ (זַיי געזוּנד, גראָדנאָ.) פוּן די וואָיענע נִישט אויפגע=הערט צוּ קלִינגען איבער אַלע גאַסען, וואו עס זענען נאָר סאָלדאַטען דורכ=געגאַנגען, און דער רוּף האָט אוּנז אַלעמען טִיעף געשנִיטען אִין הארצען.

די איבעריגע פּאָלקען פוּן דער דִיווִיזיע זענען פריהער אַוועק און וועג ווִי דער פערמִסקִי פאָלק. די וואָיענע מוּזִיק האָט יעדען באַטאַליאָן בעגלייט מִיט אַ מאַרש דוּרכ׳ן שטאָדט צו׳ם וואָקזאַל, מִיט דעם זעלבען מאַרש, וואָס מען איז געוואָהנט צו הערען אִין דער פריידלִיכער צייט, בַיי יעדעם פּאַראַד, ווען דער שטאַב פלעגט דורכגעהן מִיט דעם פאָהן דוּרך די שטאָדט. יעצט האָט יעדער קלאַפּ פוּן גרויסען פּויק יעדען אִין הארצען געהאַקט, יעדער קלאַנג פוּן די טראָמפּעטען געזעגנט אִין די גלִידער, כִּיעל מאָל ווען מען האָט דערהערט דעם מאַרש, בעזונדערס בַיינאַכט, פלעגט מען זִיך אויפכאַ=פּען פוּן שלאָף און מִיט אַ בעקלעמטען הארצען זִיך צוּהערען צוּ די טרִיט פוּן דעם חַיִל, וועלכע געהען פוּן אוּנז אַוועק. בַיי דעם רוּף „פּראָשטשאַי גראָדנאָ‟ פלעגען די אויגען פיל ווערן מִיט טרערען, מען האָט געווִינט און זִיך, שטִיל געזעגענט מִיט די וואָס געהען אַוועק, דען גאָט ווייס ווִיפִיעל פוּן זַיי וועלען שוין מעהר נִישט קומען צורִיק.

דערזעלבער 5=טער אויגוסט, דאָנערשטאָג נאָכמִיטאָג, איז בעשטִימט געווען פאַר אוּנזערע יִידִישע סאָלדאַטען אויך אַ „תפלת הדרך‟ און דער גרויסער שוּהל, עס זענען געווען זייערע אייגענע הונדערט מאַן. באַלד איז אִין דער שוּהל געוואָרען ענג, אַפִילו די ווייבערשע שוּהל איז אויך פוּל גע=וואָרען מִיט מענשען, וואָס זענען צענויפגעלאָפען זִיך געזעגענען מִיט זייערע ברִידער. דאָ איז דער ראַבִּינער אַרויף צו׳ם שטענדער בַיי׳ם אָרון קוֹדש. דער ראַבִּינער ק—ד איז נִיט געווען קיין גוּטער רעדנער. עס האָבען איהם דערצוּ געפעהלט אַלע כלים: נִיט קיין שטִימע, נִיט קיין שפּראַך, קיין געלוּנגענער אויסדרוּק וואָס זאָל נעהמען דאָס הארץ. ער האָט געלוֹיעגט זיין ריגדע

אים רוסישען פֿון אַ פּאַפּיער, געשאָטען מיט פֿראַזען, דורכגעפֿולט מיט פֿרעמדע ווערטער, וואָס דער המון האָט זיי ניט געקענט פֿערשטעהן, גערעדט פֿון נאַציע, אַסימילאַציע, פּעטריפֿיקאַציע, גראַטיפֿיקאַציע; פֿון יודאַאיזם, רוסיפֿיציזם, שאָוויניזם, סקעפּטיציזם, פּאַראָקסיזם, פּראָבאַליזם. די ווערטער האָבען זיך געקלעבט צו׳ם האַרצען ווי אַרבעס צו דער וואַנד. מיט איין מאָל איז געוואָרען אַ געשריי פֿון עולם: „וואָס שאַלאַמיזשעט ער דאָרט? אַראָב פֿון שטענדער, וואו איז ר׳ נחום׳קע? גיט אונז אַהער ר׳ נחום׳קען.

די קולות זענען וואָס אַמאָל געוואָרען שטאַרקער, אַזוי אַז דער ראַבינער איז באַלד טאַקי אַראָב — און ניט לאַנג דערויף האָט זיך ר׳ נחום׳קע געוויזען ביי׳ם שטענדער.

ניט דאָ איז דער אָרט אויספֿיהרליך צו דערצעהלען ווער און וואָס ר׳ נחום׳קע איז ביי אונז געווען. איהם און זיינע מעשים טובים צו שילדערן דאַרף מען גאַנצע ספֿרים אָנשרייבען. דאָ וועט מיר גענוג זיין צו זאָגען דאָס ער איז געווען אַ צדיק תמים, וואָס אַ זעלכער קאָן זיך נאָר 1 מאָל אין כמה דורות געפֿינען. אַליין איז ער נישט מעהר געווען ווי אַ שמש אין חברה ש״ס, אָבער זיינע זעלטענע מעשים האָבען איהם געשטעלט אויף דער העכסטער מדרגה. כּיעל מאָל האָט די שטאָדט פֿון איהם פֿערלאַנגט, ער זאָל זיך אָבזאָגען פֿון די שמשות און מקבל זיין אַ הספּקה בּכבוד ווי דער גרעסטער רב, ער אָבער דער גרויסער עָניו, האָט ניט געוואָלט אויפֿהערען צו זיין אַן׳אויניפֿאַבער שמש, אַ משרת ביי׳ם עולם, האָט זיך בעגניגט פֿאַר זיך מיט די פּאָר רובל אַ וואָך שכירות פֿון די שמשות, און אַליין האָט ער גאַנצע טעג און נעכט געהאָרעוועט אין עבודת הבורא. 5 שעורים גמרא האָט ער טעגליך גענעבען אין 5-ערליי בתי מדרשים, אַזוי דאָס איין שיעור — אין ראבד״ם בית המדרש — איז איהם אויסגעקומען 4 אַ זייגער פֿאַר טאָג, סיי זומער סיי ווינטער. אויסער די 5 שעורים איז איהם די גאַנצע צייט געווען געווידמעט אויף קלייבען צדקה פֿאַר אָרימע לייט, פֿאַר אָרימע קימפּעטאָרענס, פֿאַר יתומים און אַלמנות, פֿאַר אַלע אביונים וואָס שעמען זיך צו בעטלען, ער האָט שטענדיג מיטגעטראָגען אַ לייווענטענעם זעקעל אין דער האַנד כדי יעדער ווער עס קאָן און וויל זאָל דאָרטען וואַרפֿען זיין נדבה. נאַטירליך האָט איהם קיינער ניט אָבגעזאָגט און ניט געלאָזען אַוועקגעהן מיט ליידיגען. זיין זעקיל פֿלעגט ער האַלטען אָפֿען פֿאַר יעדען מענשען: „אָדער גיב, אָדער נעהם!" „מיר ניט, דיר ניט" — האָט ביי איהם ניט געגאָלטען. ער פֿלעגט אויך געהן איבער אַלע יודישע אַכסניות אום פֿון אורחים נדבות צו נעהמען, און ווער עס האָט איהם נאָר געקענט אָדער געוואוסט פֿון זיין נאָמען פֿלעגט מיט׳ן גרעסטען כבוד אַריינוואַרפֿען אין זעקיל זיין נדבה. אַמאָל איז ער אַריין אין אַ נומער צו אַ רייכען שטאָלצען אורח, וועלכער האָט איהם

נישט געקענט. מיט זיין אַריינגעהן האָט ער איהם געשטערט אין זיינע השבונות. דער אורח איז זעהר בייז געוואָרען. „וואָס דאַרפֿט איהר?״ — האָט ער אַ געשריי געטהון מיט כעס אויף ר׳ נחום׳קען. „שלום עליכם!״ זאָגט ר׳ נחום׳קע — איך קום ביי אייך צו בעטען אַ נדבה, און גאָט ב״ה וועט אייך דערפֿאַר העלפֿען אין אייערע „עסקים״ און רעדענדיג האַלט ער איהם זיין זעקיל ענטקעגען.

— „נאַט אייך מיין נדבה!״ רופֿט זיך אָב דער אורח און גיט איהם אַ פֿייערדיגען פּאַטש אין באַק.

אינזער צדיק האָט עס אָבער געדולדיג צוגענומען, און איהם מיט זיין ליעבפֿאָלער שטימע געזאָגט:

— „נו, דאָס איז פֿאַר מיר — איצט גיט מיר עפּיס פֿאַר מיינע אָרימע לייט!״

דער אורח איז פֿערוואונדערט געוואָרען אויף די געדולד פֿון דעם אָרימען יידעל, איז אַרויס פֿון צימער און געפֿרעגט אין אַכסניא ווער דאָס יידעל איז, און אַז ער האָט דערהערט, דאָס ער איז דער בעוואוסטער ר׳ נחום׳קע, איז איהם פֿינסטער געוואָרען אין די אויגען; ער האָט איהם טויזענדער מאָל מחילה געבעטען און געגעבען אַ גאַנץ גרויסע נדבה. ר׳ נחום׳קע האָט איהם גלייך מוחל געווען מיט׳ן גאַנצען הארצען און זיך געהאַלטען פֿאַר גליקליך, דאָס ער האָט אַריינגעכאַפּט אַ גוטע מטבע פֿאַר זיינע אָרימע לייט.

אַז ר׳ נחום׳קע איז נפֿטר געוואָרען (אין יאָהר 1882) האָט זיך אַרויסגעוויזען, דאָס ער איז געווען אַ בעל הוצאָה איבער 250 רובל אַ וואָך אויף זיינע נדבות פֿאַר „זיינע אָרימע לייט״. מיר מעגען מיט רעכט זאָגען „זכותו יגן עלינו״. זיין גרויסער זכות זאָל אונז ביישטעהן, דען אַזאַ צדיק ועניו איז מעהר אויף דער וועלט נישטאָ!

ער איז געווען זעהר בעליעבט, אַפֿילו ביי קריסטען, און פֿיעל מאָל פֿלעגען קריסטען לויפֿען צו איהם, ווי זיי האָבען איהם נאָר דערזעהן אין גאַס, און אַריינוואַרפֿען זייערע נדבות אין זיין זעקיל. אויך ווען עס האָט זיך ביי עמיצען פֿון זיי געטראָפֿען אַ חולה, פֿלעגען זיי איהם שיקען גרויסע נדבות, ער זאָל גאָט בעטען פֿאַר דעם קראַנקען, דען זיי האָבען געגלויבט באמונה שלמה, דאָס זיין געבעט וועט געוויס דערפֿילט ווערען.

אויסער אַט די אַלע מעשים פֿלעגט ער אויך זעהר אָפֿט דרש׳נען פֿאַר דעם עולם, און מיט דער צייט האָט ער זיך ערוואָרבען אַ טאַלענט אין דרוש, זיינע מוסר אין ימים נוראים, זיינע הספּדים אויף געשטאָרבענע רבנים פֿלעגען דעם עולם שרעקליך רוהרען. עס איז גענוג געווען פֿון איהם צו הערען אַ קרעכץ, אום עס זאָלען ימים טרערען פֿערגאָסען ווערען.

אָט דיעזען ר׳ נחום׳קען האָט דער עולם אויך דאַמאָלס פֿערלאַנגט צו

הערען ווי ער וועט זאָגען זיין וואָרט און געבען זיין ברכה אונזערע יידישע
סאָלדאַטען אויפ'ן וועג. קוים איז ער אַרויף צו'ם אָרון קודש, אַ קוש געטהון
דעם פרוכת און זיך געשטעלט ביי'ם שטענדער, האָט ער מיט זיינע ליעב=
ליכע אויגען אַ קוק געטהון אויף דעם עולם, דערזעהן פאַר זיך די סך גרויע
סאָלדאַטסקע שינעלען — און אַ רוק געטהון זיין גרויסע היטעל איבער די
אויגען. דער רוק האָט אַלעמען אין הארצען דערלאַנגט. דאַן האָט ער אויפ=
געהויבען די הענד ווי צום הימעל און אַ טיעפען קרעכץ געטהון. דאָ איז
שוין געוואָרען אַ יאָמער און געוויין. קורץ געזאָגט: עס האָבען זיך אַלע
הערצער אויפגעריסען ביי זיינע טרויעריגע רעד, און עס זענען פערגאָסען גע=
וואָרען גאַנצע ימים טרעהרען, בעזונדערס ווען ער האָט די סאָלדאַטען געראַ=
טען, זיי זאָלען יעדער מיטנעהמען און וועג זייערע יידישע כלי זיין: אַ סדור'ל
צו'ם דאַווענען און אַ פּאָר תפילין — טאָמער איז וועמען ח"ו בעשערט גע'הרג'עט
צו ווערען, וועט ער אָפשר זוכה זיין צו קומען צו קבר ישראל, ווען עס ווע=
לען זיך אין זיין ראַניעץ געפינען די דאָזיגע יידישע סימנים.

אלע אָנגעלאָדענע הערצער האָבען זיך אַ שען ביסעל אויסגעליידיגט
נאָך דער דרשה, אונזערע סאָלדאַטען זענען אַרויס פון שוהל מיט אַ לייכט
הארץ מיט גרויס בטחון, נאָכדעם ווי זיי האָבען מקבל געווען די ברכה פון
צדיק — און זיי זענען טאַקע אַלע צוריקגעקומען בשלום, אויסער איינעם אַ
יונגען קצב, וועלכער האָט אין דער מלחמה פערלאָרען צוויי פינגער פון זיין
רעכטער האַנד.

אַז אונזער דעוויזיע איז אָנגעקומען אין בוקאַרעשט, האָט אונז דער
קאָרעספּאָנדענט פון „גאָלאָס" מכבד געווען מיט אַ ביטערן מאַמר: „שטייטס!
אַזוי פיעל יידען אין איין דיוויזיע! זיי וועלען דאָך די גאַנצע דיוויזיע
איבערפיהרען. קוים וועלען זיי דערשמעקען פולווער, וועלען זיי זיך דאָך
געוויס צעלויפען פון פראָנט און ברענגען אַנ'אונגליק אויף דעם גאַנצען חיל!" —
די תשובה דערויף האָט ניט לאַנג געדויערט. אין דער מלחמה ביי אָסיקאָוואַ
(2=טען סעפּטעמבער 1877) און ביי טשאַרק'ין (9 סעפּטעמבער) האָבען די
פערמסקי און וויאַטסקי פּאָלקען געוויזען וואונדער פון גבורה און
דערלאַנגט צו גרויסע נצחונות אונטער דער קאָמאַנדאָ פון זייער בראַווען
גענעראַל מאַלאַחאָוו, הגם דאָרט זענען געווען ניט ווייניגער ווי 20
פּראָצענט יידען!

אָבער צוגלייך מיט אונזערע סאָלדאַטען, זענען מיר פערלאָפען אויף
פריהער. קעהרען מיר צוריק צו אונזער ענין. מיר האַלטען ביי'ם זעגנען זיך
מיט דער 26=טער דיוויזיע.

דעם 6=טען אויגוסט, שבת, איז אַרויס דער פערמסקי פּאָלק. דער
שטאָב מיט דער גאַנצער מוזיק האָט בעגלייט אַוועק מיט'ן צוג פון איינע=

באַהן 7 אַזױגער פֿאַר נאַכט. די מוזיקאַנטען זענען אַרױף אױף אַ פּלאַטפֿאָרמע (אַנ׳אָפּענענעם װאַגאָן), דאָרט האָבען זײ זיך צושטעלט מיט זײערע אינסטרו־מענטען, און אױף דעם בעפֿעהל פֿון דעם אַדיוטאַנט האָבען זײ אָנגעהױבען צו שפּיעלען פֿרעהליכע מאַרשען, אום אױפֿצומונטערן דאָס פּובליקום. דען פֿיעל פֿרױען מיט קלײנע קינדער, מיט די פֿאַמיליעס פֿון די אָפֿיציערען און סאָלדאַטען האָבען זיך מיט טרערען בענאָסען קוקענדיג אױף די מענער, װאָס געהען אַװעק אין װעג, פֿון װעלכען גאָט װײס אױב זײ װעלען בשלום צוריקקומען. אײניגע פֿון די מוזיקאַנטען זענען געװען בעקאַנט און בעליעבט אין גאַנץ גראָדנאָ. דאָ איז געשטאַנען פּאַװינסקי מיט דער צופֿלעקטער באַק, אַנ׳אױסגעצײכענטער קלאַרנעטיסט; דאָרט איז געשטאַנען עקערט, דער בלאָנדער קורלענדער, װאָס האָט פֿאָרטרעפֿליך געשפּיעלט אױף דער פֿלײטע; דאָרט איז געװען צו זעהן אונזער טשאַסניקאָװ, דער טראָמבאָניסט, װאָס איז געװען אַ גרױסער שנאַפּסער, און װען ער איז געװען מבושם, פֿלעגט זיך איהם װעלען מגייר זײן; איהם איז געפֿעלען געװען אונ־זער אָמונה, װײל ייד׳ן טרינקען נישט קײן שװאַכען שנאַפּס, נאָר שטאַרקען שפּירט... מיר האָבען די אַלע לײט זעהר גוט געקענט. װײל זײ פֿלעגען אײנגעהן צו אונזערע יידישע כּלי־זמרים, און זענען בײ אַלע זײערע שׂמחות געװען גאַנצע בני בית. די יידישע כּלי־זמר האָבען טשאַסניקאָװען אױסגע־לערנט אַ יידישע „תּפֿלה״: „אַמאָל איז געװען אַ רב מיט אַ רעביצין, האָבען זײ ניט געהאַט קײן קינדער זענען זײ געשטאָרבען, האָט מען זײ בעגראָבען״. מיט דער דאָזיגער תּפֿלה האָט אונזער יידענפֿרײנד אונז אַלעמען דעם קאָפּ פֿערדולט. ער פֿלעגט זיך זעהר צו שאָקלען װי אַ פֿרומער ייד בײ׳ם דאַװ־נען, און שרײען מיט גרױס כּונה. „אַ מאָלק־סי־װע־זים־ראַ־סאַ־ריעץ, גאַטרדר קינדרדר, שטאַר־גען, באָר־גען״. דער דאָזיגער טשאַסניקאָװ איז אױך גע־שטאַנען מיט זײן טראָמבאָן אין דער קאָמפּאַניע פֿון די מוזיקאַנטען; אָבער דאָס מאָל האָט ער אױסגעזעהן זעהר טרױעריג, װי אַנ׳עהרליכער ייד צו קינות... דאָרט איז אױך געשטאַנען לעװין, אַ יידישער מוזיקאַנט, װאָס האָט פֿאָר־טרעפֿליך געשפּיעלט פּיסטאָן־קאָרנעט. דער אַדיוטאַנט, װאָס איז געװען אַ גרױסער מוזיק־פֿרײנד, האָט איהם איבערגערעדט, נאָך דעם װי ער האָט געענדיגט די צײט פֿון זײן מיליטער־דינסט, ער זאָל פֿערבלײבען אין דער קאַפּעלע און איבער אַ נײעם דינען, פֿאַר אַ זשאַלאָװאַניע פֿון 15 רובל אַ חדש — און ער מוז איצט אױך אַװעק אין דער מלחמה! אױף דעם פּלאַץ פֿאַר דער ליניע, איז צװישען פּובליקום געשטאַנען זײן פֿרױ מיט 5 קלײנע קינדערליך, דאָס 5־טע האָט זי געהאַלטען אױף די הענד, און מיט אַ זעק־סטע האָט זי געשװאַנגערט — מיט אײנמאָל איז געװאָרען אַ טומעל: די שײנע סימפּאַטישע פֿרױ איז פֿלוצלונג געפֿאַלען אין חלשות! עס איז געװאָרען

אַ געשריי, אַ געפּילדער, מען האָט איהר אָנגעהויבען צו מינטערן, מען האָט איהר אָבער נאָך ערגער געמאַכט און נאָך מעהר פֿערשטיקט די לופֿט. דאָ איז דער פֿערמסקי פֿאָלקאָווניק פּראָקאָפּע אַליין צוגעגאַנגען צו דער פֿרוי מיט'ן פֿאָלקאָוועם דאָקטאָר, זיי האָבען זי אויפֿגעמונטערט און דער פֿאָלקאָווניק אַליין האָט איהר אַ לאַנגע צייט אונטערשטיצט, ביז זי איז, ווי עס איז, צו זיך געקומען. דאָ זענען פֿיעל אויגען נאַס געוואָרען, די מוזיקאַנטען האָבען אויפֿגעהערט צו שפּיעלען, זיי האָבען אַלע געהאַלטען טיכלעך פֿאַר די אויגען...

נאָר איין אָפֿיציער, פֿירכט טשאָלאָקאַיעוו, דער בערימטער טענצער, איז געוועזען מונטער. ער איז צוגעגאַנגען צו די מוזיקאַנטען, האָט זיי געזאָגט כיבר, זיי זאָלען ניט זיין קיין באַבעס, און געהייסען אויפֿשפּיעלען אַ פֿרישען לעבעדיגען מאַרש. די סאָלדאַטען האָבען איהם געפֿאָלגט, מיט אַ גרויסען רויש און געפּילדער האָבען זיי אָנגעהויבען צו שפּיעלען. דער קעסעל־פּייקעל האָט געאַרבייט ווי אַ מוהל, דער גרויסער פּויק האָט ממש געדונערט מיט זיינע שטאַרקע קלעפּ — זיי האָבען אָבער מעהר ניט אָבגעשפּיעלט ווי דעם ערשטען פֿאַל. די בלאָז־אינסטרומענטען האָבען ביסלעכווייז אויפֿגעהערט זיך צו הערען, און ביז עס איז געקומען צו'ם טריאָ, האָט זיך שוין מעהר ניט געהערט ווי די קלעפּ פֿון דעם גרויסען פּויק. אַלע האָבען די הענד אַוועקגעלעגט, און פֿון די אויגען האָבען זיך געגאָסען טרערען... דאָס האָט זיך פֿיעל מאָל ווידערהאָלט, און אַזוי האָט זיך עס אָבגעצויגען, ביז די מאַשינע האָט דעם לעצטען פֿייף געגעבען און דער גאַנצער שטאַב מיט דער מוזיק זענען אַוועק מיט דעם צוג. די קולות „פּראָשטשאַי גראָדנאָ!” האָבען זיך נאָך פֿון וויטען געהערט, ביז דער צוג איז אין שטורם פֿערשוואונדען געוואָרען.

זונטאָג צו מיטאָג האָט געדאַרפֿט אַוועקפֿאָהרען דער דיוויזיאָנער גענע־ראַל באַראָן דעל...הויזען. ער איז געוועזען זעהר הויך געוואַקסען, פֿון איינציגע און פֿופֿציג יאָהר, שטאָלץ ווי אַן עכטער דייטשער באַראָן. איך האָב זעהר גוט געקענט זיין גאַנצע פֿאַמיליע, דען די פֿענסטער פֿון מיין וואָהנונג זענען אַרויסגעקומען אין אַ גרויסען פֿרוכטגאָרטען, וואָס האָט געהערט צו'ם גענע־ראַלס קוואַרטיר. מיר פֿלעגען זעהר אָפֿט זעהן איהם מיט זיין עלעגאַנטער יונגער פֿרוי מיט זיינע שענע בלאָנדע קינדער שפּאַצירען און זיך שפּיעלען אין גאָרטען. 2 יונגלעך געקליידט ווי קאַדעטען, און 3 מעדלעך פֿון 7 ביז 3 יאָהר, אַלע בלאָנד און וואונדערשען — דאָס איז געוועזען די באַראָנישע פֿאַ־פֿאַמיליע. די קינדער זענען געוועזען פֿריי, מונטערע און האָבען ליעב געהאַט אַ שטיף צו טהון אונטער דער השגחה פֿון דער ליעבער, גוטער מונטערער מאַמאַ. נאָר ווען דער פֿאָטער פֿלעגט זיין דערביי, האָט מען פֿון זיי אַלעמען אַ דיך נישט געהערט, אַפֿילו די מאַמאַ האָט אויך ניט געוואָגט הויך צו־

רעדען. אַזוי וויַיט איז גרויס געווען דער דרך אֶרץ און די גרויסע האָכאַכטונג פאַר דעם שטאָלצען פאַמיליענפאָטער. דאָס געשפּרעך איז שטענדיג געווען אויף „זי”, קיינמאָל אויף „דו”. צו זייער אַוועקפאָהרען האָט מיר אָנגענומען אַ חשק צו זיין דערביי. — די פרוי און די 5 קינדערלעך זענען געשטאַנען שטיל און ערנסט אויף דער פּלאַטפאָרמע ביי דער טהיר פון ערשטען קלאַס פון וואָקזאַל. ער איז אַוועקגעגאַנגען פערטיעפט און געדאַנקען, ערנסט געשפּרייזט מיט זיינע לאַנגע פיס הין און צוריק. די פרוי און די קינדער האָבען ניט געוואַגט אַ פּיפּס צו טהון, און ווען ער איז צוגעגאַנגען צו זיי, זענען געווען די ווערטער קאַלט און דאָס געשפּרעך אַ צוריקגעהאַלטענעס, גלייכגילטיגעס, וועגען דעם וועטער, וועגען דעם, וואָס די יונגלעך זענען שוין אַרויסגעוואַקסען פון זייערע קליידער, מען דאַרף זיי מאַכען נייע אַנצוגע. עס איז אויף זיי אַלעמען געווען צו זעהן, דאָס די הערצער זענען פול, נאָר די ווערטער פּוסט, גאָר ניט צו דער זאַך, ווער רעדט פון אַ טרעהר לאָזען — חס וחלילה! „דאָס וועט דאָך זיין געגען דעם אַנשטאַנד!” און די צייט לויפט, — אָט איז שוין דער ערשטער קלונג — באַלד — באַלד וועט דער ליעבער פּאַפּאַ אָבפאָהרען, ווען וועט ער ווידער קומען? און וועט ער אַמאָל ווידערקומען? אַך גאָט! גאָט אין הימעל!

אַזעלכע טרויעריגע געדאַנקען איז געווען צו לייענען אויף אַלע פּנים'ער, אָבער זיי אַרויסרעדען — חס וחלילה! „דאָס וועט דאָך זיין געגען דעם אַנשטאַנד!”

און דאָ איז שוין דער צווייטער קלונג! דער באַראָן איילט שוין אַריינצוגעהן אין וואַגאָן פון ערשטען קלאַס. נאָך איין מאָל טרעט ער צו צו זיין פאַמיליע, מעסט זיי אַלע אָב מיט די אויגען, דערלאַנגט דער פרוי די האַנד, די הערצער הויבען זיך, ווי זיי ווילען פּלאַצען. אָבער אַ וואָרט רעדען — חס וחלילה! דאָס לאָזט ניט צו דער אַנשטאַנד, דער באַראָנען=שטאָלץ.

פּלוצלונג איז צוגעלאָפען אַן אָרימע ידענע, אַחן אַן אָטהעם, פערסאַפּעט פון לויפען, אָבגעריסען, אָבגעשלומפּען, מיט אַ קויש בייגעל אויף דער האַנד. דאָס איז געווען אַן אָרימע אַלמנה, וואָס האָט אָפשר אַ האַלבע פּרנסה געהאַט פון געגנעראַלס הויז. זי פלעגט אַהין טראָגען געבעקס, און ווי זי האָט דערהערט, דאָס די מאַדאַם מיט די קינדער זענען אויפ'ן וואָקזאַל, זיך צו געזעגענען מיט דעם העררן, איז זי אין איין אָטהעם געלאָפען צו'ם וואָקזאַל, פערהאַפט זיי ביי'ם צווייטען קלונג און געטראָפען ווי זיי שטעהען אַזוי שטום אָהן ווערטער. דאָ האָט זי אַ געשריי געטהון פון טיפען צעבראָכענעם הארצען:

„מיין גילדערנע מאַדאַמינקע! גאָט זאָל אויפריכטען אייער הערצעלע, זיינע מלאָכים זאָלען בעשיצען דעם גוטען האַרינקע, ער זאָל קומען פון זיין

וועג אַ געזונטיקער אויף אַלע גלידערלעך, בזכות זיינע ברילאַינטענע ווייב און קינדערלעך!"

און מיט אַנ'אָנגעלאָדענעם הארץ פון אַ ביטערער אַלמנה האָט זי אויסגעבראָכען מיט אַ געוויין.

און דעם אויגענבליק האָבען געפּלאַצט אַלע רייפען פון דער עטיקעט, פונ'ם „אַנשטאַנד". עס איז געוואָרען אַ יְלָלָה. די צאַרטע פרוי איז געפאַלען דעם מאַן אויפ'ן האַרצען, דער געריהמטער מאַן האָט זי צוגעדריקט צו זיין ברייטער ברוסט. די שענע קינדערלעך האָבען זיך געגראָבען מיט די קעפּלעך דעם פּאַפּאַ און די קני מיט אַ ביטערען געוויין. ער האָט יעדעם קינד געהויבען צו זיך אין דער הויך און בעשאָטען מיט גליהענדע קושען... די אויגען זענען איהם רויט געוואָרען פון אָנגעלאָפענע טרערען, אַלע וואָס זענען דערביי געוועזען, האָבען זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען פון וויינען, די אַדיוטאַנטען האָבען דעם באַראָן אונטער די הענד אַריינגעפיהרט אין וואַגאָן, און די איבערגעבליבענע פריינד האָבען די וויינענדע באַראָנעסע מיט די קינדערלעך אויף די הענד אַריינגעטראָגען אין זייער קאַרעטע.

אָט וואָס היינט אַ איניג וואָרט אַרויסגערעדט פון טיפען האַרצען. די דייטשע פאַמיליע האָט גוט פערשטאַנען די רעד פון דער אָרימער יידינע, האַטש דאָס איז געווען אין סאַמע פּראָסטע זשאַרגאָן.

בעדעקט מיט עהרע און רוהם האָט צוריקגעקעהרט די 26=סטע דיוויזיע אויף איהר אָרט, נאָר דער באַראָן איז ניט מעהר צוריקגעקומען — ער האָט אַוואַנסירט, איז געוואָרען קאָרפּוסנער קאָמאַנדיר. זיין שטעלע אַלס דיוויזיאָנער האָט איינגענומען דער בעליעבטער, העלדישער גענעראַל מאַלאַחאָוו.

פונקט ערב יום כפור 1878 איז ביי אונז אָנגעקומען דער שטאַב מיט דער פאָהן מיט דער מוזיק — און ווידער איז אַ גרויסער עולם געשטאַנען בייס וואָקזאַל און ערוואַרטעט זייער קומען. דאָרט איז פול געווען נאַטשאַלסטוואָ, ציווילנע און פון מיליטער, דען אין דעם זעלבען טאָג האָט מען געדאַרפט אָבשיקען אַהיים 600 טערקישע סאָלדאַטען, וואָס האָבען די צייט זיך אויפגעהאַלטען אין אונזער שטאָדט אַלס געפאַנגענע. דער צוג איז אָנגעקומען מיט דעם שטאַב, מיט אַלע קלאַפּערגעציינג... און ווידער איז ניט געווען צו הערען קיין מאַרש פון דער מוזיק, איצט אָבער איז עס געווען פאַר גרויס שמחה, דען אַלע האָבען בעגריסט זייערע זיהן, זייערע פאָטערס, זייערע ברידער אָדער קרובים אָדער גלאַט אַזוי גוטע בעקאַנטע. די אינסטרומענטען זענען אַרויסגעריסען געוואָרען פון זייערע הענד, און איבער די גאַסען האָט זיך

געהערט א מין קאצען־מוזיק פון די ווייסע חברה־ניקעס, פון די גאסענ־יונגען, וואס האבען געטראגען די שפיעל־בלים. א קליינער קורנאסער יונגעל האט אויף זיך געשלעפט דעם גרויסען בויק, און זיינע חברים האבען דערויף גע־געבען קלעפ מיט וואס זיי האבען נאר געקענט. אפילו די סאלדאטען פון שטאב זענען אויך געגאנגען לעדיג — דען קינדער האבען נאכגעטראגען זייערע געוועהר, זייערע ראנצעס מיט אלעס, וואס זיי האבען אויף זיך געהאט צו טראגען. ביי דער אלגעמיינער פרייד איז ניט שייך געוועזען קיין דיסציפלין קיין מיליטערישע ארדנונג. די פרייד אין שטאדט איז זעהר גרויס געוועזען, סיי יודישע סאלדאטען, סיי קריסטליכע זענען אויפגענומען געווארען ווי אייגענע קרובים, ווי אייגענע ברידער!

פיעל וואסער איז זייט יענער צייט אוועקגעשווומען פון אונזער טייך ניעמען און ים ארויס, פיעלעס האט זיך אומגעביטען ביי אונז פון יענער צייט ביז היינט, קרובים געשי רחוקים — די גאנץ נאהנטע זענען דערווייטערט געווארען פון איינאנדער — און פון דער דאמאלדיגער אלגעמיינער ברידערשאפט איז קיין זכר ניט געבליבען. אלענפאלס איז די מניעה ניט פון יודישע זייט, נאר פון א גאנץ אנדערער...

(א״ש פריעדבערג).

§ 15. חראניק.

חראניק אדער דברי הימים *) איז כמעט גארניטא אין דער יודישער ליטערא־טור. זעהר פיעל אבער געפינען זיך די דאזיגע ווערק אין דער העברעאישער ליטעראטור. חראניק ווערט אנגערופען א היסטאריש ווערק, וועלכעס גיבט איבער, לויט די צייטארדנונג, פערשיעדענע היסטארישע פאקטען פון א פאלק, א לאנד, א געגענד אדער זאגאר נאר איין שטאט אין א געוויסער עפאכע. ווען א פאלק פלעגט זיך נאר אנפאנגען צו ענטוויקלען און מיט איהם אויך זיין שרייב קונסט, פלעגען געבילדעטע מענשען פון דעם דאזיגען פאלק אנהויבען צו פערשרייבען, לויט מינדליכע קוועלען, מעשיות, וואס זיי פלעגען אויסצוהערען און לעגענדעס, אלעס, וואס מיט זייער פאלק, מדינה אדער שטאדט האט זיך געטראפען, ביז זייער צייט, אדער אין זייער זייט. די עלטסטע חראניקעס זענען די העברעאישע:

*) דער העברעאישער בעגריף דברי הימים פאסט נאר פאר חראניק און ניכט פאר „געשיכטע״, וואס איהר בעגריף איז פיעל ברייטער און טיעפער.

פֿיעל טיילען פֿון חומש, יהושע, שופֿטים, שמואל, מלכים און דברי הימים זענען גרויסע חראָניקעס, וואו עס ווערט ערצעהלט די אַלטע געשיכטע פֿון יידישען פֿאָלק (אין פֿיעל ערטער אויך פֿון אַנדערע פֿעלקער). עס האָבען זיך געפֿונען נאָך אַנדערע העברעאישע אַלטע חראָניקעס: דברי הימים למלכי יהודה וישראל און אַנדערע, ווי עס ווערט דערמאָהנט אין תנ"ך, נאָר זיי זענען וואַהרשיינליך פֿאַרלוירען געגאַנגען. אַלס חראָניקעס קאָנען אויך בעטראַכט ווערען די פנקסים פֿון פֿערשיעדענע יידישע קהלות. זיי אונטערשיידען זיך אָבער פֿון די אַלטע חראָניקעס, ערשטענס דורכדעם, וואָס זיי טראָגען נאָר איין אָרטליכען האַראַקטער, דען זיי ערצעהלען נאָר, וואָס עס פֿלעגט פֿאָרקומען אין איין שטאָדט, און צווייטענס ווערען אין זיי פֿערשריבען נאָר די פֿאַקטען, וואָס זענען פֿאָרגעקומען נישט לאַנג פֿאַר'ן איינשרייבען. די פנקסים זענען אַלזאָ אַלס היסטאָרישער מאַטעריאַל די גענויעסטע און ריכטיגסטע קוועלען.

די חראָניקעס זענען זעהר וויכטיג פֿאַר די היסטאָריע, ווייל דער היסטאָריקער געפֿינט אין זיי זעהר פֿיעל מאַטעריאַל און פֿאַקטען, מיט וועלכע ער בענוצט זיך אין זיינע ווערק, אָבער נישט אַלע פֿאַקטען אין זיי זענען ריכטיג, און דעריבער מוז זיך דער היסטאָריקער פֿערהאַלטען צו די חראָניקעס פֿאָרזיכטיג און מיט אַ געוויסער קריטיק. די אורזאַכע דערפֿון איז דאָס, וואָס דער חראָניקער פֿלעגט אַריינגעהמען אין זיין ווערק אַלעס, וואָס מען האָט איהם דערצעהלט, נישט אַכטענדיג דערוועגען, אַז פֿיעל קאָן זיין פֿאַלש, נישט ריכטיג איבערגעגעבען; אויך פֿלעגט דער חראָניקער האַלטען פֿאַר היסטאָרישע פֿאַקטען אַלעס, וואָס עס איז אויסגעטראַכט געוואָרען דורך די פֿאָלקספֿאַנטאַזיע און עס איז ערצעהלט געוואָרען אין די פֿאָלקס-לעגענדעס, און דאָס אַלעס פֿלעגט ער איבערגעבען צוזאַמען מיט די ריכטיגע היסטאָרישע פֿאַקטען. נאָך איין גרויסען פֿעהלער האָבען די חראָניקעס: די אַלטע חראָניקער, ווי ביי די יידען, אַזוי אויך ביי אַנדערע פֿעלקער, פֿלעגען נישט זוכען ווייט די סבה פֿון די היסטאָרישע פֿאַקטען. זיי, ביי וועלכע די אמונה איז געוועזען דער וויכטיגסטער פֿאַקטאָר אין לעבען, האָבען אין אַלע היסטאָרישע געשעהענישען געזעהען נאָר דעם „אצבע אלהים" (גאָטס פֿינגער) אָדער די „מוירא" (אַ גריכיש וואָרט, וואָס בעצייכענט גורל, מזל, אָדער אַלערהעכסטער ווילען). זעלבסטפֿערשטענדליך, אַז ביי אַזאַ מין וועלטאַנשויאונג קאָנען נישט ריכטיג און וויסענשאַפֿטליך ערקלערט ווערען די היסטאָרישע פֿאַקטען. ביי דעם אַלעם איז די בעדייטונג פֿון חראָניקעס

זעהר גרויס און ווִיכטִיג; מען קאָן זאָגען, דאָס אָהן זיי וואָלט קיין שום הִיסטאָריע נִישט געקאָנט בעשאַפֿען ווערען, און מִיר וואָלטען קיין אַהנונג נִישט געהאַט פֿון דעם לעבען פֿון אונזערע אָבות.

§ 16. הִיסטאָריע.

אַ גאַנצע ריַיהע פֿון ערצעהלונגען אִיבער די געשעהענִישען פֿון אַ גאַנץ פֿאָלק, אַ לאַנד אָדער פֿון דער גאַנצער וועלט אִין אַ געווִיסער אָרדנונג, בעאַרבּיַיט לויט אַ געווִיסען סִיסטעם, הײַסט הִיסטאָריע אָדער געשִׁיכטע.

דִי הִיסטאָריע אָדער געשִׁיכטע בעשעפֿטִיגט זִיך נִישט נאָר מִיט טרוקענע פֿאַקטען, זי זוכט די סבּות פֿון זיי און דעם צוזאַמענהאַנג צווִישען די פֿאַקטען און יענע, צווִישען איין עפּאָכע און דיער אַנדערע, און פֿרײַסט זִיך פִֿיעל מאָל צו ערקלע=רען דעם אִינערלִיכען ווערט פֿון דִי הִיסטאָרִישע פֿאַקטען און זייער בעדײַטונג פֿאַר די צוקונפֿט.

צו זײַן אַרבּײַט בענוצט זִיך דער הִיסטאָרִיקער מִיט פֿערשִׁידענע קוועלען: בִּיאָגראַפֿיעס, אויטאָבִּיאָגראַפֿיעס, זכרונות און חראָנִיקעס; פֿאָלקס=מעשיות, לע=גענדעס און פֿאָלקס=שִׁירים; רעשטען פֿון אַלטע בּנינִים, אַלטע מטבעות און מצבות — דאָס אַלעס זענען קוועלען, פֿון וועלכע דער הִיסטאָרִיקער שעפּט מאַ=טעריאַל פֿאַר זײַן אַרבּײַט. דערצו קאָן נִישט דאָס מאַטעריאַל בענוצט ווערען אַזוי ווִי עס געהט און שטעהט: דער הִיסטאָרִיקער מוז פֿריהער אויספֿאָרשען, פֿעסטשטעלען אויב דאָס מאַטעריאַל אִיז נִישט קיין געפֿעלשטעס, און ווען נִישט, צי קומט עס ווִירקלִיך אַרויס פֿון דער צײַט, וועלכע אִיז דאַרויף אָנגעגעבען, און ענדלִיך, צִי אִיז אַלעס, וואָס אִין דעם מאַטעריאַל שטעהט געשרִיבען, רִיכטִיג, אָדער דער חראָנִיקער, בִּיאָגראַף א. ז. וו. האָט בשוגג אָדער במזיד געפֿעלשט דִי פֿאַקטען. דאָס זענען אַלץ זאַכען, וואָס געשעהען גאַנץ אָפֿט, און דער הִיסטאָרִי=קער מוז זִיך בענוצען מִיט אַ שטרענגער קרִיטִיק*), כּדי ער זאָל מִיט דעם אייגענעם שׂכל און פֿאָרשונגס=גײַסט און מִיט דער הִילף פֿון פֿערשִׁידענע הִילפֿסווִיסענשאַפֿ=טען קאָנען גענוי אונטערשיידען צווִישען דעם עכטען און געפֿערשטען, צווִישען דעם ווִירקלִיך הִיסטאָרִישען פֿאַקט און דער פֿרוכט פֿון דער פֿאָלקס=פֿאַנטאַזיע א. ז. וו.

דִי הִילפֿס=ווִיסענשאַפֿטען, מִיט וועלכע דער הִיסטאָרִיקער בענוצט זִיך,

*) אָבשאַצונג — פֿון גרִיכִישען.

49. די פאָרמען פון א ליטעראַרישׁ ווערק.

ביז איצט האָבען מיר גערעדט וועגען פערשידענע אופנים און ארטען, אין וועלכע עס קאָנען אויסגעדריקט ווערען יעדער געדאַנקען, יעדעס בילד, יעדער בעגריף בעזונדער. א ליטעראַרישׁ ווערק בעשטעהט פון א גאַנצע רייהע אזעלכע בילדער, בע־גריפען און געדאַנקען, וואס ווערען אויסגעדריקט דורך ווערטער. יעדעס ליטעראַרי־שעס ווערק קאָן געשריבען ווערען אין איינער פון פיער פאָרמען: מאָנאָלאָגישער, דיא־לאָגישער, געמישטער פאָרם אָדער אין א בריעף־פאָרם.

§ 50. מאָנאָלאָג.

I. מאָנאָלאָגיש הייסט די פאָרם פון דעם ווערק דאַן, ווען אלץ אין איהם ווערט דערצעהלט אָדער געשילדערט פון איין פערזאָן, פון דעם פערפאַסער גופא אָדער פון דעם הויפט־העלד פונ׳ם ווערק. אין מאָנאָלאָגישער פאָרם ווערען געשריבען אלע וויסענשאַפטליכע ווערק, בעשרייבונגען א. ז. וו. אויך ווערען שענליטעראַרישע ווערק זעהר אָפט געשריבען אין פאָרם פון מאָנאָלאָגען, ווען דער פערפאַסער וויל דאַמיט איבערגעבען די געדאַנקען און רעדאַרטען פון זיין הויפט־העלד. אין מאָנאָלאָגישער פאָרם זענען געשריבען דער גרעסטער טייל ווערק פון מענדעלי מוכר ספרים. אחוץ דעם זענען פיעל בעקאַנט אין דער יידישער ליטעראַטור די מאָנאָלאָגען פון שלום־עליכם, ווי „פונ׳ם פריזיוו״, „דאָס טעפעל״, „גימנאַזיע״ און פיעל אנדערע. אָט איז א ביישפיעל פון א מאָנאָלאָג, וועלכער ווערט געהאַלטען פונ׳ם הויפט־העלד פונ׳ם ווערק.

דאָס קראַנקע יונגעל.

מאַמישי, איך וויל דיר אויסזאָגען א סוד: דער עיקר — דער טאַטע זאָל נישט וויסען!

פרעגסט פאר וואס? ווייל דער טאַטע האָט מיך ווענינער ליעב...

ניין, מאַמישי, איך זינדיג מיט די רעד; ווענינער ליעב האָט ער מיך נ י ש ט; ער האָט מיך נאָר א נ ד ע ר ש ליעב!

ער איז דאָך א טאַטע, איז ער שטרענגער...

דער טאַטע האָט א לאַנגע באָרד; דעם טאַטענס פנים איז נישט אזוי צו׳ם גלעטען, ווי דער מאַמעס אַטלאַסען פנים... און אויגען האָט ער גאָר אַנ־דערע, גאָר אַנ׳אַנדער בליק. דו, אַז דו קוקסט אויף מיר, האָסט דו עפּיס אזוינע לאַכענדיגע, דערביי פייכטע — — האָסט דו עפּיס אזוינע גוטע, און

די אינקוויזיציאָן אין שפּאַניען.

(1481–1485 נאָך קריסטוס געבורט).

דעם שפּאַנישען פֿאָלק איז נישט בעשערט געווען צו געניעסען ריהיגע די שמחה, וואָס אַלע קליינע מלוכות האָבען זיך פֿעראייניגט, און פֿון קאַסטיליען, אַראַגאָניען און קאַטאַלאָניען איז געוואָרען אַ גרויס לאַנד. די מאַראַנען זענען ביי זיי געווען, ווי אַ דאָרן אין אויג, און זיי האָבען זיך פֿערדרעהט די קעפּ נאָר מיט דער שאלה, ווי אַזוי גיכער פֿון זיי אַ סוף צו מאַכען, און פֿון קיין גרעסערע טובות פֿאַר דער מדינה האָט מען גאָרנישט געוואָלט טראַכטען. דאָס פֿאָלק האָט איינגענטליך נאָר בלינד נאָכגעטאַנצט עלטערע מענשען, וואָס האָבען געהאַט געניג סבות בעז צו זיין אויף די מאַראַנען און זוכען אַלע מיטעל זיי צו פּטר'ן; די גייסטליכע האָבען עס געטהון אַביסעל לשם שמים, ווייל זיי האָבען די מאַראַנען גערעכענט פֿאַר פֿערבאָרגענע יודען, און די איבריגע האָבען פּשוט געמיינט נאָר קנאה; עס האָט זיי פֿערדראָסען, וואָס די מאַראַנען פֿערנעהמען די בעסטע שטעלען. כל זמן דער שוואַכער קעניג היינריך דער פֿיערטער האָט געלעבט, האָבען די שונאים ניט געקאָנט האָבען אַזאַ שליטה, נאָר אַז די מלוכה איז איבערגעגאַנגען צו דער קעניגין איזאַבעלאַ, און מען האָט נאָך פֿריהער געהערט, אַז זי איז זעהר פֿרום, און אין דעם נאָמען פֿון דער רעליגיאָן וועט מען ביי איהר אַלצדינג אויספֿיהרען, זענען זיי ביי זיך געוואָרען שטאַרקער. דאָס גרויסקייט פֿון די מאַראַנען האָט נאָך מעהר אויפֿגעריסען די אויגען פֿון זייערע געגנער, ווען דער קעניג מיט דער קעניגין זענען געקומען קיין סעווילאַ, און די גרעסטע לייט, וואָס האָבען זיי בעגריסט און אַרומגערינגעלט די גאַנצע צייט, אַפֿילו עפּיסקאָפּען, זענען געווען לויטער מאַראַנען. די שונאים האָבען זיך ניט געקאָנט פֿערוואונדערן, ווי לייכט יודען זענען אומשטאַנד איבערצוטראָגען צרות: ערשט ניט לאַנג האָט מען הונדערטער מאַראַנען אויסגעקוילעט און אָבגעראַבעוועט אין טאָלעדאָ, קאָרדאָבאַ און צו'ם סוף לעבען זיי נאָך און שטעהען נאָר אויף אַזאַ הויכער מדרגה, אַז מען האָט געקענט שווערען, אַז כמעט דער גאַנצער קעניגליכער הויף בעשטעהט נאָר פֿון יודען. אַוודאי האָבען זיך די שונאים, וואָס האָבען זיך געפֿיהלט מיט אייגענע מעלות דורכשלאָגען פֿאַר זיך אַ וועג און האָבען געוואָלט, צוליעב זייער אַלטען ייחוס בעקומען איין אָבגעשיילט איי און מויל אַריין, שטאַרק דערשראָקען פֿאַר'ן יודישען כח, און עס איז ביי זיי געבליבען, אַז זיי מוזען די מאַראַנען עוקר מן השורש זיין. אַ גייסטליכער פֿון סעווילאַ אַלפֿאָנסאָ דע אָיעדאַ האָט גענומען אויפֿקלערען די קעניגין, וואָס פֿאַר אַ חטא עס איז צו לאָזען אַזוי וואַקסען די מאַראַנען, וועלכע זענען נאָך געפֿעהרליכער

§ 51. דיאַלאָג.

דיאלאָג הייסט אַ געשפּרעך צווישען איינינע פּערזאָנען, וואָס יעדער פון זיי קוקט אויף די זאַך, וועגען וועלכע עס האַנדעלט זיך, פון זיין אייגענעם שטאַנדפּונקט. אין דיאַלאָגישער פאָרם ווערען געשריבען אלע דראַמאַטישע ווערק און אויך פיעל אַנדערע. מיר ברענגען דאָ אַ ביישפּיעל פון אַ דיאַלאָג:

מ א י ר. רעכענסט אֶפשר אין גיכען טאַקי זיך דורכפאָהרען אַהינצו (אין אֶרץ־ישראל)?

ח י י ם. פאַר וואָס ניט?

מ א י ר. און טאַקי אין איין וועגס דאָרט בלייבען זיצען?

ח י י ם. מיט'ן גרעסטען כבוד.

מ א י ר. וואָס רעכענסט דו אַ שטייגער דאָרט צו טהון כדומה למשל?

ח י י ם. דאָס וואָס אַלע קאָלאָניסטען! בעאַרבייטען די ערד, פלאַנצען בוימער, ווייגגערטנער.

מ א י ר. קיין שענערע פּרנסה האָסטו דיר שוין גאָרנישט געקאָנט געפינען, אַ חוץ ערד גראָבען און בוימער פלאַנצען?

ח י י ם. מיט וואָס איז ערד־אַרבייט מיאוס'ער, ווי זיין דעם פּריץ'ס אַ יוד? מיט וואָס איז קויפען און פאַרקויפען וואַלד אין גלות שענער, ווי פלאַנצען בוימער ביי זיך אין ־ערהיים, אינ'ם אייגענעם לאַנד, צווישען אייגענע ברידער און שוועסטער?

מ א י ר. ווען זשע רעכענסט דו מאַכען די רייזע, אם ירצה השם, אין אַ גוטער שעה?

ח י י ם. אַפילו היינטיגען טאָג... מען דאַרף פריהער דאָס פאָלק רוהרען, צוגרייטען אונזערע אָרעמע ברידער, די אַרבייטער.

מ א י ר. ביזט דו דאָס פון די דאָזיגע, וואָס רוהרען דאָס פאָלק? פון די דאָזיגע, וואָס גרייטען צו די אָרעמע ברידער?

ח י י ם. ווער דען? איהר, וואָס זענט שטענדיג פאַרנומען נאָר מיט אייער געלד און נאָר מיט אייערע געשעפטען?...

מ א י ר. ביזט דו דאָס מחויב זיך אָננעהמען די קרוודע פון אַלע אָרעמע לייט? ווי געפעלט עס דיר!

ח י י ם. מחויב זענען מיר אַלע, ווארום מיר אַלע זענען קינדער פונ'ם אָרעמען יודישען פאָלק, וואָס ליידעט שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר און

דע סאַן מאַרטין זענען בעשטימט געוואָרען פֿאַר אינקוויזיטאָרען.

אין סעווילאַ האָבען אָבער די מאַראַנען געשפּיעלט די הויפּטראָלע, און די גאַנצע מאַכט איז געווען בײַ זיי אין די הענד. קוים זענען זיי געוואָר געוואָרען פֿון דער גרויסער סכּנה, וואָס שוועבט איבער זייערע קעפּ, האָבען זיי זיך ענטשלאָסען אַרויסצושפּרינגען געגען רצון פֿון דער מלוכה; זיי האָבען אויסגעטראַכט אַ גאַנצען פּלאַן, דער גרויסער גביר דיעגאָ דע שושן און דער געלעהרטער זשואַן פֿערנאַנדאָ אַבולאַפֿיאַ האָבען שטאַרק געאַרבייט אין דעם, און עס וואָלט זיי אֶפשר געראָטען, ווען דיעגאָס טאָכטער, וועלכע איז געווען אַ געליעבטע פֿון איינעם פֿון די פֿײַנדליכע עדעללײַט, וואָלט זיי נישט אויסגעגעבען. דאָ איז שוין צוגעגאָסען געוואָרען בוימאייל צו׳ם פֿײַער: די אינקוויזיטאָרען האָבען זיך געטשעפּעט פֿאַר די רעליגיאָן, די מלוכה האָט זיך נוקם געווען פֿאַר די מרידה, וואָס מען האָט געוואָלט אָנמאַכען, און גאָר אין אַ קורצע צײַט איז אין געפֿענגניש ניט געווען מעהר קיין פּלאַץ פֿאַר אַלע מאַראַנען, וואָס מען האָט דאָרט פֿערשפּאַרט. די אינקוויזיטאָרען האָבען צושיקט אַ בעפֿעהל איבער גאַנץ שפּאַניען, אַז קיינער זאָל זיך ניט דערוועגען אַרײַנצולאָזען די דאָזיגע מאַראַנען, וואָס זענען זיך צעלאָפֿען, און אַז יעדער, וואָס מען וועט בײַ איהם געפֿינען אַנ׳אַנטלאָפֿענעם, וועט אויך גע׳משפּט ווערין ווי אַ כּופֿר אין די אמונה. דעריבער האָבען די אונגליקליכע מאַראַנען ניט געהאַט קיין אָרט, וואו זיך צו בעהאַלטען, און די צאָהל פֿון די געפֿאַנגענע איז געוואָרען אַזוי גרויס, אַז מען האָט געמוזט פֿאַר׳ן אינקוויזיציאָנס־געריכט אָבנעהמען אַ נײַ הויז אין דער פֿאָרשטאָדט פֿון סעווילאַ, וועלכע האָט געהייסען לאַ־טאַבלאַדאַ. אויף דעם הויז האָבען די אינקוויזיטאָרען געלאָזט אויסקריצען פּסוקים פֿון תּנ״ך, כּדי חוזק צו מאַכען פֿון יידען; אויפֿ׳ן טויער האָבען זיי אָנגעשריבען: „אֶחֱזוּ לָנוּ שׁוּעָלִים״: חאַפּט אונז די פֿוקסען, און „הַשְׁלֵךְ עַל ה׳ יְהָבְךָ״: וואַרף אויף גאָט דײַן בעגעהר, און האָבען דערמיט געגעבען אָנצוהערען די יידען, אַז זייער חכמה וועט זיי גאָרניטש העלפֿען, און אַז זייער האָפֿנונג איז אין גאַנצען פֿערלאָרען. צום ערשטען מאָל האָט מען אין סעווילאַ פֿערברענט זעקס מאַראַנען, וועלכע האָבען זיך כּלומר׳שט מודה געווען אויף זייערע זינד, און דערנאָך האָט מען שוין כּמעט יעדען טאָג אויף אַ בעזונדער פּלאַץ געברענט און געבראָטען די יידישע קרבּנות. מען פֿלעגט דערבײַ מאַכען אַ גאַנצע צערעמאָניע מיט פֿאָהנען און צלמים, מיט תּפֿלות פֿון גײַסטליכע, און דרײַ הונדערט יאָהר כּסדר האָט דער רויך ניט אויפֿגעהערט צו געהן פֿון דעם שענדליכען מזבּח...

פֿאַר די אינקוויזיטאָרען איז אָבער נאָך ווייניג געווען, וואָס טויזענדער אומשולדיגע נפֿשות האָבען זיך געמוטשעט אין תּפֿיסה און זיך אָנגעליטען

די שרעקליכסטע שמערצען, ביז מען האָט ביי זיי צוגענומען דאָס לעבען; זיי האָבען געוואָלט, אַז די צאָהל פֿון אַזעלכע אונגליקליכע זאָל ווערען נאָך צעהן מאָל אַזוי פֿיעל. דעריבער זענען זיי נעפֿאַלען אויף אַזאַ שכל: זיי האָבען אַרויסגעלאָזט אַ בעפֿעהל, אַז זיי ווילען געהן מיט חסד, און ווער פֿון די מאַראַנען וועט אַליין קומען צו׳ם אינקוויזיציאָנס-געריכט און וועט זיך מודה זיין, אַז ער איז ביז אַהער פֿערפֿיהרט געווען, וועט מען איהם נאָר העלפֿען, ער זאָל קאָנען תשובה טהון, און קיין שום עונש וועט איהם ניט קומען, וויל די מלוכה וויל נאָר רודפֿ׳ן די דאָזיגע עקשנים, וואָס בעהאַלטען זיך און וואַרטען ביז מען גיט אויף זיי אַ מסירה. זעהר פֿיעל מאַראַנען האָבען זיך געלאָזט אַריינגאַרען אויף אַזאַ אופֿן, זיי זענען אַליין געקומען צו די אינקוויזיטאָרען און האָבען געמיינט, אַז אַט באַלד בעקומען זיי שוין אַ כפּרת עון, נאָר דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבען פֿאַר זיי אַ צרה: יעדען פֿון זיי האָט מען אויסגעפֿרעגט, ווער זיינע חברים זענען געווען, ווער עס האָט איהם צוגערעדט אָבצוטרעטען פֿון קריסטענטום; שווייגען האָט מען ניט געטאָרט, וויל מען האָט אָנגעטהון ענוים קשים, מען האָט געמוזט אָנרופֿען נעמען, און די אינקוויזיציאָן האָט בעקומען נאָר אַ פֿריש צעטעל פֿון נייע קרבנות.

ביי אַזאַ משפט צדק האָבען די זיטען פֿון די שפּאַניער געמוזט שטאַרק פֿערדאָרבען ווערען: די אינקוויזיטאָרען האָבען זיי געהייסען נאָכקוקען, טאָמער ווען זיי דערטאַפּען עמיצען פֿון די פֿאַלשע קריסטען, און דערמיט האָבען זיי כמעט אַלעמען געמאַכט פֿאַר מוסרים. מען האָט גאָר אָנגעהויבען קענען יידישע דינים און מנהגים, און קוים האָט מען בעמערקט, אַז עמיצער האָט זיך שבת אָנגעטהון בעסערע קליידער, אָדער געטרונקען אַ גלעזעל וויין, וואָס מען האָט עס געקענט רעכענען פֿאַר קדוש, איז שוין יענער מיט׳ן לעבען ניט זיכער געווען. אַ טייל האָבען זיך געלאָזט איינרעדען, אַז זיי טהוען מיט די מסירות אַ גרויסע מצוה, נאָר גרעסטענטהיילס פֿלעגט די אינקוויזיציאָן זיך בעדינען מיט אַזעלכע, וואָס האָבען זיך נאָר געוואָלט נוקם זיין אין די געטויפֿטע יידען און בעקומען אַ חלק פֿון דעם פֿערמעגען, וואָס מען האָט ביי זיי געוועהנליך קאָנפֿיסקירט. אַזוי איז גענוג געווען איין וואָרט, איין ווינק פֿון אַ קריסט, אַז מען זאָל האַפּען איינעם פֿון די בעסטע און נוצליכסטע איינוואָהנער און מען זאָל איהם צעברעכען אויף שטיקער, עס איז קיין וואונדער ניסט, וואָס ביז צו׳ם יאָהר האָט מען אין סעווילא געהאַלטען אין תפֿיסה מעהר פֿון פֿינפֿצעהן טויזענד מענשען, אַ חוץ די עטליכע הונדערט, וואָס מען האָט פֿערברענט. דאָס אַכזריות פֿון די אינקוויזיטאָרען איז געווען אַזוי גרויס, דאָס ווען זיי זענען געוואָר געוואָרען פֿון אַ מאַראַן שוין נאָך זיין טויט, ווען ער האָט שוין פֿאַר זיי ניסט געהאַט, וואָס מורא צו האָבען, פֿלעגען זיי הייסען די ביינער אַרויסוואַרפֿען פֿונ׳ם קבר און ביי די קינדער

צונעהעמען די ירושה, האָטש זיי האָבען געמעגט זיין פֿרום; קריסטין שוין פֿון דריטען אָדער דעם פֿערטין דור.

אַז מען האָט זיך אַזוי אָבגערעכענט מיט די מאַראַנען, האָט מען זיך גענומען אויך צו די יידען; און די גייסטליכע, וועלכע האָבען געוואָלט פֿאַר דער וועלט פֿאַרדעקען זייער גרויס אַכזריות, האָבען אָנגעהויבען שרייען, אַז שולדיג זענען דער עיקר נאָר די יידען, אַז זיי פֿיהרען אַרויף אויף שלעכטע וועגען ניט נאָר אַזעלכע וואָס קומען אַרויס פֿון זייערע ברידער, נאָר אַפֿילו געבוירענע קריסטען, און אַז ווען ניט זיי, וואָלט מען ניט בעדאַרפֿט אומברענגען אַזוי פֿיעל מענשען. מיט דעם דרך איז געגאַנגען דער גייסטליכער אַלפֿאָנסאָ דע אָראָפּעזאָ, וועלכער איז דוקא געווען אַ גוטהערציגער און האָט געשריגען געוואַלד אויף די אומרעכט פֿון דער אינקוויזיציאָן, אַפֿילו אַזאַ קלוגער און ערענטליכער מענש האָט זיך געלאָזט איינרעדען, אַז די גאַנצע מכה ליעגט נאָר אין די יידען, און ער האָט אָנגעהויבען אַרבייטען, מען זאָל די מאַראַנען לחלוטין אָבטיילען פֿון די יידען. בזעלן אַזאַ זאַך איז מן הסתם ניט שווער געווען; נאָר גיך איז אַרויס אַ בעפֿעהל, אַז די יידען זאָלען זיך אַרויסציהען פֿון גאַנץ אַנדאַלוזיען, און בעזאָנדערס פֿון סעווילאַ און קאָרדאָבאַ, וואו עס האָבען זיך געפֿונען זעהר פֿיעל מאַראַנען, אין כמעט ביז צעהן טויזענד יידען, וועלכע האָבען אין יענער געגענד געוואוינט נאָך אַ סך פֿריהער ווי די קריסטען האָבען זיך דאָרט בעזעצט, האָבען געמוזט אַוועקוואַרפֿען איבער פֿיער טויזענד אייגענע הייזער און זיך לאָזען זוכען נייע ערטער. דאָס איז נאָך אָבער ווייניג געווען: אַפֿילו דאָרט, וואו זיי האָבען געמעגט זיצען, האָט מען זיי אַרומגערינגעלט מיט אַזאַ שנאה, אַז דאָס לעבען איז זיי נישט נחת געווען, און די מלוכה האָט אַלע מאָל אויסגעגראָבען אַנדערע גזרות פֿון אַמאָל וועגען דער יידישער הלבשה און דאָס שענדליכע צייכען. ווי ווייט די יידען זענען דעמאָלט אַראָבגעפֿאַלען ביי זיך קאָן מען אַרויסזעהן דערפֿון, וואָס אַפֿילו דער לאַנד־רב, דון אַברהם שניאור, וואָס איז געוועזען דער גרעסטער חשוב ביי דער קעניגין, האָט זיך נישט ערלויבט צו זאָגען אין הויף עפּעס אַ גוט וואָרט אויף די יידען און אויסבעטען פֿאַר זיי אַ ישועה.

די רציחות פֿון די אינקוויזיטאָרען זענען דערוויילע אַזוי גרויס און שרעקליך געוואָרען, דאָס די מאַראַנען האָבען שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטען און האָבען אַוועקגעשיקט שלוחים צו'ם פּאַבסט סיקסטוס דעם פֿירטען. ווען דער פּאַבסט איז געוואָהר געוואָרען פֿון אַלצדינג, וואָס עס געהט פֿאָר אין שפּאַניען, האָט עס איהם אַ ברען געטהון, און אַזוי ווי די מאַראַנען האָבען שכל געהאַט און האָבען איהם צוגעשיקט אַ וואוילע מתנה, האָט ער זיך באַלד אָנגענומען פֿאַר זיי און האָט געשריבען צו איזאַבעלאַ

מיט דון פערנאַנד, אַז נישט דאָס האָט ער געמיינט, ווען ער האָט ערלויבט
צו מאַכען אַנ׳אינקוויזיציאָנס געריכט, און אַז די ריינע אֶמונה דערלאָזט נישט
מען זאָל פערגיסען בלוט פון אומשולדיגע מענשען. דאָס איז גראָד געווען
אין דער צייט, ווען די שפאַנישע מלוכה האָט געוואָלט איינפיהרען די אינ=
קוויזיציאָן אין גאַנצען לאַנד און האָט אויסגעקליבען פאַר׳ן עלטעסטען פון
אַלע אינקוויזיטאָרען דעם בערוהמטען אַכזר טאָמאַש דע טאָרקוועמאַדאָ. אַודאי האָט איהר נישט געשמעקט, וואָס די מאַראַנען האָבען זיך
אָבגעזוכט אַ וועג קיין רוים, און עס איז ביי איהר געבליבען זי זאָל אויך
טהון דאָס אייגענע: פאַר געלד האָט זי אַלצדינג איבערגעדרעהט, און דער
איינענער פאַבסט, וועלכען האָט פריהער כלומר׳שט פערקלעמט ביי׳ם האַר=
צען, ווען ער האָט דערהערט וואָס פאַר אַ רציחות די אינקוויזיטאָרען טהוען,
האָט יעצט געגעבען זיין ברכה אַזעלכע פרומע לייט. די אינקוויזיציאָן האָט
זיך פערשפרייט איבער דעם גאַנצען לאַנד, און כדי קיינער פון די אומגליק=
ליכע מאַראַנען זאָל זיך נישט קאָנען קלאָגען פאַר׳ן פאַבסט, האָט ער גע=
מאַכט, אַז אין שפאַניען זאָל מען טאַקע זעצען אַנדערע ריכטער, וואָס צו זיי
זאָלען זיך ווענדען אַלע, וואָס זענען נישט צופריעדען פון די אינקוויזיטאָרען;
בייזע וועלף האָט ער געמאַכט פאַר שופטים איבער די צערייצטע טיגער און
ביי זיי האָט ער געהייסען די אָרימע שעפּעלעך זוכען יושר און רחמנות...

אויב עמיצען פון די מאַראַנען און די שפאַנישע יידען האָט זיך פריהער
אויסגעוויזען, אַז ערגער קאָן שוין גאָרנישט זיין, האָט זיי טאָרקוועמאַדאָ גע=
וויזען, אַז זיי האָבען אַ גרויסען טעות געהאַט: דאָס וואָס ער האָט זיי גע=
טהון, לאָזט זיך גאָרנישט בעשרייבען; זיין האַרץ איז געווען פון שטיין, קיין
שום צערטליך געפיהל האָט זיך אַהין נישט געקאָנט אַריינגנב׳נען, באָדען
זיך אין פרעמד בלוט, זעהען פאַר זיך הרוגים — איז געווען זיין בעסטער
תענוג. ער האָט צו זיך צוגעשלעפּט נאָך אַזוינע גוטע מענשעלעך, ווי ער
אַליין, בעזאָנדערס די צוויי גייסטליכע פעדראָ אַרבועס דע עפּילאָ
און גאַספאַרד יוגלאַר, וועלכע ער האָט געמאַכט פאַר אינקוויזיטאָרען
אין סאַראַגאָסאַ, און אַזעלכע חברה=לייט, וואָס ער האָט אונטער זייער
מאַכט געשטעלט די אינקוויזיציאָנס=געריכט אין קאָרדובה, זשאַען ווי=
לאַרעיאַ און טאָלעדאַ. אומעטום האָט ער געהייסען אויסרופען, דאָס
אַלע, וואָס פיהלען זיך שולדיג, האָבען אַ גאַנצען חודש צייט צו קומען
אַליין זיך מודה זיין און ווייזען די דאָזיגע מענשען, וועלכע האָבען זיי פער=
פיהרט. עס האָבען זיך אָבער געפונען זעהר ווייניג בעלנים, וואָס זאָלען
וועלען האַנדלען ביי דער אינקוויזיציאָן מציאות: מען האָט גוט געוואוסט,
אַז קיין לעבעדיגער געהט מען שוין פון איהרע הענד נישט אַרויס. די צאָהל
פון די קרבנות, וואָס זענען אין יענער צייט געפאַלען, איז שווער צו בעשטי=

מען. דעמאָלט איז אויך אומגעקומען איינער פון די גרעסטע גייסטליכע און קורדובה, פעדראָ פערנאַנדעץ דע אַלקאַנדעטע, אַ געבוירענער קריסט. אויף איהם איז געפאַלען דער חשד, אַז ער איז אַ גוטער ברודער מיט די מאַראַנען, און בסתר האָט ער זיך אַ יודישען נאָמען געגעבען, אַז אין פסח עסט ער מצה און היט אָב אַלע יודישע מנהגים, און דער חשד אַליין איז גענוג געווען, מען זאָל איהם גאָרנישט פרעגען און לעבענדיגערהייד פערברענען.

אין טאָלעדאַ האָבען געוואָהנט זעהר פיעל מאַראַנען, און זיי האָבען זיך ענטשלאָסען אָנצומאַכען אַ מרידה און זיך אַרויסשטעלען געגען דער אינקוויזיציאָן. זייער פאָרשטעהער איז געווען אַ יונגער געלעהרטער און מוטהיגער מענש מיט דעם נאָמען דע לאַ־טאָררע. מען האָט זיי אָבער גע'מסר'ט, און די מלוכה האָט צושלאָגען אין גאַנצען זייער פלאַן. עטליכע האָט מען אויפגעהאַנגען, אַביסעל זענען זיך צעלאָפען און די איבריגע זענען אַריינגעפאַלען אין די הענד פון די אינקוויזיטאָרען, וועלכע האָבען דערווייל געפונען נאָך אַ בעסערען פלאַן און האָבען בעפוילען די רבנים, זיי זאָלען אַלע יודען בעשווערען, דאָס זיי מוזען מגלה זיין פון יעדען מאַראַן, וואָס זיי קענען. דאָס איז געווען אַ שאַרפע המצאָה פון טאָרקוועמאַדעס לייט: זיי זענען ניט מסופק געווען, אַז פון די יודען וועלען זיי גאָר ווייניג געוואָהר ווערען, נאָר זיי האָבען פשוט געזוכט נאָך אַ סבה, פאַר וואָס זיך צו טשעפען. די ערשטע זעקס מאַראַנען, וועלכע מען האָט פערברענט אין טולעדאַ זענען געווען ניט קיין היימישע: סאַנכאָ דע ציאַדור און זיין פרוי מאַריע דיאַץ, זיין זוהן מיט דער שנור און גאָנצאַלעץ דע טעבאַ מיט זיין פרוי האָט מען פערמשפט אין וויל־רעאַל צו'ם טויט, נאָר עס איז זיי געלונגען פון דאָרט צו אַנטלויפען קיין וואַלענסיאַ און זיי האָבען זיך אויפגעזעצט אויף אַ שיף; אַז דאָס אומגליק פערפאָלגט אָבער, העלפט נישט קיין אַנטלויפען: עס איז אויפ'ן ים געוואָרען אַ גרויסער שטורם־ווינד, דאָס צעבראָכענע שיף האָט זיך ווייטער צוגעשלאָגען צו אַ שפּאַנישען ברעג מען האָט זיי באַלד דערקענט, און דער טויט, וואָס זיי האָבען זיך געוואָלט פון איהם בעהאַלטען, האָט זיי געטראָפען אין טאָלעדאָ, און זיי זענען דאָרט געווען די ערשטע קרבנות אויפ'ן מזבח פון דער אינקוויזיציאָן.

פון דעסטוועגען איז נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען איינצופיהרען די אינקוויזיציאָן אין גאַנצען לאַנד. אין טערועל און וואַלענסיאַ האָט דאָס פאָלק אָפען אַרויסגעוויזען זיין אונצופרידענהייט פון די נייע משפטים און בעזאָנדערס האָט מען עס נישט געוואָלט ליידען אין אַראַגאָניען, וואו פיעל מאַראַנען האָבען געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע און האָבען גערעכענט, אַז מיט תקיפות וועלען זיי עפּעס אויספיהרען. די מאַראַנען האָבען געמאַכט

יד אחת מיט אנדערע גרויסע לייט, און באלד איז געווארען א גאנצע חברה וואס צווישען זייערע פארשטעהער איז אויך געוועזען דער זוהן פון יהושע לארקי, פראנציסקא דע סאנטא פע, וועלכער האט זיך ענטשלאסען צו טוידטען דעם אינקוויזיטאר פעדרא ארבועס דע עפילא, וועלכער האט שוין דארט אנגעארבייט גאנצע צרות. דערפון איז ערשט ארויס דאס רעכטע אומגליק: די חברה, וואס האט געוואלט פטר'ן דעם אינקוויזיטאר, האט געדונגען רוצחים, וועלכע האבען איהם דערהרג'ט גאנץ פריה אין קירכע, און קוים איז דאס פאלק דערפון געוואהר געווארען, האט מען באלד אנגעהויבען שרייען, אז דער אינקוויזיטאר איז א „הייליגער" און אז מען מוז זיך נוקם זיין פאר זיין פריהצייטיגען טויט. עס וואלט געוועזען געקומען צו גרויס שפיכת דמים, ווען דער ארכיפיסקאפ אלפאנסא דע אראגאן וואלט נישט געשטילט דעם עולם און צוגעזאגט, דאס די מלוכה וועט זיך אליין גוט אברעכענען מיט די שולדיגע. די מלוכה האט טאקי געהאלטעןווארט, און דער טויט פון דעם אינקוויזיטאר האט די איינוואהנער פון סרגסה אבגעקאסט געניג בלוט: עס האט געהייסען, אז איינער פון די מורדים ווידאל דע אוראנסא האט זיך מודה געוועזען און האט כלומר'שט ארויסגעזאגט די נעמען פון אלע, וועלכע האבען זיך מיט איהם צוזאמען ארויסגעשטעלט געגען דער אינקוויזיציאן. אויף דעם סמך האט מען שוין געמאכט א גאנצען צעטיל, און וועמען מען האט נאר געוואלט האט מען אהין אריינגעשטעלט. מעהר פון דריי הונדערט מאראנען זענען פערמישפט געווארען און דרייסיג מענער אין פרויען פון די שענסטע משפחות, צווישען זיי אויך פראנציסקא דע סאנטא פע, וועלכען עס איז בעשערט געוועזען אבצוקומען מיט א מיתה משונה פאר זיינע אלטע זינד – האט מען פערברענט. די אינקוויזיציאן האט די מורדים ניט געלאזט צו רוה אפילו נאכ'ן טויט, און אז איינעם פון זיי, גאספאר דע סאנטא קרוץ איז געראטען צו אנטלויפען קיין טולוז און דארט שטארבען, האבען די אינקוויזיטארען גוזר געוועזען אויף זיין זוהן, ער זאל אוועקפאהרען קיין טולוז און דארט בעטען די גייסטליכע, מען זאל דעם פאטער ארויסגראבען פונ'ם קבר און זיין קערפער פערברענען, און דער זוהן איז געצוואונגען געוועזען צו טהון אזא שענדליכע זאך געגען אנ'איינגענעם פאטער, ווייל ווען ניט וואלט ער אליין מיט'ן לעבען ניט זיכער געוועזען.

אזוי האט זיך גאר אין א קורצער צייט צעברענט דאס פייער פון דער אינקוויזיציאן אין גאנץ שפאניען, און איינער פון די יידישע שרייבערס, וואס האבען דארט דעמאלט געלעבט, ר' יצחק אראמא מאלט אב די לאגע פון די יידען אין שרעקליכע פארבען. עס האבען זיך אפילו געטרובט נאך צוויי שטעדט, לערידא און בארצעלאנע ארויסשפרינגען געגען דער אינקוויזיציאן, נאר עס האט נישט געהאלפען: טארקוועמאדא האט מיט

אײזערנע רינגלען צוזעמאַכט שפּאַניען, עס זאָל זיך נישט אַריינכאַפּען צו קיינעם קיין מינדסט געפיהל פון באַרעמהערצינקייט, די אונצופרידענע האָט מען מיט געוואַלד פערשטאָפּט דאָס מויל, און אין די דרייצעהן יאָהר, וואָס ער האָט געהאַט די מאַכט, זענען אומגעקומען, אויסער יידען, מעהר פון זיבצעהן טויזענד מאַראַנען און איבער צוויי טויזענד פון זיי האָבען אין העליש פייער אויסגעהויכט די נשמה.

§ 17. פילאָזאָפישע אָדער וויסענשאַפטליכע ווערק.

צו דער וויסענשאַפטליכער ליטעראַטור געהערען אַלע ווערק, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט וועלכער עס איז וויסענשאַפט, מיט פאָרשונגען וועגען פערשידענע וויסענשאַפטליכע פראַגען און אַרעס, וואָס עס קאָן נאָר בעשעפטיגען דעם מענשליכען מוח. מיט דעם גרעסטען טייל וויסענשאַפטליכע ווערק בעשעפטיגט זיך אייגענטליך נישט די ליטעראַטור־וויסענשאַפט, ווייל אַזעלכע ווערק זענען אַם מיינסטען בעשטימט פאַר מענשען פאַכלייטע מיט אַ ספּעציעלע פאָרבערייטונג. עס זענען אָבער פאַרהאַן אַזעלכע וויסענשאַפטליכע ווערק, וועלכע האָבען אַ שטאַרקע נגיעה מיט דער שענער ליטעראַטור; איבערהויפּט זענען דאָס ליטעראַרישע קריטיקען, וועלכע שעצען אָב דעם ווערט פון פערשידענע ליטעראַרישע ווערק און זענען געשריבען זעהר אָפט אין אַ קונסטפאָלער שפּראַך. אַזעלכע קריטיקען זענען גאַנץ פערשטענדליך פאַר מענשען מיט אַנ'איינפאַכער, נישט ספּעציעלער בילדונג און קומען פאָר גאַנץ אָפט אין פעריאָדישע שריפטען. זייער בעדייטונג איז זעהר גרויס, דען זיי ענטוויקלען אין דעם לעזער דעם געפיהל פון שענהייט, מאַכען איהם אויפמערקזאַם אויף דאָס נוצליכע און אוננוצליכע, שענע און מאוסע, אויף די מעלות און חסרונות פון די ליטעראַרישע ווערק. די קריטיקען זענען אויך וויכטיג פאַר די יונגע ליטעראַרישע קרעפטען, דען זיי געבען זיי די מעגליכקייט איינצוזעהען זייערע פעהלער, און אַזוי אַרום קאָנען זיי דערנאָך זיי אויסמיידען.

די בעקאַנטעסטע יידישע קריטיקער זענען דוד פרישמאַן און ד"ר עליאַשעוו (בעל־מחשבות). מיר ברענגען דאָ אַלס מוסטער אַ קליינע קריטיק פון דעם לעצטען, וועלכע איז געווען געדרוקט אין „יוד", נומער 23, יאָהר 1899.

אַ זשאַרגאָנישער פּאָעט.

פֿון ד"ר אִיס. עָל.

פֿאַר יאָהרען איז לעאָ וויענער, אַ פּראָפֿעסאָר פֿון אַן'אַמעריקאַנישער אוניווערזיטעט געקומען צו אַ טייערען געדאַנק. ער האָט צוזאַמענגעקליבען די בעסערע זשאַרגאָנישע לידער פֿון מאָריס ראָזענפֿעלד און האָט זיי אָבגע־דרוקט אויף איין זייט בוך מיט דייטשע בוכשטאַבען, אויף דער אַנדערע זייט האָט ער געגעבען אַ טרייע איבערזעצונג פֿון יעדער יידישער שורה אויף ריין ענגליש.

דורך דעם איז ראָזענפֿעלד, דער פּאָעט פֿון אואַיטשעפּעל און פֿון די ניו־יאָרקער אָרימע אַרבייטסלייט געוואָרען בעקאַנט אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. אַ סך צייטונגען, סיי ענגלישע סיי דייטשע, האָבען געשריבען אַרטיקלען וועגען ראָזענפֿעלד'ס יידישער פּאָעזיע, און עטליכע לידער, גוטע לידער, פֿול פֿון ווייטאָג און האַרץ־קלעמעניש זענען איבערזעצט גע־וואָרען אין אַנדערע אייראָפּעאישע שפּראַכען. און עס קאָן אָפֿשר זיין, דאָס איצט, בשעת איך שרייב, זיצט ערגעץ וואו אין אַן'אָרימע דירה אַן'עלטער ענגלענדער אָדער אַן'אָמת'ער דייטש, ליעסט מיט געפֿיהל ראָזענפֿעלד'ס לידער און איז דאַנקבאַר דעם יידישען פּאָעט פֿאַר זיין אומעטיגען געזאַנג.

דאָס בוך פֿון מאָריס ראָזענפֿעלד טראָגט אויף זיך דעם נאָמען: „לידער פֿון געטעטאָ", עס איז געדרוקט אויף גוטען ענגלישען פּאַפּיער און עס איז איינגעבונדען אין אַ שענעם גרינעם לייענווענטענעם איינבונד. צו'ם ערשטען מאָל האָט זיך די יידישע אָרימע פּאָעזיע אויסגעפּוצט אויף אַזאַ אופֿן, נאָך דער נייעסטער מאָדע, און דאָס איז אַ גוטער סימן! די יידישע פּאָעזיע מאַכט דעם ערשטען וויזיט אין דער אייראָפּעאישע ליטעראַטור.

פֿאַרוואָס האָט מען דוקא אַרויסגעשיקט אויף דעם אייראָפּעאישען ביכער־מאַרק מאָריס ראָזענפֿעלד'ן? אין קורצען קאָן מען נאָר דאָס זאָגען: ער האָט צוויי גרויסע מעלות, וועלכע פֿעהלען אָפֿט אַנדערע פּאָעטען, און די צוויי מעלות פֿערדעקען זיינע צוואַנציג אַנדערע פֿעהלערן. ערשטענס איז ער אַלע מאָל עהרליך אין זיינע געפֿיהלען; צי שרייבט ער חכמות אָדער נאַרישקייטען, צי וויינט ער אָדער לאַכט ער — ער טהוט דאָס פֿון גאַנצען האַרצען, ער נויט זיך ניט דערצו. צווייטענס האָט ער אַ ריכטיג־קלאָרעס בילד פֿון זיין פּובליקום, ער קען דאָס פּנים און האַרץ פֿון זיינע לעזער, און בשעת ער שרייבט, ווייס ער גאַנץ גוט די אַרט מענשען, וועלכע וועלען איהם ליענען, ער איז גייסטיג פֿערבונדען מיט זיין לעזער, ער האָט איהם ליעב און ער איז זיין טרייער גוטער פֿריינד.

און נאָך עפּעס בעמערקען מיר ביי מ. ראָזענפֿעלד'ן. זיינע צרות און חעהטאָגען, זיינע ליידען און פֿריידען זענען די זעלבע, וועלכע עס לעבט

דורך די יודישע מאסע אין אמעריקע. זיינע געדאנקען און פארשטעלונגען פון גליק, זיין בענקען נאך בעסערע צייטען, זיין רחמנות צו אונטערדריקטע און ארימע זענען ניט העכער, ניט גרעסער, ניט טיעפער. ער געהט ווי א גלייכער ברודער צווישען טויזענד אנדערע ברידער, ער שפרייזט דעם זעלבינגען טריט, און ווען ער פארקוקט זיך א ווייליע אויף א בוים, אויף א בלימעלע, גיט איהם שוין עמיצער א ציה פאר'ן פאלע און ציהט איהם ארונטער צו די טרויעריגע פארבען פון דער ארימקייט... ער געהט ניט פאראויס, ער בלייבט נאך צוריק. נאר פון אויבערשטען האט ער געקריגען א זעלטענע מתנה, דעם כח צו זינגען און זאגען אין הארציגע ווערטער און אין קלינגענדע גראמען פון אלצדינג, וואס פרעסט און שטיקט דעם ארימען ברודער, צו זינגען און זאגען, צו טרייסטען און דערמוטיגען.

מ. ראזענפעלד איז געבוירען געווארען אין רוסלאנד ביי ארימע פישער. אין לאנדאן האט ער פארזוכט דעם טעם פון הונגער און קעלט, און ניו-יארק האט ער א צייטלאנג געשניידערט, איצט לעבט ער פון זיינע ליטעראַרישע ארבייטען *).

מ. ראזענפעלד איז דער פאעט פון אויסגעשעפטעל און פון די ניו-יארקער ארימע יודישע ארבייטסלייט. דאס בוך, פון וועלכען מיר רעדען איצט, טיילט זיך אין דריי טיילען: 1) ארבייטסלידער, 2) נאציאנאלע לידער און 3) אלערליי מאטיווען. שוין די איינטיילונג בעווייזט, דאס מאריס ראזענפעלד ווייס, ווי טיעף דאס נאציאנאלע געפיהל איז איינגעווארצעלט ביי אונז, ווי לעבענדיג עס קלינגען נאך אין דעם יודישען ארבייטערס הארץ ריינע נאציאנאלע מאטיווען.

דער לעזער פון „יוד” וועט זיך נאך דערמאנען, דאס מ. ראזענפעלד האט ניט לאנג אין שלעכטע פערזען, אבער מיט הייסע געפיהלען געזונגען א ליעד פאר דעם היינטיגען ציוניזם, פאר די נייעסטע בעוועגונג, וועלכע פיהרט אונז צו דער בעפרייאונג פון נאציאנאלען גלות. ווי א גלייכער צווישען גלייכגעזינטע געהערט ער אלס פאעט צו קיין פארטיי. ער זינגט פון אלצדינג, וואס מאכט ציטערן זיין הארץ און זיין יודישעס הארץ ציטערט פון יודישען נאציאנאלען עלענד ניט ווייניגער ווי פון זיין עקאנאמיש פאליטישען עלענד.

*) דאס יאהר איז מ. ראזענפעלד געפעהרליך קראנק געווארען אויף א נערווענקראנקהייט, די געפאהר איז יעצט פאריבער, נאר דער אפטיקוס (דער זעהנערוו) איז ביי איהם געלעהמט געווארען, און דער דאזיגער יודישער פאעט איז בלינד געווארען אויף ביידע אויגען.

א. ב. ר.

צו די ליטעראַריש=וויסענשאַפטליכע ווערק געהערען אויך אַלע פּובליציס=טישע אַרטיקלען אין פערשיעדענע פּעריאָדישע שריפטען, ווען זיי בעהאַנדלען נאָר ערנסט די פראַגען, מיט וועלכע זיי בעשעפטיגען זיך, און זענען געשריבען אין אַ שענער ליטעראַרישער פאָרם.

§ 18. רעדעס.

רעדעס זענען פאַרהאַן דרייערליי: 1) אַזעלכע, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט געזעלשאַפטליכע פראַגען, איבערהויפּט פּאַרלאַמענטאַרישע, ד. ה. רעדעס, וואָס ווערען געהאַלטען אין געזעצגעבענדע קערפּערשאַפטען, וועלכע זענען געבילדעט פון פאָלקסגעוועהלטע; 2) געריכטס=רעדען, ד. ה. רעדען, וואָס ווערען געהאַל=טען פון פּראָקוראָרען (בעשולדיגער) און אַדוואָקאַטען (פערטיידיגער) אין געריכט; 3) דרשות אָדער פּרעדיגטען, ד. ה. רעדעס מיט אַ רעליגיעז=עטישען אינהאַלט; זיי האָבען דעם ציעל צו ערוועקען אין די צוהערער רעליגיעזע געפיהלען און ליעבע צו מצוות ומעשים טובים.

§ 19. נבואות.

די ערשטע רעדנער, וואָס זייערע רעדעס זענען צו אונז דערגאַנגען, זענען די יידישע נביאים. זייערע רעדעס (משא, חזון) זענען געוועזען געבויט נישט לויט אַ בעשטימטער פאָרם, אין זיי זענען נישט אָבגעהיט די אַלע רעטאָרי=שע כללים, וואָס האָבען דערנאָך אויפגעשטעלט די גריכישע און רעמישע רעד=נער, זיי צייכנען זיך אָבער אויס מיט זייער שטאַרקער, פעסטער שפּראַך, מיט דער רייכער פאַנטאַזיע, מיט דער פּאָעטישער בעגאַבונג, מיט דער שטאַרקער ליעבע צו'ם אמת און גערעכטיגקייט. דער נביא האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ געשיקטען פון גאָט און דעריבער פלעגט ער אין זיינע רעדעס זיך ווענדען צו'ם פאָלק אין גאָטס נאָמען (כה אמר ה') און מיט אַ פייערדיגער שפּראַך שטראָפען דאָס פאָלק, וואָרנען איהם און גאַנץ אָפט אויך טרייסטען.

מיר ברענגען דאָ אַ פּאָר סטראָפען פון ביאַליק'ס שיר, „דאָס לעצטע וואָרט", וועלכע זענען די בעסטע נאָכאַהמונג פון אַ נבואישע רעדע.

איך בין צו אייך פון גאָט געשיקט:
ער האָט געזעהן, אידר ווערט דערשטיקט;

ער האָט געזעהן, איהר פֿילט און פֿאַלט,
איהר ווערט פֿון טאָג צו טאָג מעהר אַלט;
און אָבגעלאָזט האָט זיך די האַנד
און אויסגעלאָזט האָט זיך די מאַכט —
און גאָט האָט זיך צו אייך דערמאַנט
און ער האָט מיך צו אייך געבראַכט.

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
„צו שווער דער יאָך — איך קאָן ניט מעהר!...
גיעה רייס פֿון זייער האַרץ אַנ„אוי!"
שיט אויס פֿון זייער אויג אַ טרעהר!
און שווער זאָל זיין די טרעהר און ביטער,
און הויך זאָל זיין דער לעצטער קרעכץ,
אַזוי — די ערד זאָל טהון אַ ציטער
און אָבטרייסלען פֿון זיך דאָס שלעכטס".
איך האָב געפֿאָלגט און בין געגאַנגען,
מיין וועג איז פֿול געוועזען מיט שטיינער:
נאָר איין געפֿיהל און איין פֿערלאַנגען
האָט טיעף געגליהט און מיינע ביינער;
איך האָב געפֿיהלט, איהר זענט ביי שלאַנגען...
און מיט אייך, ביי אייך, קליינער, קליינער...
מיך האָט געטריבען אייער וועהטיג,
איך האָב געמיינט מיין הילף איז נייטהיג.
איך בין געשטראָפֿט פֿון גאָט מיט האַרץ:
איך האָב אַ האַרץ, וואָס קריינקט פֿאַר יענעם,
וואָס קאָרטשעט זיך פֿון פֿרעמדען שמאַרץ
און ווערט פֿערברענט פֿון יעדענס גיהנם...

(ח. נ. ביאַליק).

§ 20. די רעדנער־קונסט ביי די גריכען און רעמער.

די נבואישע רעדען טראָגען נאָך נישט קיין ספּעציעלען האַראַקטער; דער אינהאַלט זייערער איז פֿערשידען, אַמאָל ווערען אין זיי בעהאַנדעלט ריין פּאָליטישע פֿראַגען, אַמאָל אַלגעמיינע געזעלשאַפֿטליכע, עֶפֿטער פֿאַר אַלעמען עטיש־רעליגיעזע. און גאַנץ אָפֿט פֿערשידענע אַרטען פֿראַגען בייזאַמען. אַנ'אַנדערען האַראַקטער טראָגען די רעדען פֿון די גריכישע און רעמישע רעדנער,

אין גריכענלאנד און אין רוים האט זיך דאס געזעלשאפטליכע לעבען ענטוויקעלט זעהר פריה, די מדינה-פערוואלטונג איז געוועזען א רעפובליקאנישע, און דאס אלעס האט ביינגעהאלפען דער ענטוויקלונג פון דער רעדנער קונסט, וועלכע האט זאגאר געקריגען א בעזונדערען נאמען „ריטאריק". יונגע לייט וועלכע האבען זיך פארבערייט צו געזעלשאפטליכע ארבייט, האבען בעזוכט די רעטארישע שולען, אין וועלכע זיי פלעגען זיך לערנען בעזונדערע כללים פון דער רעטאריק און זיך איבען אין רעדען. איבערהויפט פלעגט דער גריכע צו לעגען גרויס געוויכט אויף די פארם, און די זעלבע שענהייט, הארמאניע און סימעטריע וועלכע עס פלעגען אבצוהיטען דער גריכישער סקולפטאר, מאלער און פאעט, פלעגט אויך אבצוהיטען דער רעדנער, בענוצענדיג זיך נאך מיט דער שענער אינטאנאציע *).

די גריכישע רעדען זענען גרעסטענטיילס פאליטישע, פארלאמענטארישע, די רעמישע ווייטער זענען מייסטענס געריכטסרעדען. פון די ערשטע האבען זיך אויסגעצייכענט פעריקלעס (אין 5-טען יאהרהונדערט פאר קריסטוס) און איבערהויפט דעמאסטענעס (אין 4-טען יאהרהונדערט). דער גרעסטער רעמישער רעדנער איז געוועזען ציצערא, נאך איהם יוליוס צעזאר און קאטאן (אלע 3 אין 1-טען יאהרהונדערט פאר קריסטוס).

אין יעדער פון די גריכישע און לאטיינישע מוסטערעדען איז צו בעמערקען פאלגענדע טיילען: 1) מבוא אדער איינלייטונג, וואס דארין ברייט דער רעדנער פאר די הערער צו דעם, וועגען וואס ער וויל רעדען. איבערהויפט סטארעט ער זיך באלד פון אנהויב צו פאראינטערעסירען די הערער מיט דעם געגענשטאנד פון זיין רעדע און אויפוועקען זייער אויפמערקזאמקייט; 2) הויפטזאך אין וועלכען דער רעדנער זאגט אין קורצען ארויס דען גרונדגעדאנק פון זיין רעדע; 3) דער אויספיהרונגסטייל, דאס איז דער הויפטטייל פון דער גאנצער רעדע, אין וועלכער דער רעדנער ווייזט אויס מיט פאקטען און לאגישע בעגרינדונגען די ריכטיגקייט פון דעם הויכט געדאנק; 4) שלוסווארט, אין וועלכען דער רעדנער רעזומירט (ער מאכט א סך-הכל) אלעס, וואס ער האט געוואלט אויספיהרען אין זיין גאנצער רעדע; ער דריקט אויס זיינע געפיהלען איבער די

*) אויפהויבען און אראבלאזען דאס קול, כדי אזוי ארום מעהר צו ווירקען אויף'ן הערער.

בעהאַנדעלטע פֿראַגע און ווענדעט זיך צו די צוהערער מיט אַ פֿאָדערונג צו טהון לויט זיין פֿאָרשלאַג אָדער עצה.

§ 21. פּרעדיגטען און דרשות.

שטיצענדיג זיך אויף די מוסטערן פֿון די גריכישע און רעמישע פּאָליטישע און יורידישע רעדען צוזאַמען מיט די קאַפּיטלעך פֿון תנ"ך, האָבען די קריסטליכע גייסטליכען ענטוויקעלט אַ נייע אַרט רעדען: פּרעדיגטען, וואָס אין זיי פֿלעגען זיי זאָגען מוסר די צוהערער, אויפֿצופֿאָדערן זיי צו גלויבען אין גאָט און אין זיין „משיח" און זיך אָבזאָגען פֿון די געצענדינערישע מנהגים. אויך ביי די יידען האָט זיך ענטוויקעלט דער דרש, וועלכער איז פֿריהער געווען גאַנץ זעלבסטשטענדיג, דערנאָך אָבער, ווען די יידען האָבען זיך געפֿונען אונטער דער ביזאַנטישער (ביזאַנט אָדער ביצאַנץ האָט געהייסען גריכענלאַנד אין מיטעלאַלטער) מאַכט, האָבען זיי אויך איבערגענומען פֿון די גריכישע גייסטליכע פֿיעל רעדעפֿאָרמען פֿאַר זייערע דרשות. אַ בעזונדערע צווייג פֿון רעדען זענען די יידישע דרשות אין די לעצטע יאָהרהונדערט. עס האָט זיך אויך געבילדעט אַ בעזונדערע „פּראָפֿעסיע" — מגידות. ביז היינט פֿאָהרען נאָך אַרום פֿרומע יידען, וואָס האָבען מעהר אָדער וועניגער טאַלענט צו רעדען און האַלטען אין בתּי־מדרשים דרשות; אין זיי זאָגען זיי מוסר דעם עולם און פֿאָדערן זיי אויף צו זיין גוט און פֿרום. די דרשות קענען זיך, פֿערשטעהט זיך, נישט פֿערגלייכען לויט זייער פֿאָרם מיט די קינסטלעריש אויסגעבויטע פּרעדיגטען פֿון די קריסטליכע גייסטליכע; זיי האָבען פֿון דעסטוועגען אין זייער צייט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע און געהאַט אַ גרויסע קולטורעלע בעדייטונג. איבערהויפּט איז שטאַרק פֿאַרטרעטען אין די דרשות דער אַלעגאָרישער עלעמענט, די מגידים בענוצען זיך פֿיעל מיט משלים. די דרשות פֿלעגען געהאַלטען ווערען אין יידישען, נאָר געשריבען זענען דאָ נאָר אין העברעאישען. פֿון די בערימטעסטע מגידים רעכענען מיר דאָ אויס עטליכע: דער דובנער מגיד, דער קעלמער מגיד, יצחק דאַנציג, חיים רומשישקער, דיינאָוו און מאַסלאַנסקי.

§ 22.

אין אַלגעמיין געפֿינען מיר אין דער יידישער ליטעראַטור גאַנץ וועניג רעדען. וואָס איז שייך די פּאַרלאַמענטאַרישע און געריכטס־רעדען, זענען זיי

געוועזען אין פֿערלויף פֿון גאַנצען מיטעלאַלטער זעהר קנאַפּ פֿערטרעטען אויך בײַ אַנדערע אײראָפּעאישע פֿעלקער, און נאָר ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען אײַנצוואָרצלען אין אײראָפּאַ דער פּאַרלאַמענטאַריזמוס, האָט צוזאַמען מיט איהם גענומען אויפֿלעבען די רעדנערקונסט. וועלכע האָט זיך בענוצט מיט די רעדען פֿון די אַלטע גריכען און רעמער אַלס מוסטערן. איבערהויפּט האָבען זיך אויסגעצייכענט אַלס טיכטיגע רעדנער די ענגלישע שטאַאַטסלײַט. יעצט זענען בעקאַנט אַלס פּאַרלאַמענטאַרישע רעדנער קלעמאַנסאָ און זשאָרעס אין פֿראַנקרײַך און בעבעל און בילאָוו אין דײַטשלאַנד. אין רוסלאַנד האָבען זיך אויסגעצייכענט דורך זייערע געריכטס-רעדען (דען פּאַרלאַמענטאַרישע רעדען האָבען ביז די דומאַ נישט געקאָנט פֿאָרקומען) די אַדוואָקאַטען קופּערניק, סאָקאָלאָוו, גרוזענבערג און ווינאַווער, און אין דער ערשטער דומאַ: אַלאַדין, ראָדיטשעוו און אַנדערע.

ספּעציעל יידישע רעדנער האָבען פֿערשטעהט זיך נישט געקאָנט אויפֿטרעטען, דען דערצו איז נויטיג אַ בעזונדערער שטאַאַט מיט אַן׳אייגענעם פּאַרלאַמענט, און אַן׳אייגענע פּאָליטיק, וואָס די יידען אין גלות קאָנען עס נישט האָבען. דאָך זענען אין די לעצטע יאָהרען, דאַנק די ציוניסטישע קאָנגרעסען, אויפֿגעטרעטען פֿיעל יידישע רעדנער, פֿון וועלכע אייניגע זענען אַלס קונסטפֿאָלע רעדנער בעריהמט געוואָרען. צו זיי געהערען ד״ר טעאָדאָר הערצל, ד״ר מאַקס נאָרדוי, ישׂראל זאַנגוויל, ד״ר גאַכטער און פֿיעלע אַנדערע. אַלס יידישער פֿאָלקס-רעדנער איז געוועזען בעקאַנט אריה יהודה הזן, וועלכער איז לײדער זעהר יונג געשטאָרבען (אין אָנהויב יאָהר תרס״ו).

די רעדע פֿון ד״ר מאַקס נאָרדוי אויפֿ׳ן אַכטען ציוניסטען-קאָנגרעס.

אין אַ פּאָר טאָג אַרום ווערט צעהן יאָהר, זינט עס איז צוזאַמענגעקומען דער ערשטער ציוניסטען-קאָנגרעס אין באַזעל, אונזער אונפֿערגעסענער טעאָדאָר הערצל, וועמעס גײַסט עס שוועבט הײַנט איבער די דאָזיגע פֿערזאַמלונג, האָט ערקלערט אין זײַן ערעפֿנונגס-רעדע דעם זינען און ציעל פֿון ציוניזמוס מיט קנאַפּע נאָר שטאַרקע דבורים, וועלכע האָבען געהילכט און געקלונגען ווי אײנע אויף שטיינערנע לוחות אויסגעקריצטע מאָנומענט-אויפֿשריפֿט: „דער ציוניזמוס איז די צוריקקעהר צו׳ם יודענטום פֿאַר דעם צוריקקעהרען אין דאָס יודענלאַנד״... מיר האָבען נישט אין זינען זיך אָבצוזאָגען אַפֿילו אויף אַ האָר פֿון דער קולטור, וועלכע מיר האָבען ערוואָרבען״... אַ פֿאָלק קאָן נאָר אַליין זיך העלפֿען. ווען ער קאָן דאָס נישט, איז שוין

פֿאַר איהם איבערהויפּט נישטאָ קיין הילף"... „פֿון אַ פֿאָלשטענדיגער אויסוואַנדערונג פֿון די יידען קאָן גאָר קיין רעדע נישט זיין; די וועלכע ווילען און קאָנען זיך אַסימילירען, וועלען בלייבען און פֿערשלונגען ווערען".

דאָס זענען איניגע פֿון די עיקרים, וועלכע הערצל האָט דאַמאָלס אַרויסגעזאָגט. דאַכט זיך, קלאָרער און דייטליכער קאָן מען זיך בכלל נישט אויסדריקען. פֿון דעסטוועגען האָט מען די דאָזיגע ווערטער שלעכט פֿערשטאַנען, זיי פֿערדרעהט און צוגעגעבען אַנ'אַנדערן זינן.

ס'איז געווען אַ טעות, ווען מען האָט אין ציוניזמוס געוואָלט זעהען אַ גרויסע פֿילאַנטראָפּישע בעוועגונג. עס האָבען זיך געפֿונען פֿיעל גוטע און געבילדעטע יידען, איבערהויפּט אין די פֿרייע מערב־לענדער, וועלכע זענען צוגעשטאַנען צו'ם ציוניזמוס דערפֿאַר, ווייל זיי האָבען געמיינט, דאָס דער ציוניזמוס איז די אַנשטרענגונג פֿון יענע יידען, וועלכע פֿרעהען זיך מיט'ן גליק צו האָבען אַ פֿאַטערלאַנד, רעכטס־זיכערהייט און אַ גוטען מצב, כדי צו פֿערלייכטערען די צרות פֿון זייערע גלויבענס־ברידער און די לענדער, וואו מען דריקט זיי און פֿערפֿאָלגט, כדי צו שאַפֿען פֿאַר זיי אַ היים און אַ פֿאָלקאָמענע מעגליכקייט צו אַרבייטען, פֿערזיכערען זיי דאָס לעבען, דאָס אייגענטום, די מענשען־עהרע. אָבער נישט דאָס האָט מען געמיינט. דער ציוניזמוס איז אַ וואָהלטאַט (אַ גרויסע טובה), אָבער נישט קיין וואָהלטהעטיגקייט (צדקה). אַ פֿאָלק גיט מען ניט נדבות, אַ לאַנד איז ניט קיין נדבה. דער ציוניזם קאָן דעם יידישען פֿאָלק און וויל דעם איינצעלנעם ייד גאָרניט שענקען. ער בעמיהט זיך צו וועקען, צו ענטוויקלען, צו בילדען, צו זאַמלען די כחות מיט וועלכע דאָס יידישע פֿאָלק וועט זיך אַרויסרייסען פֿון זיין צוויי טויזענד־יעהריגע פּאַסיוויטעט (אונטהעטיגקייט), כדי פֿאַר זיך צו שאַפֿען נאַטירליכע לעבענס בעדינגונגען אויפֿ'ן אייגענעם באָדען, כדי אַליין צו שמידען זיין גליק. די רחמנות ציוניסטען, וועלכע האָבען געגעבען דעם קליינעם יעהרליכען אָבצאָהל, אַזוי ווי מען שטעקט אַריין אַ גראָשען אין איינע מיט תחנונים אויסגעשטרעקטע האַנד פֿון אַ בעטלער, זענען מעהרסטענטייל אַוועקגעגאַנגען פֿון אונז, ווען זיי האָבען נאָר דערזעהען זייער טעות, און טריי זענען געבליבען נאָר די, וועלכע האָבען געוואוסט, אַז דער ציוניזם איז אַ קאַמפּף פֿון אַ צורישענעם פֿאָלק פֿאַר די צונויפֿבינדונג פֿון זיינע צורישענע טיילען, פֿאַר די ווידערגעבורט.

אַ טעות איז געווען, ווען מען האָט אויף דעם ציוניזם אויסגעטראַכט, אַז ער איז די ריקקעהר צו דעם רעליגיעזען פֿאַנאַטיזם, אַז מיט איהם זאָגט מען זיך אָב פֿון דעם פּראָגרעס, פֿון דער מאָראַל און וויסענשאַפֿט פֿון דער נייער צייט, פֿון אייראָפּאַ; אַז דער ציוניזם איז אַ בענקעניש נאָך דעם אַזיאַטענטהום, אַ שטרעבונג צו דער אָבזונדערונג און גהעטאָ, פֿון גהעטאָ, פֿון

דעם רעליגיעזען פאנאטיזם איז דער ציוניזם לגמרי פריי; צו פריי, זאגען געוויסע יידישע קריטיקער און געגנער. ער פעראיינוגט די פרומסטע און קאנסערוואטיווסטע עלעמענטען פון יודענטהום. דאס ווארט אזיאטענטום שרעקט אונז ניט, ווייל דאס ביישפיעל פונ'ם יאפאנישען פאלק לערנט, אז מען קאן זעהר גוט זיין אנ'אזיאט און דערביי זיין גאנץ פראגרעסיוו. פאקטיש אבער זענען מיר אזוי זיכער אין אונזער צוויטוויזענד-יעהריגען אייראפעאיזמוס, דאס מיר קאנען נאר לאכען, ווען מען וויל אונז א שטאך געבען, זאגענדיג, אז מיר וועלען ווערען אין פאלעסטינא אזיאטען. מיר וועלען ווערען אזיאטען אינ'ם זין פון אנטראפאלאגישער און קולטורעלער מינדערווערטיגקייט אזוי וועניג, ווי די אנגלאזאקסען זענען אין אמעריקע געווארען רויטהויטיגע, און דרום-אפריקא – האטענטאטען און אין אויסטראליען – פאפואסען. מיר וועלען זיך בעמיהען און פארערזיען דאס צו טהון, וואס די ענגלענדער אין אינדיען – איך מיין די קולטור-ארבייט, ניט די הערשאפט; – מיר ווילען קומען נאך פאלעסטינא אלס טרעגער פון קולטור און רוקען די גרענעצען פון אייראפא ביז צו'ם טייך פרת.

פערשליסען זיך אין גהעטא? זאל מען אונז מוחל זיין, ווען מיר ציהען מיט די אקסעל אויבער אט די קינדערשע פארמעל. פרייע נשמות אכטען דאס געפיהל, מיט וועלכען דער ענגלענדער זאגט שטאלץ: „מיין הויז איז מיין פעסטונג": ווער עס האט ניט קיין מורא אויסגעלאכט צו ווערען, דער זאל נאך פערשטעהן אונזער פערלאנג צו האבען אנ'אייגענען דורך אונז זעלבסט געבויטע היים – אלס א בענקשאפט נאך דעם גהעטא. מיר וויסען, אז די נייעסטע פעלקער-פסיכאלאגיע און עטנאלאגיע פאדערט, דאס יעדעם פאלק, אזוי ווי יעדער פרט, זאל זיך קאנען אויסלעבען לויט זיין טבע אדער לויט זיין געשיכטליך-געבילדעטער אייגענארט, און ניט צולאזען, זיך צו פערקריפלען דורך דרוק, פעראכטונג און שנאה. מיר זענען קיינמאל ניט פראגרעסיווער, ניט מאדערנער, ווי אין דעם מאמענט, ווען מיר שטרעבען צו זיין דאס, וואס מיר זענען, און ניט אויפ'ן בעסטען אופן נאכטהון אנדערע; ווען מיר ווילען בעסער זיין א הארמאנישעם ארגינאל, איידער א קאריקאטור פון אנדערע.

דורך פערדרעהענישען און ליגענס האט מען געפאלשט, געווארפען א חשד אויף יעדע טהאט פונ'ם ציוניזם, אויף יעדעם ווארט און יעדע בעוועגונג פון זיינע פיהרער. מען האט חושד געווען די פיהרער פון דער בעוועגונג אין ניט ריינע מאטיווען, אין זוכען כבוד, אין אייגענניץ און דעמאגאגישעם נאכלויפען נאך פאפולאריטעט ביי די מאסען. דער בעגרינדער און דער בעדייטענדסטער מענש פון דער בעוועגונג, טהעאדאר הערצל, האט געענטפערט מיט דעם, וואס ער האט זיין פערמעגען און לעבען פאר א קרבן געבראכט, און די אנדערע טהוען איהם נאך.

עס איז פערברייט די מיינונג, אז דער ציוניזם איז אנ׳ענטפער אויף דעם אנטיסעמיטיזם, אנ׳ענטפער פון דער יודישער עקשנות, לויט איינע, — פון דעם יודישען יאוש, לויט אנדערע. דאס האט געגעבען איינינע פון אונזערע געגנער די מעגליכקייט צו שטעלען זיך אין א פאזע פון העלדען און צו רעדען מיט גרויס שטאלצקייט: „איהר ציוניסטען זייט פחדנים און אנטלויפט, מיר זענען מוטיגע קעמפפער, איהר אנטלויפט פאר׳ן פיינד, און מיר נעהמען אן דעם קאמפף, ווילען בלייבען אין אונזער געבורטסלאנד און לעגען ניט אוועק די כלי־זין, ביז מיר האבען ניט געזיעגט...

די נייגונג צו ברענגען דעם ציוניזם אין צוזאמענהאנג מיט׳ן אנטיסעמיטיזם, בעטראכטען דעם ערשטען אלס אנ׳ענטפער אויף דעם צווייטען איז איבערראשענד אויבערפלעכליך. דער אנטיסעמיטיזם איז העכסטענס געווען אנ׳אנרעגונג אבער זיכער ניט די סבה פונ׳ן ציוניזם. די שנאה צו יודען האט נאר אין פועלע יודען געוועקט דאס אבגעשוואכטע פאלקס־בעוואוסטזיין, און זיי געצוואונגען צו דערמאהנען זיך זייער געשיכטליכע אינדיווידואליטעט. זי האט זיי געצוואונגען צו טראכטען איבער זייער צושטאנד אין דער וועלט, איבער זייער שייכות צו די אנדערע פעלקער, איבער זייערע האפנונגען אלס איינצעלנע מענשען און אלס כלל, און דאס טראכטען, און ניט די רשעות פון די שונאי ישראל האט זיי געמאכט פאר איבערצייגטע, רוהיגע און ענטשלאסענע ציוניסטען. דער ציוניזם, ווי יעדע געשיכטליכע בעוועגונג, איז ארויסגעוואקסען פון א טיעף־געפיהלטען און קלאר־פערשטאנענעם בעדערפניש פון א נארמאלען לעבען און נאטירליכע בעדינגונגען. ער איז די אייזערנע קאנסעקווענץ פון דער יודישער לאגיק, פון דער יודישער נשמה. די יודען, וועלכע קאנען דענקען, לאזען זיך ניט נארען; זיי בעציהען זיך צו זיך זעלבסט מיט אנ׳אומברחמנות׳דיגער אפענהייט. מיר זענען אונצופריעדען, ווען מען רופט אונז פרעמדע אין אונזער געבורטס־לאנד. און באמת, עס איז דאך א רשעות צו בעטראכטען אונז אלס פרעמדע אויף דעם שטיק ערד, וואו אונזער וויעג איז געשטאנען און אונטער וועלכען עס רוהען די ביינער פון אונזערע פאטערס.

אבער ווען מען וויל מיט אונרעכט ניט אנערקענען אונזער צוגעהערען צו דעם באדען, צו דעם לאנד, צו דער מדינה, מוזען מיר פון דער אנדערער זייט פערשטעהן, אז די מענשען, אונזערע מיטבירגער פיהלען אין אונז פרעמדע, ווייל מיר זאגען זיך אלין אב מיט זיי זיך אינגאנצען צו פערשמעלצען. דא וואקסט אויף אנ׳אלטערנאטיווע (אהער אדער אהין) פון וועלכער מען קען ניט אנטלויפען: אדער מיר ווילען בלייבען א פאלק. אדער מיר ווילען ניט בלייבען קיין פאלק. ווען מיר ווילען ניט בלייבען קיין פאלק, לאמיר אונ־

טערגעהן אין דער סביבה אַזוי געשווינד, ווי ס'ערלויבען נאָר די דעמאָגראַפישע אומשטענדען.

ווילען מיר אָבער בלייבען אַ פֿאָלק, ווי ס'בעווייזט אונזערע עקשנות'דיגע אָבזאָנדערונג, מיזען מיר דאָך אָנשטרענגען אונזערע כחות, כדי צו ערמעגליכען פֿאַר אונז אַנ'עקזיסטענץ פֿון אַ פֿאָלק. לאַנג איז אונמעגליך, ס'זאָל עקזיסטירען אַ זעלבשטענדיג פֿאָלק און פֿערהיטען די ריינקייט פֿון זיין בלוט, ווען עס הערט ניט אויף צו לעבען אַלס אַ מינדערהייט צווישען אַ מערהייט, וועלכע ווען זי בעפֿאַלט ניט מיט שנאה, דאָך סימפּאַטיזירט זי ניט מיט אונז און בלייבט צו אונז קאַלט. צו וואָס לעבען מיר אַלס אַ בעזונדער פֿאָלק אין די גלות־לענדער? אויף וועלכע צוקונפֿט רעכנען מיר? אויף וואָס וואַרטען מיר? וואָס איז דער ענדצוועק, צוליעב וועלכען מיר היטען אָב אונזערע אייגענאַרט, וואָס איז אַזוי אינגאַנצען אַנדערש ווי פֿון די סביבה? אויף וואָס האָפֿען מיר, וואָס ערוואַרטען מיר, איבערטראָגענדיג מיט אַזאַ געדולד אַלע צרות און אונבעקוועמליכקייטען פֿון אונזער שמערצליכער אויסנאַהם־עקזיסטענץ? איז דאָס די נאַציאָנאַלע ווידערגעבורט, טאָ לאָמיר זיך גרייטען צו איהר אויף דעם איינציגמעגליכען אופֿן, דורך דעם ציוניזם. ווען מיר ערוואַרטען אָבער ניט און האָפֿען ניט אויף אַ נאַציאָנאַלעס אויפֿלעבען, טאָ איז דאָס אָבהיטען פֿון אונזער עקזיסטענץ אַלס אַ בעזונדער פֿאָלק, וואָס איז פֿערבונדען מיט די גרעסטע קרבנות און שווערסטע ליידען, אָהן ציעל און צוועק, און — וואָס האָט מעהר קיין זינען ניט, — נאַריש, און בעווייזט, אַז מען פֿערשטעהט ניט דעם אייגענעם צושטאַנד. אַלזאָ אָדער ציוניזם, אָדער נאַציאָנאַלע ליקווידאַציע. אַלעס איבריגע איז האַלבהייט און ניט לאָגיש. אומזיסט בעמיהט מען זיך אַרויסצודרעהען זיך פֿון די דאָזיגע אונערשיטערליכע לאָגישע שליסען דורך פֿערשיעדענע אויבער־המצאות און חכמות: זיי וואַרפֿען זיך אויף דעם פּראָסטען מענשליכען פֿערשטאַנד פֿון יעדען זעלבשטענדיג דענקענדען ייד און בעשטימען זיינע טהאַטען. ווער ס'גלויבט אין דעם רייכט פֿון דעם יידישען פֿאָלק אויף זיין עקזיסטענץ, ווער ס'ווינשט פֿאַר איהם אַ צוקונפֿט, דער זאָל ווערען אַ ציוניסט. ווער עס האָט ניט דעם דאָזיגען גלויבען, דער זאָל געהן. און דאָס וואָלט פֿאָרגעקומען אַ סך עפּטער, ווען דאָס אַוועקגעהען פֿונ'ם יודענטום, כדי עס זאָל זיין אַ גאַנצעס, זאָל ניט פֿערבונדען ווערען מיט אַ פֿאָרמאַלען איבערגעהן אין אַנ'אַנדער גלויבען, אויף וואָס אָרענטליכע יידען ענטשליסען זיך ניט אַזוי לייכט.

שוין צעהן יאָהר פּרעדיגען מיר אומעטום די דאָזיגע וואַהרהייטען. און די גרויסע נשמות האָבען זיי געפֿונען אַ מעכטיגען אָבקלאַנג, דער המון האָט נאָך ניט געוואָלט זיי פֿערשטעהען אָדער הערען, מיר ווילען ניט נאַרען זיך זעלבסט און אַנדערע. מיר אָרגאַניזירטע ציוניסטען זענען לייגער

א טרויעריג קליינע מינדערהייט אין דעם יודישען פאלק. נאר מיר פאלען ניט אראב ביי זיך דעריבער. און עס איז ניטא קיין גרונד דערצו, א וואהרהייט האט איהר אייגענעם ווערטה אונאבהענגיג פון דעם, אויב זי איז פערשטאנען געווארען אדער ניט, און זי מוז זיך סוף כל סוף דורכזעצען, וויל מען קען זי ניט פערניכטען און זי האט קיין מורא ניט פאר די צייט. אויכער דעם איז דאך פאראנען די געשיכטע, וועלכע זאל אונז אבהיטען פון קליינמוט. 60 יאהר האבען די דייטשען געזונגען „וואס איזט דאס דייטשע פאטערלאנד", און האבען ניט געוואלט הערען ווען די בעדייטענדסטע, די איינפלוסרייכסטע מענשען, מיניסטארען, הויכע בעאמטע, פראקטיקער פון אלער ארט האבען די פאדערונג פון דייטשער איינהייט אויסגעלאכט אלס פאנטאזיע, וועלכע איז גוט פאר פייערונגען פון די שיסער=און געזאנג=פעראיינען. גענוי אזוי לאנג האבען די קלוגע און ניכטערע דיפלאמאטען ערקלערט איטאליען אלס א געאגראפישען בעגריף, און אין אן'איטאליענישן פאלק האבען געגלויבט נאר א פאר ראמאנטישע פערשווערער, וואס האבען געהאט געגען זיך אין איטאליען אלע זיבען ארגאניזירטע און צום טייל מעכטיגע מלוכות און אויסער האלב איטאליען כמעט אלע רעגירונגען. קאמיל דעמולען האט געזאגט נאכדעם ווי עס איז פראקלאמירט געווארען די פראנצויזישע רעפובליק: „אין 1789 איז אין פראנקרייך ניט געוועזען קיין צעהן רעפובליקאנער"; טהאמאס פען, דער מחבר פון דעם בעריהמטען „קאמאן סענס" האט זיך אויסגעדריקט: אין 1778 איז אין נארד=אמעריקע ניט געוועזען קיין איינציגער רעפובליקאנער"; מישלע האט געשריבען: „אין 1854 און 1859 האב איך אין גאנץ איטאליען ניט געזעהען קיין איינציגען איטאליענער". די דאזיגע משלים קאנען אונז בערוהיגען בנוגע צו דער צוקונפט פונ'ם ציוניזם, האטש די צאהל פון די ציוניסטען איז וויט ניט אזוי גרויס ווי זי האט געדארפט זיין.

מיר זענען די לעצטע, וועלכע זאלען זיך צופריעדען רייבען די הענד און אונז גראטולירען, אז מיר האבען פיעל אויפגעטהון.

געוויס, וואס מיר האבען דערגרייכט איז נאך זעהר, זעהר ווייניג. דאך אבער האבען מיר קיין שום גרונד אבצולאזען דעם קאמפף, ווען מיר ווארפען א בליק אויף די צעהן יאהר נאכ'ן ערשטען קאנגרעס. אפילו אונזערע מאטעריעלע ערפאלגען, האטש זיי זענען בעשיידען, דאך דארף מען זיי ניט נידריג שעצען, און קורצע ווערטער זענען זיי שוין פונ'ם הערען וואלפסזאהן צוזאמענגעבראכט: אונזער קאלאניאל=באנק, וואס מיר האבען מיט אזוי פיעל ביטערע מיהע און שווערע קרבנות בעשאפען, האט ארויסגערופען צו'ם לעבען די אנגלא=פאלעסטינא=קאמפאניע, וואס ארבייט אין פאלעסטינא זעהר גוט, ענטוויקעלט דאס דארטיגע ווירטשאפטליכע לעבען, פערשאפט דעם יודישען נאמען דעם כבוד, וואס בעגלייטעט אלע מאל די שאפענדע פינאנץ=

אינציאַטיווע און צוריק-געבליבענע לענדער. אַ דאַנק דער אינסטיטוציע זענען די יידען אין די אויגען פון די איינוואָהנער פון פּאַלעסטינאַ ניט פּעראַכטעטע בעטלער, נאָר בעלי-טובות, וואָס מאַכען פרוכטבאַר דאָס לאַנד און פּערברייטען וואָהלשטאַנד. אונזער נאַציאָנאַל-פאָנד שטעהט שוין שטאַרק און האָט די האָפנונג, וואַקסענדיג פּאַמעליך, צו ענטוויקלען זיך אין אַ שטאַרקען אָרגאַניזם. וויכטיגער, באמת וויכטיגער זענען אונזערע מאָראַלישע נצחונות. אַז דער ציוניזם האָט אין זיינע אָנהענגער ערוועקט אַכטונג פאַר זיך זעלבסט — דאָס איז שוין געוואָרען אַ געמיינ-פּלאַץ. מיר ציוניסטען טראָגען אונזער יודענטהום ווי אַ קאָקאַרדע און דאָס איז שוין פאַר אונז אַזוי זעלבסטפערשטענדליך געוואָרען, אַז מיר וואונדערן זיך און לאַכען, ווען מיר זעהען, אַז אַנדערע פערדעקען זייער יודענטהום ווי אַ שאַנד-פלעק. אין די לענדער מיט פערשיעדענע נאַציאָנאַליטעטען האָבען אונזערע חברים געפאָדערט פאַר דער יידישער נאַציאָנאַליטעט די זעלבע אויפמערקזאַמקייט צו איהרע פאָלקס-בעדערפנישען און גלייכע אַכטונג פאַר איהר עטהישע אינדיווידואַליטעט, ווי מען שענקט אַנדערע נאַציעס.

אונזער יוגענד מאַכט דער ציוניזם שטאָלץ אויף אונזער געשיכטע, גיט זיי גלויבען אין זיך און אין די מאָראַלישע קראַפט פון אַ אידעאַל. אונזערע געגנער האָבען געהאָפט, אַז דער ציוניזם וועט נאָכגעהן נאָך זיין בעגרינדער — אין קבר. ער האָט אָבער איבערגעטראָגען די שווערע ערשיטערונג, וועלכע איז פאָרגעקומען דורך דעם פערשווינדען פון זיין ערשטען פיהרער, אָהן שום שאָדען, און מיט דעם בעוויזען, אַז ער איז אונאָבהענגיג פון איינצעלנע פּערזאָנען און עקזיסטירט אַ דאַנק זיין אייגענער קראַפט.

אַ שווערע געפאַהר זענען פאַר דעם ציוניזם געוועזען די צאָהל-רייכע מערדערייען, פון וועלכע די יידען האָבען געליטען אין די לענדער פון אַנטיסעמיטיזם, ניט נאָר דערפאַר, ווייל אונזערע אונגליקליכע ברידער זענען דורך מאָרד, פייער, שענדונג און רויב פאָלשטענדיג רואינירט געוואָרען, ניט נאָר דערפאַר, ווייל זייער פערצווייפלונג איבער דעם שרעקליכען סוף פון זייערע טייערסטע קרובים האָט יעדען אַנדערען געדאַנק אַרויסגעשטויסט פון זייער בעוואוסטזיין, נאָר אויך דורכדעם, וואָס די געגנער האָבען דורך העצרעדען זיך בעמיהט די אָרימע, בעדריקטע קרבנות אויפצוועקען געגען דעם ציוניזם. „וואו איז געוועזען דער ציוניזם", האָבען זיך געהערט שפּאָטענדע שטימען — ווען די אונמענשליכע האָרדען אין מזרח האָבען די יידען געקוילעט? וואָס האָט ער געטהון פאַר די פערפאָלגטע? ווי האָט ער זיי געהאָלפען? וועלכע שוץ האָט ער זיי געגעבען?" צו דער עהרע פון אונזערע פעראומגליקטע ברידער זאָל געזאָגט ווערען: אויך אין זייער טיעפער פערצווייפלונג האָבען זיי ניט פערלאָרען דעם געזונדען מענשען-פערשטאַנד, כדי צו ערקענען די נאַרישקייט פון די דאָזיגע איראָנישע פראַגען? אונזערע מאַסען

פֿערשטעהען, אַז זיי זעלבסט האָבען אין די רוהיגע צייטען ניט געניג געטהון פֿאַר׳ן ציוניזם, כדי פֿון איהם צו פֿאָדערן אין די צייטען פֿון אומגליק, ער זאָל עפּעס ענטשיידענדעס פֿאַר זיי טהון. דער ציוניזם בעזיצט נאָר דאָס, וואָס דאָס פֿאָלק גיט איהם. דאָס יודישע פֿאָלק אָבער האָט ביז אַהער ניט געגעבען די מיטעל, ער זאָל קאָנען בעשיצען די איינצעלנע טהיילען פֿונ׳ם פֿאָלק בשעת סכנה. זיין כבוד האָט איהם ניט דערלאָזען צו בעשעפֿטיגען זיך מיט פּוסטע מאַניפֿעסטאַציעס און מיט כלומר׳שט וויכטיגער טהעטיגקייט.

די ציוניסטען האָבען טועה אין האַרץ פֿערבאָרגען זייער טרויער און מיט פֿערביסענע ליפּען האָבען זיי געאַרבייט, כדי צו פֿאַרבערייטען אויף וויפֿיעל ס׳ערלויבען זייערע כחות די פֿערווירקליכונג פֿון זייערע גרויסע אויפֿגאַבען אין דער צוקונפֿט. דערווייל האָבען זיך אונזערע מאַסען אויסגעלערנט בעסער ווי פֿריהער צו פֿערשטעהן, אַז, ווען דער ציוניזם קאָן זיי היינט ניט ראַטען און שיצען, טאָ וועט ער מאָרגען זייערע קינדער בעפֿרייען.

די רעגירונגען, וואָס זייער סימפּאַטיע צו בעקומען איז אַ וויכטיגער פּונקט פֿון אונזער פּראָגראַם, האָבען זעהר וועניג אונז מיטגעהאָלפֿען. זאָגענדיג דעם גאַנצען אמת: זיי האָבען ביז איצט בכלל מיט אונז כמעט זיך ניט גערעכענט. אין דעם מיינען איינציגע צו זעהען אַ בעווייז, אַז מיר זענען פֿון אָנהויב אָן אַרויף אויף אַ פֿאַלשען וועג, און אַז אונזער פּאָליטיק, וואָס האָט צו׳ם טהייל געהאָפֿט אויף די רעגירונגען, איז געווען אַ טעות. אָבער דאָס איז ניט אמת, די רעגירונגען פֿערהאַלטען זיך אין דער איצטיגער צייט ניט מיט פֿעראַכטונג צו די „אינפּאָנדעראַבּיליאַ“ *), און זיי וועלען קיינמאָל ניט איינשטימען, אַז גרויסע היסטאָרישע רעיונות, אַז פֿאָדערונגען פֿון מאָראַל און קולטור זאָלען פֿאַר זיי זיין בעגריפֿען אָהן שום אינהאַלט. אָבער רעגירונגען מוזען קודם כל בעשעפֿטיגען זיך מיט קאָנקרעטע מאַטעריעלע אינטערעסען און זענען געוואָהנט צו אינטערעסירען זיך אָפֿיציעל נאָר מיט אַזעלכע ענינים אויף וועלכע עס ציהט זייער אויפֿמערקזאַמקייט עפּעס אַ קראַפֿט. אַזוי לאַנג, ווי די רעגירונגען וועלען זעהן אין ציוניזם נאָר אַ פֿערשוואומענע בענקשאַפֿט פֿון אַ קליינעם היפֿעל פֿערחלומטע מענשען, וואָס זענען ניט פֿון דער פּראַקטישער וועלט; אַזוי לאַנג, ווי זיי וועלען שפּירען, אַז אונזערע קאָנגרעסען, אונזער פּראָפּאַגאַנדאַ, אונזערע פּלאַנען, אונזערע החלטות זענען ריין טעאָרעטישע שפּיעלען פֿון אונזער גייסט, האָבען זיי ווירקליך קיין שום סבה ניט פֿון זייער שטאַנדפּונקט צו בעשעפֿטיגען זיך מיט אונז. דאָס וועט ווערען אַלעס אַנדערש אין דעם מאָמענט, ווען דער ציוניזם וועט האָבען מיליאָנען אָדער וועניגס=

*) גייסטיגע, קולטורעלע ווערטהער, וועלכע קאָנען נישט ווערען געוואויגען אָדער געמאָסטען.

טענס הונדערט-טויזענדע ארגאניזירטע אנהענגער, פעסט געגרינדעטע ווירקזאמע אינסטיטוטען, געלד, איינפלוס, און צאהל-רייכע גייסטיגע כחות. די רעגירונגען, וואס פערנעהמען זיך נאר מיט ווירקליכקייטען, פערלאנגען פון אונז מיט רעכט ראיות, אז מיר זיינען עפעס, אז מיר האבען עפעס, אז מיר קאנען עפעס. אזוי לאנג, ווי מיר גיבען ניט דעם בעוויז, טארען מיר זיך ניט בעקלאגען, אז מען אינטערעסירט זיך ניט מיט אונז. מיר דארפען נאר מאכט בעקומען! מיט דעם מוזען מיר אנהויבען, דאס מוזען מיר שטרעבען צו דערגרייכען דורך פרעדיגען, לערנען, ווערבען. א יודישעס פאלק מיט אנ'איינהייטליכען ווילען, מיט ענטשלאסענהייט און מיטעל צו פערווירקליכען דעם דאזיגען ווילען, וועט ניט אומזיסט סטארען זיך, די רעגירונגען זאלען אפיציעל מעהר זיך פאראינטערעסירען מיט זיינע פלאנ״ן.

מיר זענען ווייט ניט אזוי פארבערייט, ווי מיר דארפען זיין, ווי מיר מוזען זיין, ווען דער ציוניזם זאל איבערגעהען פון דעם שטאדיום פון אקאדעמישער פאליטיק אין דאס שטאדיום פון וועלט-פאליטיק.

איינס האבען מיר דערגרייכט; מיר האבען ארויס געשטעלט מיט קראפט די יודישע פראגע, וואס איניגע האבען זי אינגאנצען איגנארירט, און די אנדערע געהאלטען פאר גאר ניט וויכטיג. מיר וועלען זארגען, זי זאל ניט פערשווינדען פון דעם געזיכט-קרייז פון די רעגירונגען און פעלקער, און מיר וועלען ניט רוהען ביז זי וועט פערענטפערט ווערען אין ציוניסטישען זינען: דורך דאס אויפשטעלען פונ'ם יודישען פאלק, וואס זאל אריינטרעטען אין די פעלקער-משפחה אלס א גלייכבערעכטיגטעס מיטגליעד.

די פערענטפערונג פון דער יודישער פראגע איז א פראבע פאר די גאנצע מענשליכע קולטור. די ציוויליזאציע רוהט אויף געוויסע יסודות; ווען זיי ווערען ערשיטערט אדער אומגעווארפען, פאלט דאס גאנצע געבייידע. די דאזיגע גרונד-יסודות זענען: אכטונג פאר'ן לעבען פונ'ם מענשען, שטראף פאר פערברעכען געגען פערזאן און אייגענטום, גלייכהייט פון אלע ניט בעשטראפטע בירגער פאר'ן געזעץ. נאך קירצער: גערעכטיגקייט, יושר. יוסטיציא פונדאמענטום רעגנארום! ד. ה. דער יושר איז דער יסוד פון מלוכות.

די יודען אבער ווערען אין איין לאנד געמארדעט און בערויבט, און דעם אנדערען איז מען זיי מבזה און מען בעדריקט זיי, אומעטום בעהאנדעלט מען זיי, ווי זיי וואלטען געשטאנען אויסערהאלב פונ'ם פעלקער-רעכט, פונ'ם געזעלשאפטס-פערטראג, פון דער קאנסטיטוציע, פון דעם געשריבענעם און אונגעשריבענעם געזעץ. בנוגע צו די יודען לייקענט מען אב די איינפאכסטע יסודות פון דער ציוויליזאציע און צוזאמען מיט דעם די ציוויליזאציע אליין.

געגען דעם פראטעסטירען מיר, און דעם פראטעסט מוז מען אין האאג ווייניגער ווי אומעטום בעטראכטען אלס פלאטאניש.

און דעם פרייען האָלאַנד האַלט אָב זייהרע זיצונגען גראַד איצט דאָס צווייטע מאָל אַ פריעדענס-קאָנפערענץ, אויף וועלכע אַלע קולטורעלע מלוכות פון די ביידע וועלטען האָבען געשיקט דעלעגאַטען און וועלכע דאַרף פעסטשטעלען די עקזיסטענץ פון אַ קולטור, וואָס נעהמט אַרום די גאַנצע מענשהייט און איז אַ חוב פאַר אַלע, און איהרע כללים און אַ וועלט-געזעץ-בוך אַריינצוברענגען. צו דער קולטור, וואָס איז נאָך ניט קאָדיפיצירט (נאָך ניט פאָרמולירט אין בעשטימטע אַנערקענטע געזעצען), אָבער איז דאָך גלייך אַנערקענט פון אַלע רעגירונגען, קריסטליכע, מאַהאָמעדאַנישע, בודיסטישע, פאַהיסטישע, פריידענקענדע, אַפּעלירען מיר. און איהר נאָמען פאָדערן מיר פאַר אונזער פאָלק פון 12 מיליאָנען גערעכטיגקייט! מען האָט געקענט און איהר אונז אָבזאָגען אַזוי לאַנג, ווי עס האָט געהערשט באַרבאַריי אויף דער ערד, מען דאַרף אָבער דאָס לענגער ניט טהון יעצט, ווען אַלע אָרגאַניזירטע פעלקער רעכענען זיך וויניגסטענס טהעאָרעטיש פאַר ציוויליזירטע. אַזוי לאַנג ווי עס עקזיסטירט נאָך אַ יודען-פראַגע, איז די גאַנצע ציוויליזאַציע אַ ליגען, און יעדע דיפּלאָמאַטישע קאָנפערענץ צו קאָדיפיצירען די געזעצען פון נעבסטען-ליעבע און מענשליכקייט אַ ריינע קאָמעדיע.

און דער יודען-פראַגע אויסער די גרונד-יסודות פון דער ציוויליזאַציע שפּיעלען אַ ראָלע אַנדערע טענדענצען, וואָס בעשטימען איצט די וועלט-פּאָליטיק.

יעדעס פאָלק פאָדערט ביי דעם היינטיגען טאָג אָפענע טהירען פאַר זיין האַנדעל, יעדעס רעכענט פאַר זיין נאַטירליכעס רעכט, אַריינצוציהען אָבגעשטאַנענע לענדער אין די וועלט-ווירטשאַפט, צו בעפעלקערן וויסטע לענדערייען און צו נעהמען זיי אונטער דעם אַקער-אייזען, אויסצוגלייכען דורך צוועקמעסיגע אויסוואַנדערונג די צו גרויסע פערשיעדענהייטען אין דער צאָהל פון דער בעפעלקערונג. גענוי דאָס זעלבע פאָדערט דער ציוניזם.

מיר ווילען אַריינפיהרען קיין פּאַלעסטינאַ, וואָס איז ווייניג בעפעלקערט, מיליאָנען מענשען וואָס זוכען אַרבייט, וועלכע קאָנען בליהען נאָר דאָרט און אויסערדעם אין ערגעץ ניט. מיר ווילען דאָס לאַנד, וואָס ליעגט יעצט וויסט און איז אַ מאָל געווען יידיש, מאַכען פרוכטבאַר, געבען איהם אַ ווערט, מאַכען עס צו אַן אָרט פון לעבהאַפטען האַנדעל, פון בליהענדער קולטור און מוסטערהאַפטער אָרדנונג, פון וואַנען עס קען נאָר געווינען די טערקישע מלוכה, דאָס יידישע פאָלק, די גאַנצע מענשהייט, און אַזעלכע שטרעבונגען זאָלען ניט געפינען סימפּאַטיע און אונטערשטיצונג ביי אַלע רעגירונגען? און דעם גלויב איך ניט דאָ אין האַאַג, וואו עס אַרבייט די פריעדענס-קאָנפערענץ.

איך האָב קיין שום ספק ניט, אַז מיר וועלען איבערצייגען די טערקישע רעגירונג אין דער גרויסקייט און פרוכטבאַרקייט פון אונזערע שטרעבונגען. נאָך מעהר; אַז מיר וועלען ערלעבען, ווען ס'וועט צוזאַמענגערופען ווערען אַ דיפּלאָמאַטישע קאָנפערענץ אַזוי ווי די האַאַגער צוזאַמענפאָהרען פון 1899 און 1907, כּדי אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַלער אופן צו רעגעלען די יודענפראַגע. אַ פאָרבעדינגונג פון אַזאַ ענטוויקלונג איז, זעלבסט פערשטענדליך, מיר זאָלען דאָס יודישע פאָלק ערוועקען, עס זאָל קלאָר זיין לאַיע פערשטעהן און איבערצייגען יעדען יוד, וואָס וויל ניט, אַז דאָס יודישע פאָלק זאָל פערשווינדען, אַז ער קאָן זיך זיין עקזיסטענץ זיכערן נאָר אויף איין וועג: אויפ'ן ציוניסטישען.

זאָל דער אַכטער קאָנגרעס אונז נעהנטער ברענגען צו דעם ציעל!

פּאָעטישע ווערק.

§ 23. אידעאַל. טיפּ. פערשידענע ליטעראַטור־ריכטונגען.

וועגען פּאָעטישע ווערק אין אַלגעמיין האָבען מיר שוין גערעדט (§ 4). מיר וועלען זיך יעצט בעשעפטיגען מיט דער איינטיילונג פון די פּאָעטישע ווערק. נאָר פריהער מוזען מיר זיך נאָך אַביסעל אָבשטעלען אויף די געגענשטענדע, וועלכע ווערען אין אַלגעמיין בעהאַנדעלט אין די פּאָעטישע ווערק, און אויף די אופנים, ווי אַזוי זיי ווערען בעהאַנדעלט. מיר האָבען שוין געזאָגט, דאָס פּאָעזיע הייסט יְצִירָה, שעפּפונג, דער פּאָעט בעשאַפט פון קאָפּ אייגענע בילדער און פּרעזענליכקייטען, וועלכע זענען ענטוועדער נאָהנט צו דער ווירקליכקייט, אָדער זיי אונטערשיידען זיך פון איהר וועזענטליך. דאַדורך אונטערשיידעט זיך די אַרט פּאָעטישע שילדערונג: אין ערשטען פאַל, ווען דער פּאָעט שילדערט זיינע בילדער און פּערזאָנען, לויט די ווירקליכקייט אָדער גאַנץ נאָהנט צו איהר, הייסט די אַרט שילדערונג — ר ע אַ ל י ס ט י ש, און די פּאָעטישע ווערק ר ע אַ ל י ס ט י ש ע; אַזוי זענען די גרעסטע טייל ווערק פון שלום־עליכם רעאַליסטישע. ווען אָבער די בילדער און פּערזאָנען ווערען געשילדערט נישט לויט די ווירקליכקייט און אויך נישט גאַנץ נאָהנט צו איהר, נאָר אַזוי ווי לויט דעם פּאָעטס מיינונג וואָלט געוועזען ווינשענס־ווערט, אַז אַזעלכע פּערזענליכקייטען אָדער בילדער זאָלען עקזיסטירען, הייסט די שילדערונג א י ד ע אַ ל י ס ט י ש, און די ווערק — א י ד ע אַ ל י ס ט י ש ע. אַלס אידעאַליסטישער פּאָעט אין דער יודישער ליטעראַטור

איז צו בעטראַכטען יעקב דינעזאָהן. אין אַלגעמיינעם הייסט אידעאַל אַ פּערזאָן אָדער אַ געגענשטאַנד מיט אַלע מעלות אַזוי, אַז דאָס קאָן דיענען אַלס מוסטער פֿאַר אַנדערע. פֿערשטעהט זיך, אַז אין דער ווירקליכער וועלט קאָנען זיך אַזעלכע פּערזאָנען און געגענשטענדע נישט געפֿינען. דען אין דער נאַטור איז נישטאָ קיין פֿאָלקאָמענעס, אידעאַלעס. אידעאַלען קאָנען אָבער בעשאַפֿען ווערען אין מח פֿון פֿילאָזאָפֿען און פּאָעטען. דורך די לעצטע ווערען זיי פֿאָרגעשטעלט אין זייערע ווערק אַלס ווירקליך עקזיסטירענדע, כּדי צו דערוועקען ביי דעם לעזער ליעבע צו זייערע אידעאַלען. אַזוי איז רחל'ע אין שלום עליכם'ס ראָמאַן „סטעמפּעניו” אַ אידעאַל פֿון אַ יידישער טאָכטער.

אין די רעאַליסטישע ווערק קומען פֿאָר געוויסע טיפּען, ד. ה. אַזעלכע פּערזאָנען, וועלכע ווערען פֿאָרגעשטעלט מיט אַלע איינענשאַפֿטען — מעלות און חסרונות — וועלכע זענען אייגענטימליך אַ גאַנצער קאַטעגאָריע מענשען פֿון איין פֿאָלק, איין קלאַס און איין עפּאָכע. די דאָזיגע איינענשאַפֿטען ווערען פֿאָרגעשטעלט גאַנץ בולט דורך די מעשים און געדאַנקען פֿון די טיפּען. דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק אין דינעזאָהן'ס ראָמאַן פֿון דעם זעלבען נאָמען איז אַ טיפּ פֿון אַ שווינדלער, וועלכער האָט זיך אַ דאַנק זיין צופּאַסען זיך צו יעדער זאַך און צייט, זיין עגאָאיזמוס און פֿאַלשקייט, דערשלאָגען צו רייכטום. אַזאַ מין טיפּ איז אויך מענדעלי מו"ס'ס „קליין מענשעלע”; ישראליק דער משוגענער אין „דער קלאַטשע” איז אַ טיפּ פֿון אַ יידישען משכּיל אין די זעלביגע יאָהרען; מאיר שאַלאַנט אין שלום עליכם'ס קאָמעדיע „צוזייעט און צושפּרייט” איז אַ טיפּ פֿון אַ יידישען פֿערמעגליכען בעל הבּית אין אונזער צייט. לויט דעם, צי דער טיפּ ווערט פֿאָרגעשטעלט מעהר מיט מעלות, צי מעהר מיט חסרונות, הייסט ער אַ פּאָזיטיווער (אין ערשטען פֿאַל) אָדער נעגאַטיווער (אין צווייטען פֿאַל). דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיג; דאָס קליין מענשעלע; מאַטוויי אין דער דערמאָנטער קאָמעדיע פֿון שלום עליכם — זענען ביישפּילען פֿון נעגאַטיווע טיפּען; דאַגעגען זענען הערשעלע אין דינעזאָנ'ס ערצעהלונג פֿון דעם זעלבען נאָמען; מאָניש פּרץ'ס; חיים און חנה אין שלום עליכם'ס דערמאָנטער קאָמעדיע — פּאָזיטיווע טיפּען.

אין דער לעצטער צייט האָט זיך אָנגעהויבען אין דער ליטעראַטור צו ווייזען אַ שטרעמונג, וועלכע ווערט אָנגערופֿען נאַטוראַליסטישע, איהר אייגענשאַפֿט איז פֿאַרצושטעלען די מענשליכע טהאַטען לויט די פֿיזיאָלאָגישע איי-

געזעלשאַפֿטען פֿון דעם מענשען, וועלכע זענען געבויט מעהר אויף די גראָבע, בהמישע אינסטינקטען, ווי אויף די עסטעטישע, גייסטליכע געפֿיהלען. דער פֿער־טרעטער פֿון דער דאָזיגער ריכטונג אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור איז דער פֿראַנצויזישער שרייבער עמיל זאָלאַ און אין אַ געוויסען זינן אויך דער פּוילישער שרייבער פּרזיבישעווסקי. אין יידישען האָט די נאַטוראַליסטישע שולע געפֿונען אין די לעצטע צייטען איהר אַנהענגער אין י. ל. פּרץ. זיין דראַמע „די שוועס־טער" און פֿיעלע ערצעהלונגען זענען נסיונות פֿון נאַטוראַליסטישע ווערק.

גאַנץ בעזונדער שטעהען די ווערק, אין וועלכע עס ווערען געשילדערט בילדער און בעשעפֿענישען, וועלכע נישט נאָר זיי קאָנען זיך נישט געפֿינען אין דער ווירקליכקייט, נאָר קאָנען זאָגאַר נישט דיענען פֿאַר אַנ'אידעאַל; דען אַלעס, וואָס עס ווערט מיט זיי פֿערבונדען — זייערע אייגענשאַפֿטען, זייערע מעשים א. ז. וו. זענען איבערנאַטירליך. אַזאַ סאָרט שילדערונג הייסט פֿ אַ נ ט אַ ס ט י ש, און די ווערק אַליין פֿ אַ נ ט אַ ס ט י ש ע. פֿערשיעדענע פֿאָלקס מעשיות, לעגענדעס, באַלאַדען א. ז. וו. זענען טאַקי אַזעלכע פֿאַנטאַסטישע ווערק. אַלס מוסטערען פֿון פֿאַנטאַסטישע ווערק קאָנען דיענען „די קלאָץ־געשיכטע" און „מאָניש" פּרץ'ס, אָדער די „כתה לצנים" מ. ראָזענפֿעלד'ס.

§ 24. די איינטהיילונג פֿון פּאָעטישע ווערק.

די פּאָעטישע ווערק קאָנען איינגעטהיילט ווערען אויף צוויי אופֿנים. ער־שטענס אונטערשיידט מען פּאָעטישע ווערק, וואָס האָבען נישט קיין פֿערפֿאַסער, ד. ה. אַזעלכע, וואָס זענען אָדער בעשאַפֿען געוואָרען דורך די פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע אָדער זיי עקזיסטירען שוין גאַנץ לאַנג, זענען אָנגענומען ביי'ם פֿאָלק און דע־ריבער קאָן מען נישט פֿון זיי אַרויס־דערקענען די פּערזענליכקייט פֿון זייער מחבר. אַלע אַזוינע ווערק טראָגען דעם נאָמען פֿ אָ ל ק ס־פּ אָ ע ז י ע. דאַגעגען הייסען די אַלע פּאָעטישע ווערק, וואָס מען ווייס, ווער זייער מחבר איז געוועזען, אָדער וועלכע טראָגען אַנ'אינדיווידועלען האַראַקטער, האָטש דער נאָמען פֿון זיי־ער מחבר איז אונבעקאַנט — ק י נ ס ט ל ע ר י ש ע פּ אָ ע ז י ע.

צווייטענס טהיילט זיך די פּאָעזיע — ווי די פֿאָלקספּאָעזיע אַזוי אויך די קינסט־לערישע — אין 3 אָבטהיילונגען: 1) עפּישע פּאָעזיע, 2) לירישע און 3) דראַמאַ־טישע.

§ 25. די פֿאָלקס פּאָעזיע און איהר בעדײַטונג.

די פֿאָלקס פּאָעזיע איז, װי מיר האָבען שוין געזאָגט, די פֿרוכט פֿון דער פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע. אין דער פּאָעזיע דריקט זיך אויס פֿיעל מאָל דער פֿאָלקסװי־רען, זײַן װעלטאַנשויאונג אין אַ בעשטימטע עפּאָכע, זײַנע מײַנונגען, װעלכע ער האָט זיך געבילדעט איבער פֿערשידענע װעלט־פֿראַגען, מיט איין װאָרט, אין דער פֿאָלקספּאָעזיע דריקט זיך אַמבעסטען אויס די גאַנצע פּסיכאָלאָגיע פֿון דעם פֿאָלק, און װיל מען די דאָזיגע פּסיכאָלאָגיע פֿון אַ פֿאָלק בעסער פֿערשטעהן, מוז מען אין פּאָעזיע שטודירען. אויך בײַ די יידען האָט זיך אין יידישען אַזאַ מין פֿאָלקספּאָעזיע געשאַפֿען, האָטש אין גאַנץ אַנדערע אופֿנים און נישט אַזוי זעלבסטשטענדיג, װי בײַ אַנדערע פֿעלקער. פֿיעל געביטען פֿון דער פֿאָלקספּאָעזיע, װאָס עקזיסטירען אין אַנדערע שפּראַכען, פֿעהלען אין יידישען אין גאַנצען.

§ 26. עפּישע פּאָעזיע.

מיט דעם שם הכולל עפּאָס *) אָדער עפּישע פּאָעזיע בעצײכענט מען די אַלע פּאָעטישע װערק, װאָס אַלס גרונדלאַגע דיענט זײ אַנ׳ערצעהלונג פֿון דעם, װאָס איז װירקליך געשעהען, אָדער עס איז אויסגעקלערט. די כאַראַקטעריסטישע אײגענשאַפֿט פֿון דעם עפּאָס איז די אָביעקטיװיטעט, ד. ה. דער פֿערפֿאַסער פֿון אַנ׳עפּישען װערק דריקט נישט אויס זײַנע געדאַנקען, געפֿיהלען און מײַנונגען; ער געפֿינט זיך עפּעס, װי אין אַ זײַט, מען װײס נישט פֿון איהם, װאָס ער קלערט; מיר הערען נאָר און זעהען די מענשען און בילדער, װאָס װירקען און װערען געשילדערט אין דעם װערק; אָבער נישט דעם פֿערפֿאַסער אַליין; מיר קענען אײגענטליך אַזוי אַרום דעפֿינירען (בעשטימען די בעדײַטונג פֿון דעם בע־גריף) דאָס װאָרט „עפּיש". אַנ׳עפּישעס װערק הײסט אַ װערק, אין װעלכען עס װערט אָביעקטיװ געשילדערט אָדער ערצעהלט װעגען עפּעס, װאָס איז װירקליך געשעהען אָדער אויסגעקלערט.

װי די גאַנצע פּאָעזיע, אַזוי טײלט זיך אויך דער עפּאָס אײף פֿאָלקס־עפּאָס און קונסטלערישען עפּאָס.

---

*) עפּאָס — האָט בעדײַטעט אין גריכישען „װאָרט" נאָהער „ערצעהלונג".

§ 27. פֿאָלקס=עפּאָס.

אין אַלע אײראָפּעאישע שפּראַכען האָט זיך דער פֿאָלקס=עפּאָס ענטוויקעלט גאַנץ נאַטירליך און כמעט אויף דעם זעלבען שטײגער. יעדעס פֿאָלק האָט זיך געשילדערט ענטוויקעלט אויף אײן לאַנד. צוזאַמען מיט איהם האָבען זיך אויך ענטוויקעלט בײַ איהם זײַן שפּראַך, זײַן ליטעראַטור און די פֿאָרמען פֿון דעם גלויבען. ווען דאָס פֿאָלק איז נאָך געוועזען גאַנץ יונג, פֿלעגט עס צוקוקען אויף אַלע נאַטור=ערשײַנונגען, ווי אויף וואונדער און מעשים פֿון לעבענדיגע איבערנאַטירליכע בעשעפּענישען, וועלכע מען קען איבערבעטען אָדער דערבײַזערען. די זון, די לבנה, די שטערען, די וואָלקענס, די בערג, די וועלדער, די פֿעלדער און די טײַכען — אַלעס, אַלעס לעבט, האָט שכל, אַן'אײגענעם רצון, און טהוט וואָס איהם געפֿעלט. און די דאָזיגע וועלטאַנשויאונג אויף אַלעס, וואָס עקזיסטירט אין דער נאַטור, דריקט זיך אויך אויס אין די ערשטע פּרימיטיווע פֿאָלקס=מעשיות און ליעדער אין די פֿערשיעדענע אײראָפּעאישע שפּראַכען. צוזאַמען מיט דעם גאַנג פֿון די קולטורענטוויקלונג געהט אויך די ענטוויקלונג פֿון די פֿאָלקס=פּאָעזיע; די גראָבע אָבער אײנפֿאַכע וועלטאַנשויאונג בײַט זיך; די נאַטורערשײַנונגען, די חיות און בהמות זענען שוין נישט מעהר קײן שבלדיגע בעשעפּענישען אין דער פֿאָלקס=ליטעראַטור פֿון די ווײַטערדיגע עפּאָכען; אָבער אונטער דעם אײַנפֿלוס פֿון דעם נײַען גלויבען נעהמען אָן די פֿריהערע בעשעפּענישען, וואָס קומען פֿאָר אין דער פֿאָלקס=פּאָעזיע, אַ סימבאָלישען האַראַקטער, אָדער ווערען פֿאַרטוישט אויף אַנדערע איבערנאַטירליכע בעשעפּענישען, וועלכע זענען נעהנטער דעם גײַסט פֿון קריסטענטום; עס ווײַזען זיך נײַע אַרטען פֿון עפּישער פּאָעזיע: פֿאָלקס=לעגענדען אָדער וואונדערבאַרע ערצעהלונגען, וואָס די העלדען אין זײ זענען פֿערשיעדענע הײליגע און געטליכע בעשעפּענישען; היסטאָרישע ליעדער, וואָס אין זײ ווערען אָפּט היסטאָרישע פֿאַקטען פֿון פֿערשיעדענע עפּאָכען צוזאַמענגעמישט און פֿערציערט מיט מעשיות, וואָס זענען נאָר בעשאַפֿען געוואָרען דורך די פֿאָלקס=פֿאַנטאַזיע.

גאַנץ אַנדערש איז פֿאָרגעקומען מיט דעם יידישען פֿאָלקס=עפּאָס. דאַמאָלס ווען די יידען האָבען אָנגעהויבען צו רעדען אין דער שפּראַך, וואָס מיר בעצײכנען זי מיט דעם נאָמען יידיש אָדער זשאַרגאָן, זענען זײ שוין געוועזען אַ שטאַרק־ענטוויקעלט פֿאָלק. פֿון דער פּרימיטיווער וועלט=אַנשויאונג אויף די נאַטור און

איהרע בעשעפעניש האבען זיך שוין די יידען דאמאלס לאנג, גאנץ לאנג געהאט אבגעזאגט. דער יידישער פאלקס-עפאס איז דעריבער נישט אזוי פרימיטיוו, איינפאך און קינדעריש נאאיוו, ווי דער פאלקס-עפאס ביי אנדערע פעלקער. מען טרעפט אויך אין דער יידישער ליטעראטור ערצעהלונגען פון חיות, בהמות א. ז. וו., וואס געגלויבט אין זייער ערנסט האבען נאר קינדער, אבער נישט קיין עלטערע מענשען, וועלכע האבען זאגאר ארויסגעזאגט זייער מיינונג וועגען דעם דאזיגען ערנסט גאנץ קורץ מיט דעם שפריכווארט: „אויף א מעשה פרעגט מען נישט קיין קשיא". און א חוץ דעם זענען די דאזיגע ערצעהלונגען נישט געוועזען קיין פאלקס-ערצעהלונגען, נאר זיי זענען געשריבען געווארען דורך איינצעלנע מענשען, וועלכע זענען מייסטענס נישט געוועזען אריגינעל, נאר זיי האבען זייערע ווערק איבערגעזעצט פון אנדערע שפראכען אדער זיי בעארבייט.

אין די יידישע פאלקס-ליעדער געפינען מיר שוין אבער גארנישט פון דעם דאזיגען איבערנאטירליכען עלעמענט.

צו דער יידישער פאלקס-פאעזיע געהערען פאלקס-מעשיות און עפישע פאלקס-ליעדער.

§ 28. פאלקס-מעשיות.

אלס אינהאלט פון די יידישע פאלקס-מעשות דיענען ענטוועדער נאציאנאל-רעליגיעזע עלעמענטען, אדער מאראלישע אדער איינפאך חאראקטעריסטישע פאקטען פון דעם אלטעגליכען יידישען לעבען. אין די ערשטע ארט מעשיות שפיעלען א וויכטיגע ראלע אלס העלדען אליהו הנביא, משיח בן יוסף, די אבות, דוד המלך, משה רבנו און אנדערע פערזאנען פון דער אלטער יידישע געשיכטע. אין לעצטען ארט מעשיות ווערען סימבאליזירט דער שקר, דער אמת, דער דלות און אנדערע אבסטראקטע בעגריפען. מיר ברענגען דא אלס מוסטער א מעשה פון „דעם יצר-הרע און דלות", וואס איז געוועזען אבגעדרוקט אין „דעם יוד" נומער 7, ערשטער יאהרגאנג:

דער יצר-הרע האט זיך בעגעגענט מיט'ן דלות אויף דער יידישער גאס און אויסגערעדט זיך פאר איהם זיין שווער ביטער הארץ: — שלעכטע צייטען פאר מיר! איך ווער שיעור נישט משוגע, איך געה ארום לעדיג, האב גאר נישט וואס צו טהון. א מאל אײדער איך האב געפועל'ט ביי א יידען טהון אן עבירה, איז מיר נישט גרינג אנגעקומען, איך האב גענוג געשוויצט, נאר

דערפֿאַר ווי געשמאַק דער נצחון דערנאָך איז געווען! צו אַ הייַנטיגען יידען אָבער, אַז איך קום צורעדען איהם צו אַנ'עבירה, לאָזט זיך אויס — יענער האָט שוין אַליין פֿריהער אָבגעטהון צעהנדליגער עבירות, און איך בלייַב ווי חוזק.

— און איך — זאָגט דער דלות לוסטיג און פֿרעהליך — האָב זיך, ברוך השם, גאָרניט צו בעקלאָגען אויף הייַנטיגע צייַטען. פֿערקהרט, ס'איז מיר גאָר איצט אַ סך בעסער ווי אַ מאָל. וואו פֿלעג איך, מישטיינס געזאָגט, ליעגען פֿעררוקט? ערגעץ אין אַ שטוב, אין אַ פֿינסטערען קעלער, איך האָב נאָטס שייַן פֿאַר מיר קיינמאָל ניש געזעהן, תמיד געווען דורכגענעצט, דורכגע־פֿרוירען, תמיד געהאַט אַ פנים ווי אַ בעטלער. הייַנט איז פֿאַר מיר אַ תענוג, די וועלט איז פֿאַר מיר אָפֿען, אין די גרעסטע זאַאַלען, אין די פֿייַנסטע סאַ־לאָנען שפּאַצירער איך מיר אַרום פֿראַנק און פֿריי, אָבגעוואַשען און אויסגעפּוצט; אויף די בעסטע שטוהלען, אויף די טייַערסטע סאָפֿעס זיץ איך מיר צעלעגט ווי אַ פּרינץ אין האַלט אין אייַן פּייַפֿען אויף וואָס די וועלט שטעהט.

אויסער דעם געפֿינען זיך נאָך פֿיעל חסידישע מעשיות, וואָס אין זיי ווערט דערצעהלט וועגען פֿערשיעדענע צדיקים.

§ 29. עפּישע פֿאָלקסליעדער.

צו די עפּישע יידישע פֿאָלקסליעדער געהערען נאָר די היסטאָרישע, ד. ה. די, אין וועלכע עס ווערען געשילדערט פֿאַקטען, וואָס האָבען אַ שייכות צו דער יידישער געשיכטע, אָדער וואָס האָבען אַ היסטאָרישען ווערט, און נאַציאָנאַל־רע־ליגיעזע. אַלע איבריגע אַרטען פֿון די יידישע פֿאָלקסליעדער געהערען צו דער לירישער פּאָעזיע. דאָ ברענגען מיר צוויי מוסטערן פֿון ביידע אַרטען דערמאָהנטע עפּישע ליעדער.

1. *) טרערען גיעסען זיך אין די גאַסען,
אין קינדערשע בלוט קען מען זיך וואַשען.
געוואַלד, ווייַ איז דאָס פֿאַר אַ קלאָג, —
צי דען וועט קיינמאָל ניש ווערען טאָג?
קליינע עופֿ'לעך רייַסט מען פֿון חדר,
מען טהוט זיי אָן יוָנישע קליידער.

---

*) דאָס ליעד איז ווי ס'ווייזט אויס, פֿערפֿאַסט געוואָרען אין די צייַט פֿון די חוטפֿים, ווען מע פֿלעגט חאַפּען יידישע קינדער און אָבגעבען זיי פֿאַר סאָלדאַטען.

אונזערע פּרִנסים, אונזערע רבנים
העלפען נאָך אָבצוגעבען זיי פאַר יְוָנִים!
ביי זישע ראַקאָווער זענען דאָ זיבען בנים,
איז פון זיי ניט איינער אין יְוָנִים;
נאָר לאָה די אַלמנה'ס איינציגע קינד
איז אַ כפּרה פאַר קהלישע זינד.
עס איז אַ מצוה אָבצוגעבען פּראָסטאַקעס, —
שוסטער, שניידער זענען דאָך ליידאַקעס;
קרעציגע חיַיטשיקלעך פון אַ משפּחה אַ שענער
טאָהר ביי אונז ניט אַוועק געהן ניט איינער.

איך וועל אייך דערצעלען אַ מעשה,
די מעשה איז זעהר פרעהליך!
די מעשה הויבט זיך אָן מיט אַ יודישען מלך;
דער יודישער מלך האָט געהאַט אַ בת יחידה,
דאָס מיינט מען אונזער תּורה.
כּל אַלָפים שנה, אַלע טויזענד יאָהר
איז דער מלך געפאָהרען
מיט איהר אַ שידוך טהון.
איז ער געקומען צו דער אומה גוים,
האָבען זיי איהם געענטפערט ווי די רשעים;
איז ער געגאַנגען צו דער אומה פּריצים,
האָבען זיי איהם געענטפערט פאַלשע תּרוצים;
אויף די פאַלשע תּרוצים
האָט דער בּורא אָנגעהויבען צו זידען;
איז געקומען אליהו הנביא,
האָט די תּורה נאַראַיעט די יידען.
די תּורה איז די יודען זייער געפעלען, —
אין דריי טאָג אַרום די חופּה צו שטעלען.

צו דער קאַטעגאָריע נאַציאָנאַל־רעליגיעזע ליעדער בעהערען אויך די דאָזיגע, וואָס מע קען בעצייכנען מיט דעם אַלגעמיינעם נאָמען משיח'ישע, אין וועלכע עס ווערט געשילדערט די גאולה, ווען משיח וועט קומען; די גרויסע וואונדער, וואָס וועלען דאַמאָלס פאָרקומען, דער שׂכר, וואָס עס וועלען האָבען די צדיקים און דער עונש פון די רשעים. די צאָהל פון דער קאַטעגאָריע ליעדער איז זעהר גרויס. דען די האָפנונג אויף משיח'ן, דאָס איז געוועזען שטענדיג דער איינציגער

ליכטשטראַהל אין דעם יידישען גלות, און זי האָט בעגלייט דעם יידען שטענדיג אין זיין טרויער און אין זיין פרייד. לײדער געפינען זיך כמעט נישט די דאָזיגע ליעדער אין דעם איינציגען „זאַמעלבוך פון יידישע פאָלקס־ליעדער אין רוסלאַנד *), און אַנשטאַט צוברענגען עפּעס פון די בעסערע מוסטערן, וואָס ווערען געזונגען פון פאָלק, מוזען מיר זיך בענוגנען מיט אַ גאַנץ איינפאַכעם משיח־ליעד, וואָס איז געבראַכט אין דעם דערמאָהנטען בוך.

אָמן ואָמן, דאָס איז וואָהר!
משיח וועט קומען היינטיגען יאָהר.
משיח וועט קומען צורייטען,
וועלען זיין גוטע צייטען.
משיח וועט קומען צו פאָהרען,
וועלען זיין גוטע יאָהרען.
משיח וועט קומען אויף אַ ווייסען פערד,
וועלען אַלע מתים אויפשטעהן פון דער ערד.
משיח וועט קומען צוגעהן,
וועט מען תחית המתים אויפשטעהן.

§ 30. קינסטלערישער עפּאָס.

דער קינסטלערישער עפּאָס איז שוין נישט די פרוכט פון די פאָלקס־פאַנטאַזיע, נאָר פון איינצעלנע מענשען. חאָטש זיי מוזען אויך לויט זייער חאַראַקטער געשריבען ווערען אָביעקטיוו: דער פערפאַסער פון אַן עפּישען ווערק ערצעהלט פון אַנדערע און דריקט נישט אוים דירעקט זיינע געדאַנקען און געפיהלען, פון דעסטוועגען איז אין אַזעלכע ווערק צו דערקענען אַ לויט די אייגענטימליכקייטען פון דעם סטיל, אַ לויט'ן אופן פון שילדערן און ערצעהלען דעם אינדיווידועלען שריפטשטעלערישען חאַראַקטער פון דעם מחבר. קינסטלערישע עפּישע ווערק פון פערשיעדענע מחברים איז גאַנץ לייכט אונטערצושיידען איינע פון די אַנדערע. געוועהנליך ערשיינט דער קינסטלערישער עפּאָס ביי אַ פאָלק ווען ער שטעהט שוין אויף אַ העכערע ענטוויקלונגס־שטופע. די ערשטע צייט האַלט זיך נאָך דער איינצעלנער פערפאַסער פעסט אין די פאָלקספאָרמען, ביז ליכוויז בעפרייט ער זיך אָבער פון זיי און ווערט וואָס אַמאָל מעהר זעלבסטשטענדיג.

די קינסטלערישע עפּישע פאָעזיע קאָן איינגעטיילט ווערען אין די דאָזיגע קאַטעגאָריעס:

---

*) Евр. народ. пѣсли въ Россіи, изд. ред. „Восходъ“ С.—Петербургъ 1901 г.

1) פּאָעמאַ; 2) אידיליע; 3) ראָמאַן; 4) ערצעהלונג; 5) לעגענדע; 6) באַלאַדע; 7) פֿאַבעל.

§ 31. פּאָעמאַ.

פּאָעמאַ הייסט אַנ׳עפּיש ווערק, אין וועלכען עס ווערט כאַראַקטעריזירט דאָס לעבען און די זיטען פֿון אַ גאַנץ פֿאָלק אָדער אַ טייל פֿון איהם אין אַ געוויסע צייט אין פֿערבינדונג מיט איין ערצעהלונג פֿון דעם, וואָס איז פֿאָרגעקומען מיט געוויסע פּערזאָנען, די הויפּטהעלדען פֿון דעם ווערק. אין דער וועלט־ליטעראַטור זענען בעשאַפֿען געוואָרען דרייערליי פּאָעמען: א) די קלאַסישע פּאָעמאַ, ב) די פּסייראָ־קלאַסישע און ג) די נייע פּאָעמאַ.

§ 32. די קלאַסישע פּאָעמאַ.

די קלאַסישע פּאָעמען זענען איליאַדע און אָדיסעע — אין גריכישען, און ענעאידע — אין לאַטיין.

מען קאָן נישט זאָגען ריכטיג, ווער עס איז געוועזען דער פֿערפֿאַסער פֿון די ערשטע צוויי פּאָעמען. די פֿאָרצייטיגע גריכען האָבען געהאַלטען פֿאַר זייער פֿערפֿאַסער איין פּערזאָן, דעם בלינדען האָמער, וועלכער זאָל האָבען געלעבט אונגעפֿעהר 1000 יאָהר פֿאַר קריסטוס׳ן. די קריטיק אין דער נייצייט האָט בעוויזען, אַז די מיינונג איז געוועזען פֿאַלש. „איליאַדע און אָדיסעע זענען בעשטאַנען פֿריהער פֿון בעזונדערע לידער, פֿון פֿיעל איינציגע פּאָעטען, נאָר מיט דער צייט זענען זיי צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען צו איין גאַנצעס, פֿערשריבען זענען זיי געוואָרען דאָס ערשטע מאָל אין זעקסטען יאָהרהונדערט פֿאַר קריסטוס און פֿון דאַמאָלס אָן זענען זיי געוואָרען איין אַלגעמיינעס קולטורעלעס הייליגטום פֿאַר די גאַנצע גריכישע וועלט און מע האָט זיי געלערנט אין אַלע שולען. ווען אין אייראָפּאַ האָט אין 14—15־טען יאָהרהונדערט אָנגעהויבען ווידער אויפֿצולעבען די ליטעראַטור און קונסט, האָבען זיך די געלערנטע און פּאָעטען אָנגעהויבען צו בעשעפֿטיגען שטאַרק מיט די צוויי פּאָעמען, וועלכע האָבען געדיענט אַלס מוסטער פֿאַר אַלע פּאָעמען פֿון יענער צייט אין די אייראָפּעאישע שפּראַכען.

אַלס סוזשעט פֿון „איליאַדע" און „אָדיסעע" דיענט די מלחמה פֿון די

גריכען מיט די טראָיאַנער (אַ פֿאַרצייטיגס פֿאָלק אין קליין-אזיען). אין דער גריכישער היסטאָריע ווערט ערצעהלט, דאָס אונגעפֿעהר 1200 יאָהר פֿאַר קריסטוס האָט געוואוינט אין ספּאַרטאַ, אַ הויפּטשטאָט פֿון אַ גריכיש מדינה'לע, אַ קעניג מיט'ן נאָמען מענעלאַאוס. ער האָט געהאַט אַ זעלטען שענע פֿרוי, וועלכע מע האָט גערופֿען „די שענע העלענע". איינמאָל איז געקומען צו זיי צו גאַסט דער יינגערער זוהן פֿון דעם טראָיאַנישען קעניג פּריאַמוס, פּאַריס, ווען מענעלאַאוס איז איינמאָל נישט געווען אין דערהיים, האָט פּאַריס אַוועקגעפֿיהרט צו זיך אויפ'ן שיף העלענען און איז מיט איהר ענטלאָפֿען קיין טראָיאַ. דער קעניג מענעלאַאוס האָט זיך געפֿיהלט שטאַרק בעליידיגט, האָט צונויפֿגערופֿען אַלע קעניגען פֿון גריכענלאַנד און מיט זייערע מענשען זענען זיי צוזאַמען געגאַנגען מלחמה האַלטען קעגען טראָיאַ. אין דער מלחמה האָבען, לויט די לעגענדע, אין וועלכע די גריכען, אַלס געצענדינער, האָבען באמת געגלויבט, אַנטייל גענומען אויך אַלע געטער, טייל פֿאַר די גריכען און טייל פֿאַר די טראָיאַנער. אין דער מלחמה האָבען זיך הויפּטזעכליך אויסגעצייכענט פֿון דער גריכישע זייט די העלדען אַכילעס און אַגאַמעמנאָן מיט גבורה און אָדיסעאוס מיט זיין חכמה, פֿון דער טראָיאַנישער זייט – פּריאַמוס'עס עלטערער זוהן העקטאָר. 10 יאָהר האָט געדויערט די מלחמה. פֿון ביידע זייטען זענען פֿיעל געהרג'ט געוואָרען, צווישען זיי אויך אַכילעס און העקטאָר. ענדליך איז געלונגען די גריכען איינצונעהמען די שטאָדט, אַ דאַנק אָדיסעאיס'עס עצה. ער האָט געהייסען אויסבויען אַ גרויס הילצערנע פֿערד און אַריינלעגען אינוועניג איינינגע גריכען. די איבריגע גריכען זענען אַנטלאָפֿען צו די שיפֿען. די טראָיאַנער, דערזעהענדיג דאָס, זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון שטאָדט זעהן, וואָס איז געשעהען. אויפ'ן פֿערד האָבען זיי געפֿונען אַנ'אָבגעריכענעם, באָרפֿיסען גריכען, וועלכען די חברים האָבען בכיוון איבערגעלאָזט. ער האָט דערצעהלט די טראָיאַנער מיט טרעהרען אין די אויגען, דאָס זיינע קאָלעגען האָבען איהם נישט געוואָלט מיטנעהמען, ווייל זיי האַלטען איהם פֿאַר טמא און משוגע, און יעצט געפֿינט ער זיך אין זעהר אַ שלעכטער לאַגע. די טראָיאַנער האָבען פֿאַר רחמנות איהם אָנגעהויבען צו טרייסטען און נאָכהער איהם געפֿרעגט, וואָס בעדייטעט דאָס הילצערנע פֿערד. ער האָט געזאָגט, דאָס איז אַ געשאַנק פֿאַר די געטער און עס קען ברענגען פֿיעל גליק דער שטאָדט, אין וועלכער דאָס פֿערד וועט זיך געפֿינען. די טראָיאַנער האָבען מיט גרויס שמחה אַריינגעפֿיהרט דאָס פֿערד. ביינאַכט, ווען אַלע טראָיאַנער זענען רוהיג געשלאָ-

פֿען, זענען די גריכען, װאָס זענען געלעגען בעהאַלטען אין פֿערד, אַרױסגעקראָכען פֿון איהם און האָבען געעפֿענט די טױערען פֿון דער שטאָדט. די גריכען, װאָס זענען געװיזען אַנטלאָפֿען צו די שיפֿען, זענען דערװײַל צוריקגעקומען און אַרײַן אין די אומגליקליכע שטאָדט, װעלכע זײ האָבען אונטערגעצונדען און חרוב געמאַכט. נאָך דער מלחמה זענען די גריכען צוריקגעפֿאָהרען אין זײער לאַנד. נישט אַלע זענען בשלום געקומען איבערהױפּט האָט געהאַט פֿיעל צולײַדען אַדיסעאוס, װעלכער איז 10 יאָהר געװיזען נע ונד אױף פֿערשידענע ימים, אינזלען און הײלען, ביז ער איז ענדליך געקומען אַהײם, אױף זײַן געבורטסאינזעל איטאַקע.

בקצור װערט דאָס בעשריבען און ערצעהלט אין די בײדע דערמאָהנטע פּאָעמען, דערבײַ װערען דאָרט געשילדערט אין אַ זעלטען שענער פּאָעטישער שפּראַך די פּאַרציײַטישע גריכישע שטעדט און דערפֿער, די מלחמה=קונסט, דאָס אַרט לעבען אױפֿ'ן שלאַכטפֿעלד, די מנהגים, דער גלױבען, די פֿאָרשטעלונגען װעגען די געטער און די גאַנצע װעלט=אַנשױאונג פֿון די אַלטע גריכען.

אין דער איליאַדע װערט געשילדערט מעהר דאָס אױסערליכע לעבען, און אין דער אַדיסעע — דאָס אינערליכע שטוב=לעבען פֿון די אַלטע גריכען.

בײדע פּאָעמען זענען געשריבען אין העקסאָמעטרען, ד. ה. אין פֿערזען, װעלכע בעשטעהען פֿון 6 פֿערזפֿים, דאַקטילען און טראַכײען, דאַבײַ מוז דער לעצטער פֿערזפֿוס אין פֿערז שטענדיג זײַן אַ טראַכײאוס (§ 44,1). ליידער זענען די „איליאַדע" און אַדיסעע", װעלכע זענען איבערגעזעצט אין אַלע אײראָפּעאישע שפּראַכען, אין אײניגע פֿון זײ זאָגאַר עטליכע מאָל, אין יידישען נישט איבערגעזעצט. מיר ברענגען דאָ אַלס מוסטער פֿון העקסאָמעטרין אין איבערזעצונג די צװײ ערשטע פֿערזען פֿון דער „איליאַדע":

זינג מיר, אָ | געטין | , װעגען אַ|כילעס דעם | זוהן פֿון פּע|לעאוס,
װאָס האָט אַ|זױ פֿיעל | צרות געֿ|בראַכט מיט זײַן | כעס די אַ|כעער. *)

*) די גריכען האָבען געגלױבט, אַז די פּאָעטישע בעגײַסטערונג קומט פֿון אַ בעזונדערע געטין, די מוזע, און דעריבער פֿלעגט זיך דער גריכישער פּאָעט װענדען שטענדיג מיט אַ קורצע תּפֿלה צו דער דאָזיגער געטין. — אַכילעס האָט זיך געהאַט צוקריגט מיט אײנעם פֿון די גריכישע אַנפֿיהרער איבער אַ געפֿאַנגען מעדעל און האָט אױפֿגעהערט דעריבער זיך צו בעטײליגען אױף אַ לאַנגע צײַט אין דער מלחמה. דערפֿון האָבען די גריכען, װעלכע היסגן בײַ האָמער „אַכעער", שטאַרק געליטען.

אַלס נאַכֿאַהמונג פֿון „איליאַדע״ און אָדיסעע״ האָט דער רעמישער פּאָעט ווירגיל געשריבען אין לאַטיינישען די פּאָעמאַ „ענעאידאַ״, אין וועלכער עס ווערט ערצעהלט, ווי ענעאַס, אַ טראָיאַנישער פּרינץ, האָט זיך געראַטעט פֿון דער שטאָדט, ווען זי איז חרוב געוואָרען, און נאָך לאַנגע יאָהרען נע ונד זיין, האָט ער זיך בעזעצט אין איטאַליען און דאָרט אויסגעבויט אַ שטאָדט און געגרינדעט אַ קעניגרייך. פֿון איהם זענען עס אַרויסגעקומען די ערשטע רעמישע קעניגע און די שפּעטערע קסרים.

§ 33. די פּסיידאָ-קלאַסישע פּאָעמאַ.

אין די רענעסאַנס צייט, ד. ה. פֿון 15-טען ביז'ן 18-טען יאָהרהונדערט, ווען די קונסט און ליטעראַטור האָבען ווידער אויפֿגעלעבט אין אייראָפּאַ, זענען געשריבען געוואָרען אַ סך פּאָעמען פֿון דעם לעבען פֿון די קריסטליכע פֿעלקער, אָבער אין גאַנצען לויט די גריכישע מוסטערן, אי נאָך דער פֿאָרם, אי נאָכ'ן אינהאַלט: אין העקסאַמעטריגע פֿערזען ווערען דערמאָנט פֿערשידענע גריכישע געטער און אַנדערע זיטען, אין צוזאַמענהאַנג מיט די זיטען און אַנשויאונגען פֿון די קריסטליכע אייראָפּעאישע פֿעלקער, וועלכע האָבען שוין לאַנג נישט געהאַט די אמונה אין די אַלטע גריכישע געטער. די דאָזיגע פּאָעמען טראָגען דעם אַלגעמיינעם נאָמען פּסיידאָ-קלאַסישע אָדער פֿאַלש-קלאַסישע, כדי אונטערצושיידען זיי פֿון די אַלט גריכישע פּאָעמען, וועלכע הייסען קלאַסישע.

אין אַלגעמיין געהערען צו דער פּסיידאָ-קלאַסישער ליטעראַטור די אַלע ווערק אין דער דערמאָהנטער רענעסאַנס-עפּאָכע, אין וועלכע מען פֿלעגט נאָכאַהמען די אַלט-גריכישע קלאַסישע ליטעראַטור. איבערהויפּט זענען פֿיעל אַזעלכע ווערק פֿערפֿאַסט געוואָרען אין פֿראַנצויזישען.

§ 34. די נייע פּאָעמאַ.

די נייע פּאָעמאַ האַלט זיך נישט אין די אַלע קלאַסישע מוסטערן. זי איז פֿריי און זעלבסטשטענדיג. די נייע פּאָעמאַ ווערט נישט אונבעדינגט געשריבען אין העקסאַמעטרען, זי קאָן אויך אין גאַנצען נישט געשריבען ווערען אין פֿערזען. דער עיקר איז נאָר, דאָס אין איהר זאָל געשילדערט ווערען צוזאַמען מיט דעם לעבען פֿון די הויפּט-העלדען דאָס לעבען און זיטען פֿון אַ גאַנצער

געזעלשאפט אין א בעשטימטער עפאכע. אין דעם זינן איז די „קריאטשע" מענדעלי מו"ס'ס א פאעמא, חאטש זי איז נישט געשריבען אין פערזען, אויך „א שטעדטיל" שלום אש'ס איז א פאעמא. פאעמען אין פערזען זענען פערפאסט געווארען פון מאריס ראזענפעלד (יהודית, שולמית) און אנדערע.

ווען א פאעמא האט א היסטארישען אינהאלט (למשל „יהודית" ראזענ־פעלד'ס), הייסט זי היסטארישע. ווען אין איהר דריקט דער פערפאסער אוים זיינע אייגענע געפיהלען און געדאנקען, הייסט זי לירישע פאעמא.

דער ערשטער, וואס האט געשריבען לירישע פאעמען, איז געוועזען דער ענגלישער פאעט ביירא ן.

מיר ברענגען דא ראזענפעלד'ס פאעמא „יהודית":

יהודית.

(פאעמא).

פון די אלטע, אלטע בלעטער
הערט זיך א פערשטיקטער קול,
וואס דערצעהלט אונז ווי אמאל,
ווען בעזיעגט האט גאט די געטער
און בעזארגט זיין פאלק מיט רעטער
און מיט נסים אהן א צאהל —
ווי אמאל האט אונז א שענהייט
דורך איהר ליבע און איהר ריינהייט,
און א טרויעריגע צייט, —
פון א גרויסע נויט בעפרייט.

אן'אלמנה איז די שענע,
און זי איז בערוהמט אין שטאדט,
גאנץ מיט מענשען און מיט גאט.
און יהודה איז זי איינע:
שען און רייך, און פרום ווי קיינע,
און איהר ווארט איז א געבאט.
זייט זי איז אליין געבליבען
ווייגט זי אויף איהר מאן דעם ליבען,
האט די וועלט פאר איהר קיין ווערט,
און זי ווייגט איהר קאפ צו דר'ערד...

זאמד און ערד דעם שונא'ס ריזען!
אשור שיקט איהר גאנצע מאכט.
ווי די בליצען דורך דער נאכט
לייכטען שווערדען, בלאנקען שפיזען,
דאך א פרוי האט זיך בעוויזען, —
גאט האט טיעף און איהר ערוואכט.
זי איז פרעכטיג ווי דער שרון,
צו'ם בעזיעגען נאר געבארען,
ציון'ס שענסטע, זיסטע בלום:
לייב און זעעלע אהן א מום.

איינזאם זיצט זי אין איהר חדר,
זי דערוויטערט זיך פון פוץ.
קיין זאך האט פאר איהר קיין נוץ,
פיעל בריליאנטען, רייכע קליידער,
דאך פאר ועמען? ליידער! ליידער!
זי געניסט ניט פון איהר גוט'ס.
איצטער קלאגט די גאנצע אומה,
און יהודית קלאגט, די פרומע!
שוין בעשלאסען איז דער בראך:
אנצוגעהמען אשור'ס יאך:

* * *

עס שטעהען די זקנים
און קוקען דערשראָקען,
און שאָקלען די קעפּ
מיט די זילבערנע לאָקען,
און קוקען פערפינסטערט
אַרונטער צו דר׳ערד:
„ווי ברעכט מען אַ אומה?
ווי גיט מען זיך אונטער?
עס פאַלען די טרעהרען,
די הייסע, אַרונטער
און ווערען פערלאָרען
ביי זיי אין די בערד.
עס כטראַשעט דער שווערד!

עס קומען פערוויינטע
כהנים געגאַנגען,
עס קרעכצען לויים
פערצאָגטע געזאַנגען:
„דער דורשט און דער הונגער"
אַ שרעקליכער כאָהר!
עס נעהמען די העלדען
אומזיסט די כלי זיין,
זיי וועלען דאָס לאַנד מעהר
ניט קענען בעפרייען. —
עס רייסען די פרויען
פון קאָפּ זיך די האָר.
די ענדע איז קלאָר!

און עוזיה, דער עלטסטער
פון בתול קומט צו רייטען.
דער גאַנג פון זיין פערד
קען דער עולם פון וויטען, —
ער קומט אָן דער זקן,
מיט ניי׳ם פון דער שלאַכט:
„מיר זענען פערלאָרען,
דאָך מיז עס געוועהרען,
נאָך עטליכע טעג און
ווען גאָט אונז ניט הערען,
דאַן מוזען מיר פאַלען,
דאַן זינקט אונזער מאַכט,
אין עביגע נאַכט".

* * *

גליווערענדיג ווי די שטיינער,
ריהרט דאָס פאָלק זיך ניט פון אָרט,
קיינער וואַגט צו רעדען, קיינער!
און עס חליפּען נאָר די וויינער,
פלוצלונג הילכט אַ שטאַרקעס וואָרט:

„פאַלען אָדער טריאומפּירען
זאָל דאָס אויסערוועהלטע לאַנד!
ווילט איהר אונזער גאָט פּרובירען,
אויב ער קען מלחמה פיהרען?
אויב עס דיענט איהם נאָך זיין האַנד?

„ווייסט איהר דען ניט, אַז זיין בויגען
גילט איהם איצט נאָך ווי אַמאָל?
הייבט נאָר אויף צו איהם די אויגען,
ער ועט העלפען, איהר וועט טויגען, —
וואונדער טהוט ער אָהן אַ צאָהל.

„האָט ער ניט דעם ים געשניטען
און געפיהרט בעפרייטע קנעכט?
איז ער ניט פאָראויס געריטען,
וואו מיר האָבען נאָר געליטען,
און געהיט אונז דורך די נעכט?

„וואָס איז אַשור מיט איהר גבורה
און די מאַכט פון אַ טיראַן?
וואָס האָט חיל ביי איהם אַ צורה?
קוקט ער נאָר איז זייער קבורה,
און זיי זענען נישט פאַרהאַן.

„איך בין נאָר אַ ווייב אַ שוואַכע,
דאָך מיין פֿאַנצער איז מיין גאָט!
פֿאַר מיין לאַנד פֿערלאַנג איך ראַכע, —
טיפֿער, העכער, גייסטער פֿלאַכע!
האַנד אין האַנד, אויף גאָט'ס בעראָטה.

„גאָט האָט מיר געשיקט אַ זינגען
און זיין ליכט איז מיין בליק,
די געדאַנקען מיינע שפּינען...
וואַרט, איך וועל זיך דאָ געפֿינען,
האָפֿט צו גאָט, איך קום צוריק...

„וואו איך גייה, דאַרף איך ניט זאָגען,
דאָס פֿערבלייבט מיט מיר אַ סוד!
גאָר ניט וויינען, ניט פֿערצאָגען
גאָט איז שטאַרק, מיר וועלען שלאָגען—
איך פֿערלאָז אַצינד די שטאָדט.

„שטיל, דער קאַמפּף פֿערלאַנגט קיין טרויער. —
זעהט, מיין ברוסט איז פֿעסט ווי שטאָל! —
הייסט מיר עפֿענען דעם טויער!
שטעהט און וואַרט נאָך קורצען דויער,
און איהר הערט צוריק מיין קול..."

און יהודית איז אַנטשוויגען,
נאָר דאָס פֿאָלק האָט גלייך געקניעט:
„אמת רעדט איהר צונג, קיין ליגען!
גייה, געבענשטע, דו וועסט זיגען, —
נעהם אַ הייסע ברכה מיט."

* * *

אויף אַ בעט פֿון גינגאָלד,
אָנגעזעצט ווי רויזען
מיט אבנים טובות,
ליגט דער העלד הלופֿרנש
פֿירשטליך אויסגעצויגען.

מירטען איהם צוקאָפּענס,
רויזען צו די פֿיס איהם
הונדערט העלדען וואַכען,
און מיט גאָלד'נע פֿעכערס
שטעהען די סריסים.

פֿון די אויגען שטראַהלט איהם
גבורה, שטראַהלט נצחון,
ער איז אַשור'ס אָרעם,
שטעדט האָט ער פֿער'מדבר'ט,
פֿעסטונגען געבראָכען.

„מאָרגען פֿאַלט יהודה!"
מורמעלט קאַלט דער קריעגער,
און בעטראַכט זיין דעגען
מיט געשאַרפֿטע בליקען,
ווי אַ ווילדער טיגער.

„מאָרגען פֿאַלט יהודה,
און זיין בלוט וועט גיסען
ווי די שנעלע וועלען
פֿון דעם אַלטען ירדן,
וועלכע אונטען פֿליסען.

„מאָרגען פֿאַלט יהודה,
און זיין בלוט וועט רינען,
מיטלייד וועט ער בעטען,
אַשור וועט ער הערען,
איהרע געטער דיענען..."

* * *

פֿערל און די האָר און
גינגאָלד און די קליידער,
שטעהט יהודית שטראַהלענד
און הלופֿרנש חדר.

דרײַ מעת לעת פֶערגאַנגען,
זײַט זי איז געקומען, —
זי האָט איהם געפֶאַנגען,
זי האָט איהם גענומען.

און דעם שונא'ס לאַנגער
שטעלט זי אײַן דאָס לעבען.
פלענער איהם געוויזען,
עצות איהם געגעבען...

און דער העלד, — אַ גלויבער,
רעדט צו איהר מיט גוטען,
הערשט אויף איהם איהר צויבער,
ברענען איהם די בלוטען...

ווײַנען הײסט ער ברענגען,
טײַערע געטראַנקען,
און אַ זינד פֶערבאָרגען
ליעגט אין זײַן געדאַנקען...

און ער טרינקט אַליץ מעהרער,
אום זײַן בראַנד צו שטילען,
דאָך זײַן זינד ווערט שווערער,
און ער הײבט אָן צו‌ועלען:

„געהט, פֶערבלײַבט דאָ קײנער,
לאָזט מיך, שוואַרצע ראָבען!
לאָזט מיך מיט דער שענער,
לאָזט זיך מיך דערלאָבען!“

און יהודית שמײכעלט,
קיהלט זיך מיט איהר פֶעכער,
און זי גיסט גע'שכל'ט
בעכער איהם נאָך בעכער...

שוין בעפֶאַלט אַ דרימעל
דעם בערוישטען טיגער:
„גרויסער גאָט און הימעל,
זײַ ישראל'ס זיעגער!“

איהר וויל ער דערגרײכען,
ווײַן האָט ער געטראָפֶען,
און ער איז געפֶאַלען,
און איז אײַנגעשלאָפֶען...

. . . .

שאַרף איז דער שווערד און געשליפֶען,
זי האָט איהם ערגריפֶען!

טרעט זי צו'ם בעט מיט אַשרעקען,
זי זאָל איהם ניט וועקען:

„ער זאָל מײַן פֶאָלק ניט פֶערדאַרבען,
דער שונא זאָל שטאַרבען!“

איצטער פֶערשליעסט זי די טיהרען,
מען זאָל נישט דערשפיהרען!

נײגט זי דעם אויער צו'ם הערען, —
אַ סוף זאָל דאָס ווערען!

ס'בליצען די אויגען און שטראַהלען...
אַ קאָפּ איז געפֶאַלען!

. . . .

דאָפּעלט פינסטער איז די נאַכט,
און דורך אַשור'ס שוואַרצע רײהען
געהט אַ פרייד צו הײלען וועהען
געהט יהודית שטיל און זאַכט
בערג אויף, בערג אָב,
און טראָגט אַ קאָפּ.

פינסטער שוועבט זי דורכ'ן פֶעלד,
מיט אַ מוֹרא, מיט נצחון,
אַשור'ס יחוס איז געבראָכען:
טוידט איז איהר געוואַגטער העלד.
דײַן אײג'נער שווערד
האָט איהם צעשטערט.

„מאכט מיר אויף דעם טויער גיך,
עפענט, שוועסטער! עפענט, ברודער!
גאט איז גרויס, ער ברענגט מיך ווידער, —
דאס בין איך! בין איך! בין איך! —
בעגריסט דעם פריינד
און יאגט דעם פיינד!"

(מ. ראזענפעלד).

§ 35. אידיליע.

אזוי הייסט אנ׳עפיש ווערק, וואס שטעלט פאר א בילד פון פשוט׳ען און גליקליכען לעבען פון די פאסטוכער, דארפסלייט אדער אויך פון קליינשטעטעלדיגע איינוואהנער. דער ערשטער פערפאסער פון אידיליען איז געוועזען דער גריכישער פאעט טעאקריטעס (אין III יאהרהונדערט פאר קריסטוס), וועלכער האט געשריבען זיינע אידיליען אין פערזען. אלס אידיליע קאן מען אויך רעכנען „שיר השירים", וואו עס ווערט פארגעשטעלט דאס לעבען פון די פאסטוכער אין ארץ ישראל און געשילדערט די ליעבע פון א פאסטוך און א פאסטושקע. פון די יידישע שרייבער, וואס דער גרעסטער טייל פון זייערע ווערק טראגט א אידילישען האראקטער, צייכענט זיך אויס שלום אש.

מיר ברענגען דא איין קאפיטעל פון זיין בילד „א שבת אין א שטעדטיל".

דער שפאציער.

עס האט שוין אנגעהויבען צו טונקלען, די זון ציהט זיך פאוואלע מיט רוהיגע שבת׳דיגע טריט ארונטער אונטער׳ן שטעדטיל. יידען געהען אהיים פון שוהל שליש=סעודות עסען. זעליג פוהרמאן לאזט זיך מיט זיין „ווייסען אדלער" שפאצירען צו׳ם ברונען, דער ווייסער טראגט אויף׳ן האלז דעם עמער און געהט זיך מיט פוילע טריט, מנוחה׳דיג, אזוי ווי ער וואלט געוואוסט, אז מען טאר אום שבת קיין „פסיעה גסה" נישט מאכען. אין דעם געסעל הויבען זיך שוין אן וויזען פארלעך, מעדלעך קוועטשען זיך איינע אין די צווייטע און געהען צוזאמענגעדריקט שפאצירען, באלד ציהט זיך דורך א שורה ווייבער און טועפע שייטלעך, בעלעגט מיט אלערליי מיני צירונג: קוויטעלעך, אויער=רינגלעך, און יעדע האלט ביי דער האנד משה׳לעך, שלמה׳לעך אנגעטהון אין היטעלעך און אין ארבע=כנפות׳לעך. די יונגעלעך האלטען זיך אן ביי דער מאמעס הענד, און די ווייבער מיט זייערע קינדערלעך אהן עין הרע, פערשטעלען דעם וועג, באלד לאזט זיך דורך א גרופע מאנספערשוי=

נען, אַלע גלײַך אָנגעטהון, נאָר טײל האָבען געלע בערדלעך, טײל שוואַרצע, טײל רויטע (די ערוואַקסענע קינדער געהען מיט די טאַטעס מיט), און דער עולם שמועסט הויך און דער גאַס פֿון פֿערשידענע שטאָדט־זאַכען.

אויף די בענק פֿאַר די הײַזער זיצען אַלטע ווײַבער און קוקען שטום, אויף דעם יונגוואַרג; בעטראַכטען דעם דור, וואָס זיי לאָזען נאָך זיך איבער. טײלמאָל מאַכט אײנע די צווײטע אַ בעמערקונג און רײמט איהר עפּעס אין אויער אײן, נאָר מערסטענטײל איז דער עולם שטיל און בעטראַכטען די שפּאַצירענדע.

(שלום אַש).

§ 36. ראָמאַן.

דער דאָזיגער נאָמען איז בײַ'ם יידישען פּובליקום זעהר בעקאַנט. צו'ם בעדויערן ווײסען נאָר גאַנץ ווענינגע פֿון אונז זײַן ריכטיגע בעדײַטונג. געוועהנליך האַלט דאָס יידישע פּובליקום פֿאַר „ראָמאַנען" אַלע ביכער, אין וועלכע עס ווערט נאָר געשילדערט אַ ליעבע צווישען אַ מאַנספּערזאָן און אַ פֿרויענצימער. אין דער אמת'ן אָבער ווערט אין דער אײראָפּעאישער ליטעראַטור בעצייכענט מיט דעם נאָמען „ראָמאַן" אַזאַ עפּישעס ווערק, וואָס אין איהם ווערט געשילדערט דאָס לעבען פֿון אײנעם אָדער עטליכע פּריוואַטע מענשען מיט זײער אײגענע, הײמישע דאַגות און אינערליכע געפֿיהלען, צרות און שמחות. פֿערשטעהט זיך, דאָס די ליעבע, וועלכע איז אײנע פֿון די טײַערסטע און עדעלסטע מענשליכע געפֿיהלען, וועלכע שפּילען גאַנץ אָפֿט די הויפּטראָלע אין דעם אינערליכען מענשליכען לעבען, קאָן נישט זײַן אויסגעשלאָסען אין אַ ווערק, וואָס זײַן הויפּטציעל איז דאָס דאָזיגע לעבען פֿאָרצושטעלען. אָבער די וויכטיגסטע אויפֿגאַבע פֿון אַ ראָמאַן איז פֿאָרצושטעלען אונז פֿאָרשטענדיג אַ בילד פֿון דעם לעבען און דענקען פֿון אַ גאַנצע קאַטעגאָריע מענשען אין אַ בעשטימטע עפּאָכע, וואָס דער העלד אין ראָמאַן איז זײער אַ טיפּ. ערפֿילט נישט דאָס ווערק דיעזע אויפֿגאַבע, האָט עס נישט דאָס רעכט צו טראָגען דעם נאָמען „ראָמאַן". כמעט אַלע ראָמאַנען שמֶר'ס און פֿיעל אַנדערע געהערען צו דער דאָזיגער לעצטער קאַטעגאָריע: פֿאַלש ווערען דאָרט פֿאָרגעשטעלט די טיפּען, מײסטענס זענען דאָס קאָפּיעס פֿון פֿראַנצויזישע מאַרקיזען און גראַפֿען, וועלכע ווערען אײַנגעפֿיהרט אין דער יידישער וועלט און האָבען מיט איהר נאָר דאָס געמײַנזאַם, דאָס זיי טראַגען יידישע נעמען. דעריבער געבען אונז נישט די דאָזיגע זאָגענאַנטע ראָ=

מאַנען קיין ריכטיג בילד פֿון דעם לעבען פֿון וועלכע עס איז מענשען, און האָבען נאָר געהאָלפֿען צו פֿערדאַרבען דעם געשמאַק פֿון די לעזער; דאַגעגען זענען די ראָמאַנען פֿון יעקב דינעזאָהן, עכטע ראָמאַנען: די טיפֿען, וואָס ווערען דאָרט געשילדערט, זענען ווירקליכע ידישע; זייער בעדייטונג איז נאָך גרעסער דערמיט, וואָס ווען דינעזאָהן האָט געשריבען זיין שוואַרצען יונגערמאַנטשיק" און „אבן-נגף", האָט ער נאָך נישט געהאַט פֿאַר זיך קיין גוטע מוסטערן פֿון דער אַרט ווערק אין דער ידישער ליטעראַטור.

גוטע ידישע ראָמאַניסטען זענען אויך מ. ספּעקטאָר (דער ידישער מוזשיק) און שלום עליכם (סטעמפּעניו). ווערט צו דערמאָנען איז אויך דאָס ווערק „חסידישע יונגעל" י. י. לינעצקי'ס, וועלכעס קאָן אָנגערופֿען ווערען „היסטאָרישער ראָמאַן", ווייל אין איהם ווערט געשילדערט דאָס לעבען פֿון די חסידים אין פּוילין מיט 50 יאָהר צוריק, ליידער איז די שפּראַך פֿון דעם דאָזיגען ראָמאַן נישט קיין מוסטערהאַפֿטע.

ראָמאַנען האָט מען אָנגעהויבען צושרייבען אין דעם מיטעלאַלטער ביי די ראָמאַנישע*) פֿעלקער. אין יענער צייט האָט שוין דאָס פּריוואַטע לעבען פֿון אַ פּערזענליכקייט מיט אַלע איהרע געפֿיהלען און שטרעבונגען געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע (נישט ווי אין אַלטערטום, ווען דער פּרט איז בטל געוואָרען פֿאַר'ן כלל). די איינציג געבילדעטע קלאַסע איז דאַמאָלס געוועזען דער אַדעל, די ריטער, וואָס די פֿרויענעהרע איז ביי זיי געשטאַנען גאַנץ הויך, און די ליבע האָט געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָלע אין לעבען. דעריבער איז דער עלעמענט אַזוי שטאַרק פֿערטרעטען זאָגאַר אין דעם גרעסטען טייל פֿון די שפּעטערדיגע ראָמאַנען. צו די בעסטע אייראָפּעאישע ראָמאַניסטען געהערען דיקענס – אין ענגלישען**); עמיל זאָלאַ – אין פֿראַנצויזישען; שפּילהאַגען – אין דייטשען; טורגעניעוו, גאָנטשאַראָוו, דאָסטאָיעווסקי, גראַף טאָלסטאָי – אין רוסישען; הענריק שענקעוויץ – אין פּוילישען. איינציגע פֿון עמיל זאָלאַ'ס און גראַף טאָלסטאָי'ס ווערק זענען איבערגעזעצט אין ידישען.

---

*) ראָמאַניש הייסען די פֿעלקער, וואָס זייער שפּראַך האָט זיך געבילדעט פֿון לאַטייניש שען (רעמישען, דאָס זענען: די איטאַליענער, פֿראַנצויזען, שפּאַנער, פּאָרטוגעזען און רומענער. (ז. פֿרעמדווערטערבוך פֿון א. ב. ראָזענשטיין).

**) איינס פֿון זיינע בעסטע ווערק „צוויי שטעדט" איז געדרוקט אין ידישער איבערזעצונג אין דער ראָמאַנצייטונג פֿון יאָהר 1907 און 1908.

§ 37. ערצעהלונג.

איינענטליך איז ערצעהלונג אַ קליינער ראָמאַן. זי אונטערשיידעט זיך פֿון דעם לעצטען אי מיט דעם, וואָס זי איז קלענער פֿון איהם, אי לויט די פֿאָרם, אי לויט דעם אינהאַלט. אין אַנ'ערצעהלונג ווערט נישט געשילדערט דאָס גאַנ־צע לעבען פֿון די העלדען, וועלכֿע קומען דאָרט פֿאָר, נאָר אַ בעשטימטער מאָ־מאָמענט פֿון דעם לעבען. פֿיעל מאָל קומט אויך דאָרט נישט פֿאָר קיין ליעבע. דער ציעל פֿון די ערצעהלונג איז צו שילדערן דאָס לעבען פֿון פֿערשיעדענע טיילען פֿון דער געזעלשאַפֿט און געבען אונז אַ ריכֿטיג בילד דערפֿון. די ער־צעהלונגען זענען יעצט די פֿערברייטעסטע ליטעראַרישע פֿאָרם. פֿון די יידישע ערצעהלונג־שרייבער זענען בעקאַנט: מענדעלי מו"ס, שלום עליכֿם, יעקב דינע־זאָהן, י. ל. פרץ, שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג, מ. ספעקטאָר, יהודה שטיינבערג, א. רייזען, דוד פינסקי און פֿיעל אַנדערע.

פֿון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור זענען בעקאַנט דעם יידישען לעזער: טשעכֿאָוו און גאָרקי — אין רוסישען און עליזאַ אָרזשעשקאַ און מאַריאַ קאָנאָפּ־ניצקאַ — אין פּויליִשען.

גאַנץ קורצע ערצעהלונגען ווערען אויך אָנגערופֿען נ אָ ו ע ל ע ן.

§ 38. לעגענדע.

די בעדייטונג פֿון דעם דאָזיגען לאַטייניִשען וואָרט איז כּמעט די זעלבע, וואָס אין העברעאישען „הגדה".

„לעגענדע" הייסט „דאָס וואָס איז צו'ם לעזען".

אין די קריסטליכֿע קירכֿען פֿלעגט זיין אַ מנהג די ערשטע צייט צו לעזען יעדען זונטאָג פֿערשיעדענע וואונדערבאַרע געשיכֿטען פֿון הייליגע א. ז. וו.. די געשיכֿטען האָבען זיך פֿערשפרייט צווישען פֿאָלק און דערנאָך זענען זיי בעאַר־בייט געוואָרען דורך פּאָעטען. די יידישע הגדות זענען פֿיעל עלטער פֿון די קריסטליכֿע לעגענדעס, פֿון דעסטוועגען האָבען די יידישע פּאָעטען אָנגעהויבען צורופֿען די ווערק, אין וועלכֿע עס זענען דורך זיי בעאַרבייט געוואָרען אַזעלכֿע הגדות, „לעגענדען". די לעגענדע האָט אַ וויכֿטיגע בעדייטונג דאַמיט, וואָס אין איהר שפּיגעלט זיך אָב דער נאַאיווער גלויבען פֿון דער פֿאָלקס־מאַסע אין פֿער־שיעדענע איבערנאַטירליכֿע געשעהעניִשען.

פֿון די פֿיעל יידישע פֿאָלקס=לעגענדען, וואָס זענען בעאַרבייט געוואָרען דורך יידישע פּאָעטען, ברענגען מיר דאָ די פֿאָלקס=לעגענדע „דעם שמש׳ס טאָכטער“ פֿון ש. פֿרוג.

דעם שמש׳ס טאָכטער,

(אַ פֿאָלקס-לעגענדע).

1.

שטיל און פֿינסטער איז געוועזען
אין דעם אַלטען ענגען שטיבעל,
וואו געלעגען און געשלאָפֿען
איז דער אַלטער גרויער שמש.

שטיל און רוהיג שלאָפֿט דער שמש
און אין שלאָף דערהערט ער עפּעס
שווערע טריט, ווי פֿון אַ קרומען,
וועלכער געהט אַרום אויף קוליעס.

און דערשראָקען און פֿערוואונדערט
האַפּט זיך אויף פֿון שלאָף דער שמש;
ער צינדט אָן דאָס אַלטע לעמפּיל —,
און וואָס זעהט ער? — גאָט די ליעבער!

ער דערזעהט פֿון וואַנד צו וואַנד
געהט אַרום אַליין זיין שטעקען...
אוי, דאָס איז אַ שלעכטער סימן —
אַז אַ גוסס איז אין שטעדטיל...

און דעם אויגענבליק דערהערט ער
שרייט זיין טאָכטער: — „גיכער, טאַטע,
וועק דעם עולם! אונזער רבי,
אונזער רבי איז פֿאַרביי!...

2.

נאָך ביינאַכט פֿון שטוב צו שטוב
געהט און קלאַפּט דער אַלטער שמש...

אָבער וואָס איז דאָס מיט דבורה׳ן
מיט דעם אַלטען שמש׳ס טאָכטער?

דבורה זיצט ביי׳ם טיש, און הייסע
טרעהרען קאַפּען פֿון די אויגען;
ביטער וויינט זי, וויינט און שעפּצעט:
אַך, דער רבי איז פֿאַרביי!...

„הייל איהם, העלף איהם, גאָט די ליעבער!“..
הייס און ערנסט, ווי אַ טאָכטער,
האָט פֿון קינדהייט ליעב דעם אַלטען,
קראַנקען רב די יונגע דבורה;

ווייל דער אַלטער מורה=צדק
האָט דאָס קינד אויך ליעב געהאַט,
ווי אַן אייגענע: פֿלעגט רופֿען
אַלע שבת זי אינאיינעם

מיט׳ן שמש ברכה מאַכען,
האָט זי אויסגעלערנט דאַווענען,
אויך געלערנט שרייבען, לעזען;
ליעבליך זאָגענדיג דערביי:

לערען, דבורקע, לערען, טאָכטער,
און די ווערסט איה״ש
ווערען גרויס, קלוג ביי יידען,
גלייך מיט דבורה הנביאה“...

און זי זיצט ביי׳ם טיש און הייסע
טרעהרען קאַפּען פֿון די אויגען;

ביטער וויינט זי וויינט און שעפּצעט:
„היילע אִיהם, העלף אִיהם, ליעבער גאָט"!...

3.

אין בית מדרש שטעהט דער עולם;
גרויס און קליין געקומען אַלע
תהלים זאָגען, וויינען, בעטען
צו דעם בורא... נאָר עס העלפט ניט.

שוין פון וואקס אַ ליכט אַ גרויסע,
אַקוראַט די מאָס פון קראַנקען,
אויסגעגאָסען, און תּכריכים
אָנגעטהון אין, ווי דער מנהג

איז ביי ידען פון פּאַרציייטען,
זי בעגראָבען אין אַ קבר
ווי אַ בר-מינן... עס העלפט ניט
אַלץ געפּרובט און אַלץ אומזיסט!...

אמת, איינס נאָר איז געבליבען,
איינס נאָר: יעדער פון דעם עולם
זאָל אַוועקשענקען אַ חלק
פון זיין לעבען פאַר דעם חולה —

מענער, ווייבער, קינדער, זקנים,
ווער אַ טאָג און ווער אַ חודש —
דאָס פערשרייבט מען אויף אַ צעטעל
און פערשליעסט אין ארון-קודש.

4.

אַז צו׳ם אַלטען שמש׳ס שטיבעל
איז מען מיט דעם כתב געקומען,
האָט זיין טאָכטער די גבאים
אָבגעשטעלט און שטיל און רוהיג

זיי געזאָגט „פערשרייבט, איך בעט אייך".
—וויפיעל, דבורה, שענקסטו? — „וויפיעל?
אַך, מיין גאַנצען, גאַנצען לעבען!...
יאָ, פערשרייבט — איך שענק אַוועק

אִיהם מיין גאַנצען לעבען!" — „דבורה—
האָבען זיי אָנגעהויבען
אָבצורעדען — נאַריש קינד,
ווי געשיקט זיך?"... אָבער אַלע

טענות האָבען ניט געהאָלפען,
ניט געהאָלפען האָבען דאָ
אויך דעם אַלטען טאַטענס בעטען,
זיינע רעד און זיינע טרעהרען,

און פערשריבען האָבען זיי
מיט איהר חתימה אין דעם צעטעל,
ווי זי האָט פון זיי געפאָדערט; —
„דבורה שענקט איהר גאַנצען
לעבען".

און בשעת דער שליח
האָט דעם כתב אין שול געבראַכט
און פערשלאָסען איהם אין אָרון,
אין דעם זעלבען אויגענבליק

איז דער חולה אויפגעשטאַנען
ווידער פריש, געזונד און יונג,
און די אומגליקליכע דבורה,
דאָס אונשולדיגס, ריינעם קינד,

אין דעם זעלבען טאָג געקומען
אין איהר רוה... דער אַלטער טאַטע
האָט זי ערנסט, היים בעוויינט
און געזאָגט דעם ערשטען קדיש;

אויף איהר הערליכע לויה
איז געווען דער גאַנצער עולם
און געוואונשט פון פולען הערצען
איהר אַ ליכטיגען גן-עדן...

5.

שטיל און רוהיג געהט די צייט
אין דעם קליינעם שטילען שטעדטיל.

מענשען לעבען, האָבען קינדער;
קינדער ווערען יונגע לייט,

וואַקסען, ווערען אַלט און שטאַרבען;
אויף דעם אַלטען בית הקברות
זענען דאָ פיעל נייע קברים.
וואָס־זשע מאַכט דער אַלטער רב?

דאַנקען גאָט, ער לעבט אין פרידען,
לערנט תורה, פסק'נט שאלות.
ער געדענקט דאָס ליעבע קינד,
ער געדענקט די טויטע דבורה,

ער פערגעסט ניט יעדען יאָהרצייט
קויפען ליכט און זאָגען קדיש.
און אַזוי געהט שטיל און רוהיג
טאָג נאָך טאָג און יאָהר נאָך יאָהר.

6.

טאָג נאָך טאָג און יאָהר נאָך יאָהר
געהען־פאָר. ער ווערט ניט עלטער,
אָבער טרויעריג ניט זעלטען
זעהט ער אויס; דערצעהלט ניט קיינעם,

וואָס ער פיהלט און וואָס ער טראַכט.
און עס ווייסט פון דעם ניט קיינער,
אַז ביינאַכט, בשעת ער
זיצט און לערנט, ווי געוועהנליך,

הערט זיך איהם אַ פרויען־שטימע;
זיסע ליעדער, ליעבע ליעדער
קלינגען, פליסען פון דער ווייטען,
און פאַר זיינע אַלטע אויגען

שטעהט אַ בילד... אַך ער דערקענט,
ער דערקענט דעם זיסען פנים,
פון זיין תלמיד'קע — פון דבורה'ן,
און ער בעט זי: — „זיי מיר מוחל!

„זיי מיר מוחל, ליעבע טאָכטער,
וואָס דורך מיר ביזט דו געגאַנגען
פון דער וועלט... ווען דו וואָלסט לעבען,
וואָלסטו איצט געווען אַ כלה“...

7.

טאָג נאָך טאָג און יאָהר נאָך יאָהר
געהען פאַרביי און איינמאָל הערט ער
אַ געשריי פון אַ יולדת...
און ער וויינט, בענטשט מיט טרעהרען,

די גמרא... „— זיי מיר מוחל! —
בעט דער זקן — ליעבע דבורה,
אַז דו וואָלסט געבליבען לעבען,
וואָלסטו איצט געווען אַ מוטער“...

און אַזוי אויך יעדע נאַכט
הערט זיך איהם איהר יונגע שטימע —
זיסע, ליעבע וויעגען־ליעדער
זינגט ביינאַכט די טויטע מוטער...

8.

דרייצעהן יאָהר געהט־פאָר... ער הערט
ווי איהר זוהן, שוין אַ בר־מצוה,
זאָגט אַ גרויסע, שענע דרשה...
— „ער וואָלט זיין אַ גרויסער למדן!“ —

טראַכט דער רב — און וויפיעל פרייד
וואָלט געהאַט פון איהם די מאַמע“!...
ווייטער הערט ער — כלי זמר שפיעלען!
פיעדלען און קלאַרנעטען

קלינגען, זינגען פון דער ווייטען...
— „זי מאַכט חתונה אַ טאָכטער —
טראַכט דער אַלטער — צו דער חופה
פיהרט זי איצט די טויטע מאַמע!“...

9.

און פֿון דאַמאָלס אָן – טאָג טעגליך
הערט און פֿיהלט און זעהט דער זקן
יעדען צושטאַנד פֿון איהר לעבען,
און ער װײנט מיט הײסע טרעהרען,

און ער בעט דעם בורא עולם:
—„גיב מיר גאָט, איך זאָל דערהערען
איהר געװײן, איהר ביטער זיפֿצען,
איהרע טרעהרען זאָל איך זעהן –

חאָטש די אײנציגע נחמה
זאָל איך האָבען, אַז אין לעבען
האָלט זי אױך געגאָסען צרות,
װאָלט זי אומגליק אױך געפֿיהלט,

און עס װאָלט ביי איהר געװעזען
חאָטש איין אײנציגע מינוט,
װען זי װאָלט די װעלט פֿערשאָלטען
און געװאונשען זיך דעם טױדט״!...

10.

נאָר אומזיסט איז זײן בקשה:
זיסע לידער, ליעבע לידער
הערט ער זינגען און דער פֿינסטער,–
גליקליך װאָלט געװען איהר לעבען–

יענעם שטילעם פֿרױען־לעבען,
װעלכעם גלענצט גיט װי די זון,
נאָר עס שײנט אָהן װינד און װאָלקען,
װי דער העלער מאָרגען־שטערן...

און עס גיעסען זיך און גיעסען
זײנע טרעהרען טאָג און יאָהרען.
—„ליעבער גאָט איז ער מתפלל –
טהו מיט מיר דײן גרױס גענאַד,

אַך בעכּרײ, בעפֿרײ מײן אַלטע,
מײן פֿעריאָמערטע נשמה, –
שטאַרבען, שטאַרבען העלף מיר גיכער,
ליעבער פֿאָטער, גרױסער גאָט!״...

11.

טאָג נאָך טאָג און יאָהר נאָך יאָהר
געהען פֿאָר. דאָס קלײנע שטעדטיל
איז שוין לאַנג אַ שטאָדט געװאָרען,
אַ בעקאַנטע, רײכע שטאָדט.

הונדערט מענשען, צענדליג זקנים,
װעלכע ער געדענקט אַלס קינדער,
ליגען שוין אױף דעם בית עלמין,
ער נאָר אײנער לעבט און לעבט.

נײע צײטען, נײע מענשען,
נײע לעבען און מנהגים, –
פֿרעמד און איבריג, װילד און עלענד
איז דער זקן צװישען זײ.

דונקעל זענען זײנע אױגען,
אױסגעדאַרט דער גאַנצער קערפּער,
און ער קלאָגט צו׳ם בורא עולם;
װײנט און בעט אױף זיך דעם טױדט..

12.

אײן געדאַנק און אײן געפֿיהל
איז דעם זקן נאָר געבליבען:
שטאַרבען! שטאַרבען!... און צולעצט
האָט זיך גאָט אױף איהם דערבאַרעמט:

פֿינסטער איז געװען די נאַכט,
שרעקליך האָט גערױשט דער שטורם,
װי אַ קינד געקלאָגט געיאָמערט,
האָט די קאַלטע שװאַרצע נאַכט.

אָבגעװעהנט שוין לאַנג פֿון אַלע
לעבענס־פֿרײדען, לעבענס־שמערצען–
זיצט דער זקן אין בית מדרש...
מיט אַ מאָל דערהערט זיך איהם:

א געוויין, א קלאג פון קינדער...
פושקעס קלאפען און די נאסען
און מען זאגט אל מלא רחמים...
—„דאס וואלט זי געשטארבען איצט!"—

האט מיט פרייד געזאגט דער זקן —
—„אוים, א סוף צו מיינע שמערצען!...

נעהם מיך מיט, מיין ליעבע דבורה,
אויף דער רוהע, וואהרע וועלט!"...

* * *

שטיל און רוהיג האט העפרייט זיך
פון דעם קערפער זיין נשמה...
און אויף מארגען האט דער עולם
היים און ערענסט איהם בעוויינט.

(ש. פרוג).

§ 39. באלאדע.

חאטש די באלאדע איז שוין ארייננעגאנגען אין דער יידישער ליטעראטור און מע האט זיך געפלייסט זי צו צופאסען צו די יידישע פערהעלטניסע, איז זי דאך געבליבען פרעמד דעם יידישען גייסט און לעבט אין דער יידישער ליטעראטור, ווי א פרעמד קערפער. די באלאדען שטאמען פון מיטעלאלטער. די מערב איי- ראפעאישע פאעטען האבען בעארבייט די פאנטאסטישע שרעקהאפטע פאלקס- ערצעהלונגען, וועלכע שטאמען נאך פון דער צייט פון געטצענדינערייי, אריינ- פלעכטענדיג אין זיי ראמאנטישע ערצעהלונגען וועגען ליעבעס פון ריטערס צו זייערע הערצענס-דאמען א. ז. וו. געוועהנליך קומט אין א באלאדע פאר די גע- שיכטע אין א וואלד אדער אויף א בית-עולם, ביינאכט; א חוץ איינעם, צוויי מענשליכע הויפט-העלדען ווירקען אין א באלאדע שדים, רוחות און טויטע, ענ- דיגען ענדיגט זיך די באלאדע געוועהנליך גאנץ שרעקליך, מיט דעם אויסטער- לישען אומנאטירליכען און פלוצליכען טוידט פון די העלדען. די בעסטע באלא- דען אין יידישען זענען פון י. ל. פרץ. איבערהויפט איז אויסגעצייכענט זיין באלאדע „מאניש", חאטש די ערצעהלונג דארט שטימט נישט אין גאנצען מיט'ן יידישען גייסט. נאך וועניגער יידיש, אלזא גאנץ פרעמד אין דער יידישער ליטע- ראטור איז די דאזיגע באלאדע, וועלכע איז אייגענטליך געשריבען אין א שענער פאעטישער פארם.

אין קבר.

(באלאדע).

אמאל איז געוועזען א מעדעל,
האט זי א יונגעל געליעבט;
עס ליעבט אויך דאס יונגעל דאס מעדעל;
זענען זיי ביידע בעטריבט.

דאָס יינגעל איז אָרים, אוי אָרים!
דער פאָטער דעם מעדעלס — אַ גביר,
ווייזט ער, דער פאָטער, דער רייכער
דעם אָרימען יינגעל די טהיר.

דעם פאָטער מוז פאָלגען דאָס מעדעל;
מען פיהרט צו דער חופה זי פיין!
עס געהט ווי אַ ליכט אויס דאָס יינגעל,
און שטאַרבט אין זיין קעלער אַליין!

דערהערט זי, אַז ער איז געשטאָרבען,
און שלייכט זיך אַרויס פון דער שטוב;
קומט זי צו׳ם קבר צו׳ם ליעבען,
עפענט זיך פאַר איהר דער גרוב.

עס עפענט פון גרוב זיך אַ טהירעל,
עס האָט זי אַריין ווי געצויגען;
נעהמט זי אַראָב די שאַרבוינים,
קישט די פערשלאָסענע אויגען...

דער טוידטער דער עפענט די אויגען,
און נעמט זי אַרום מיט אַ האַנד;
צוריק האָט דער גרוב זיך פערשלאָסען...
זיי ליגען שוין ביידע בייאַנאַנד!
(י. ל. פרץ).

§ 40. פאַבעל.

פאַבעל אָדער משל הייסט אַנ׳אַלעגאָרישע ערצעהלונג, וואָס שטעלט פאָר די שוואַכע זייטען פון מענשען דורך אַלעגאָרישע בילדער פונ׳ם לעבען פון חיות, עופות און בהמות, אָדער פון ניט לעבענדיגע בעשעפעניששען. (1־טער טייל § 29).

דער ערשטער פאַבעל־שרייבער איז געווען דער גרעק עזאָפּ (אין 6־טען יאָהר־הונדערט פאַר קריסטוס), נאָך איהם דער רעמישער פעדרוס (אין 1־טען יאָהר־הונדערט פאַר קריסטוס). פון די נייע פאַבעל־שרייבער זענען די בעסטע לאַפאָנטען אין פראַנצויזישען און קרילאָוו אין רוסישען. אויך אין דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, איבערהויפט אין תלמוד און אין מדרש זענען דאָ אַ סך פאַבעלען, אָבער נישט פאָעטיש בעאַרבייט, וועלכע הייסען דאָרט „משלי שועלים״,

דער פוקס שפּיעלט אין דער פאַבעל־ליטעראַטור פון אַלע שפּראַכען אַ גרויסע ראָלע. ער פערקערפּערט אין זיך דעם שווינדעל און סוחרישען ספּריט; דער לייב — גבורה און הערשאַפט; דער עזעל — נאַרישקייט, תמימות און אויס־האַלטינגקייט, א. ז. וו.

אָריגינעלע פאַבעלען איז אין דער יידישער ליטעראַטור זעהר ווענינ. קרי־לאָוו׳ס פאַבעלען זענען איבערזעצט געוואָרען דורך ה׳ רייכערסאָן, אָבער זעהר אין אַ שלעכטער שפּראַך. די לעצטע צייט איז אַרויס פון דרוק אין יידישען אַ זאַמלונג פון קרילאָווס פאַבעלען, איבערזעצט פון מ. ריוועסמאַן אונטער דעם טיטול: „דעם זיידענס משלים”, דעם איבערזעצער האָט זיך פערגלוסט דוקא צו פער־יידישען (?) די משלים, און דערצו איז ער שטאַרק מאריך, פון וואָס די משלים ליידען זעהר שטאַרק.

מיר ברענגען דאָ איינינע ביישפּיעלען פון ריוועסמאַנס איבערזעצונג.

דער פוקס און דער וואָלף.

אַ פוקס האָט זיך מיט הינדלאַך אָנגעגעסען
און אַגב־אורחא ניט פערגעסען
זיך עהרליך צו פערזאָרגען
מיט פעטע הינדעלאַך אויף מאָרגען ...
אַ זאַטער לעגט זיך אונזער פוקס אין היי
און חאַפּט אונטער דעם בלאָען הימעל
גאָר אַ געשמאַקען דרימעל
אויף אַ שעה צווי ...
ער חאַפּט זיך אויף און זעהט, עס געהט אַ גאַסט —
אַ וואָלף, וואָס האָט משמעות, לאַנג געפאַסט ...
—שלעכט, ברודעריל, איך שווער דיר בנאמנות,
אַז כ׳האַלט שוין לאַנג אַ שווערען תענית ...
די בייזע הינד, עס זאָל אַ קרענק זיי לעגען,
זיי היטען מיך מיט טויזענד אויגען;
דער קאַרגער פּאַסטוך היט
מיין יעדען טריט ...
זיי ווילען אַלע זעהן אויף מיר נקמה,
האָטש נעהם און שפּיי אויס די נשמה,
— וואָס טהוט מען? — זיפצט מיט רחמנות
דער זאַטער פוקס, —ביי מיר איז אויך אַ תענית ...

מסתמאָ איז פון בורא
אויף אונז אַ גזרה...
מײַן הארץ, שוואַר איך דיר, טהוט מיר וועה
פאר דיר, מײַן פרײַנד... נאַ, נעהם אַביסעל היי!...
ס'איז אויך אַפילו אַ גנבה
נאָר כ'וויל דיר טהון אַ טובה".
ר' וועלוולען גלוסט זיך נעביך פלײשינגס עסען,
נאָר אָן די הונגער האָט זײַן פרײַנד פערגעסען.
דער פוקס האָט נאָר געלענט אויף איהם רחמנות
און ער איז פאָרט געבליבען בײַ דעם תענית.

דער קוואַרטעט *).

אַ שטיפערקע אַ מאַלפּע,
ס'ווייזט אויס נאָך ניט קיין אַלטע,
אַ חמור, אַ פערשײַטען בוק, אַ באָק
און אַ געזונטען בער האָט אין אַ שעהנעם טאָג
פערגלוסט זיך געבען אַ קאָנצערט...
זיי האָבען אויסגעזוכט פון אונטער דר'ערד
כלי-זמר, נאָטען,
ווי נאָט האָט געבאָטען,
אַ באַס, אַנ'אַלט, דערצו צוויי פידלעך
און טאַקי באַלד גענומען שפּילען ליעדלעך...
זיי זענען מרעיש עולם,
זיי אַרבײַטען אויף אַלע כלים,
נאָר ס'איז איין צרה:
ס'טויג דער קאָנצערט אויף אַ כפּרה...
„האַלט, חברה, האַלט!
שרייט אונזער מאַלפּע מיט אַ גוואַלד —
איך הער, אַז אונזער שפּיעלען, ברודער
נעהט קידער-ווידער. —
שטעהט! איך געפין,
אַז אונזער זיצען איז ניט על-פי-דין —

*) קוואַרטעט — אַ מוזיקאַלישׁ ווערק פאַר 4 פערשידענע שטימען אָדער אינסטרומענטען.

ר׳ בערל! הויבט זיך אויף, זענט מוחל,
ווייל על=פי=שכל,
אין קלאָר, פונקט ווי דער טאָג,
אַז איהר דאַרפט זעצען זיך אַנטקעגען באָק.—
אויך איך וועל אָהן אַנ׳איבעריגען וואָרט
מיט מזל בייטען גלייך מיין אָרט...
און דענסטמאָל, מיר שוין אַזאַ יאָהר,
וואָס ס׳וועט ביי אונז זיין פאַר אַ האָר...
עס וועלען אַלע קוועלען
און נאָז און אויערען אָנשטעלען״.—
מען זעצט זיך איבער און מען פויקט מיט כח,
נאָר ס׳האָט אַלץ ניט קיין טעם און קיין ריח.—
וואַרט, חברה! גיט צו זיי
דער חמור אַ געשריי!—
גיי, דאַנקען גאָט,
איך ווייס שוין איצט דעם גאַנצען סוד.—
ס׳וועט געהן אונזער קאָנצערט בשורה,—
אויב מיר וועלען זיך זעצען אין איין שורה.—
אַ סוף, אַנ׳עק...
מען זעצט זיך מיט דרך=ארץ אַוועק.
נאָר ס׳האָט דאָס שפּיעלען אַלץ ניט קיין ממשות—
מ׳פאַלט פּשוט צו חלשות...
מען הויבט זיך ווידער אָן צו קליגען,
מבּה ערטער זיך צו קריגען:
מען זעצט זיך באַלד אַהין און באַלד אַהער,
נאָר דער קאָנצערט געהט אַלץ צו שווער.—
און מיט אַ מאָל דערזעהען זיי
אַ סאָלאָוויי...
„זעה, גוטער ברודער, זאָג,
וואָס איז מיט אונז דאָ פאַר אַ קלאָג?—
כּלי=זמר האָבען מיר און נאָטען,
נאָר מעשה שטן...
איז דער קאָנצערט פאָרט ניט געראָטען.—
מיר סטאַרען זיך, מיר שוויצען.
גיב, ברודער אונז אַנ׳עצה,
ווי זאָלען מיר דאָ זיצען״?

דער סאָלאָווי
קוועטשט מיט דער פּליוצע
און מאַכט אַזוי:
„צו זיין אַ מוזיקאַנט
בעדאַרף מען קודם־כל, רבותי, האָבען
אַן׳אמת׳ן טאַלאַנט
און אַן׳אויער ניט קיין גראָבען...
איהר אָבער, זעצט זיך וואו איהר ווילט,
פון היינט ביז מאָרגען שפּיעלט,
זאָג איך אייך שוין פאָראויס
אַז ס׳וועט קיין רעכטס פון אייער שפּילען ניט אַרויס...
(מ. ריוועסמאַן).

§ 42. לירישע פּאָעזיע.

ליריק איז די פּאָעזיע פון הארצען, די פּאָעזיע, אין וועלכער עס דריקען זיך אויס די אינערליכע געפיהלען פון פּאָעט, זיינע פריידען און ליידען, זיין וועלט־אַנשויאונג און זיין פערהעלטניס צו דער זאַך, וועלכע ער בעזינגט. אין געגענזאַץ צו דער עפּישער פּאָעזיע, וועלכע בעשרייבט און שילדערט די אויסערליכע וועלט, וועלכע איז אַלזאָ אָביעקטיוו, איז די ליריק סובּיעקטיוו, ד. ה. זי דריקט אויס דאָס אינדיווידועלע פערהעלטניס פון פּאָעט צו דער אויסענוועלט.

דער נאָמען ליריק שטאַמט דערפון, וואָס די אַרט פּאָעזיע, וועגען וועלכע מיר רעדען דאָ, פלעגט ביי די גריכען געזונגען ווערען מיט בעגלייטונג פון אַ כּלי־זמר, וואָס האָט געהייסען „לירא", אָבער אין דער אמת׳ן האָט זיך די ליריק, אין געגענזאַץ צו׳ם עפּאָס און דראַמאַ זיך פריהער ענטוויקעלט ביי די יידען אין דער העברעאישער ליטעראַטור.

ווי די עפּישע פּאָעזיע, טיילט זיך אויך די לירישע אויף פאָלקס ליריק און קונסטלערישע ליריק.

§ 43 פאָלקס־ליריק.

די פאָלקס ליריק ערשיינט ביי יעדעס פאָלק פיעל שפּעטער, ווי דער פאָלקס עפּאָס, און יעדענפאַלס פיעל פריהער ווי די קונסטלערישע פּאָעזיע אין אַלגעמיין. זעלבסטפערשטענדליך בילדען אויך דאָ די יידען אַן׳אויסנאַהם. די שריפטליכע יידישע ליטעראַטור אין העברעאישען איז שוין געוועזען שטאַרק ענטוויקעלט

בְּמעט אִין אַלעֶ אִיהרעֶ פָאָרמעֶן דאַמאָלס, ווען בַּיי דִי נִידרִיגעֶרעֶ שִׁיכְטעֶן פוּן פָאלק האָט זִיךְ אָנגעֶהויבּעֶן צוּ עֶנטווִיקלעֶן אַ פָאלקס=פָּאֶעזִיעֶ און הויפּטזעֶכלִיךְ דִי לִירִיק, אִין ווֶעלכֶער עֶס דרִיקעֶן זִיךְ אוֹיס דִי פָאלקס=געֶפִיהלעֶן און זַיין ווֶעלט=אַנשויאונג. צוּ דעֶר דאָזִיגעֶר פָּאֶעזִיעֶ געֶהעֶרעֶן לִידעֶר פוּן פעֶרשִׁידעֶנעֶ קאַטעֶ=גאָרִיעֶן, ווֶעלכֶע פלעֶגעֶן געֶזוּנגעֶן ווערעֶן בַּיי פעֶרשִׁיד...עֶ געֶלעֶגעֶנהַייטעֶן. אִין אַלגעֶמַיין קאָן מעֶן דִי לִירִישׁעֶ פָּאֶעזִיעֶ אַיינטַיילעֶן אִין: 1) יוּדִישׁקַייטס=לִידעֶר; 2) לִיעבּעֶ לִידעֶר; 3) זעֶלנעֶר לִידעֶר; 4) פאַמִילִיעֶן=לִידעֶר.

§ 44 יִידִישׁקַייטס=לִידעֶר.

צוּ דעֶר דאָזִיגעֶר קאַטעֶגאָרִיעֶ געֶהעֶרעֶן דִי אַלעֶ לִידעֶר, אִין ווֶעלכֶע עֶס ווערעֶן בּעֶזוּנגעֶן פעֶרשִׁידעֶנעֶ רעֶלִיגִיעֶזעֶ אַנגעֶלעֶגעֶנהַייטעֶן און דִי יִידִישׁעֶ יום=טוֹבִים. אָט אִיז אַ לִידעֶל אִיבּעֶר שבת:

בָּרוּךְ אלהינו, אוּנזעֶר גוּטעֶר פרַיינד!
שבת קדש אִיז דאָךְ בַּיי אוּנז היינט —
שבת האָט דאָךְ אַ פְּנִים פוּן יעֶנעֶר ווֶעלט,
שבת טאָר מעֶן נִיט האַלטעֶן פַייעֶר און געֶלד.

שבת אִין הִימעֶל אִיז פַייעֶר פִיעל,
האָבּעֶן דִי מלאָכִים זֵייעֶר שפִּיעל —
טאַנצעֶן און שפּרִינגעֶן און לוֹיבּעֶן גאָט,
וואָס עֶר האָט בּעֶשאַפעֶן אוּנזעֶר געֶבּאָט.

און דאָ אִיז אַ צווַייטעֶס לִיעד, אִין ווֶעלכֶען עֶס ווערט אויסגעֶדרִיקט אִין אַ נאַאִיווֶער פָאָרם דִי ווֶעלט אַנשויאונג פוּן פָאלק אויף דִי געֶטצעֶן:

אֵי, זאָגט עֶר, „פֶּה לָהֶם וְלֹא יְדַבֵּרוּ" —
אַ מויל האָבּעֶן זֵיי און קאָנעֶן נִיט רעֶדעֶן,
אַז אָךְ און וועֶה אִיז צוּ זֵיי,
טוידטעֶ געֶטעֶר האָבּעֶן זֵיי,
זֵיי האָבּעֶן מַיילעֶר און רעֶדעֶן נִיט!
אָבּעֶר, זאָגט עֶר, מִיר — „וֵאלֹהֵינוּ בַּשָּׁמַיִם".
אוּנזעֶר גאָט אִין הִימעֶל,
אֵי, „כֹּל אֲשֶׁר חָפֵץ עָשָׂה",—
אֵי, וואָס עֶר ווִיל טהוּט עֶר,
אֵי, ווֶעמעֶן עֶר ווִיל גִיט עֶר!

„עינים להם ולא יראו“ -
אויגען האָבען זיי און קאָנען ניט זעהן.
אַז אָך און וועה איז צו זיי,
בלינדע געטער האָבען זיי.
זיי האָבען אויגען אין זעהען ניט,
זיי האָבען אַ מויל און רעדען ניט!
אָבער, זאָגט ער, מיר א. ז. וו.

צו דער קאַטעגאָריע ליעדער דאַרף מען אויך צורעכענען די „חסידישע“, וואָס ווערען אָנגערופֿען נגונים און פֿלעגען גאַנץ אָפֿט געזונגען ווערען אין די חסידישע שטיבלעך ביי שלש־סעודות, מלוה־מלכה און אַנדערע געלעגענהייטען און אויך ביי׳ם רבי׳ס טיש.

§ 45. ליעבע ליעדער.

אין די דאָזיגע ליעדער ווערען מייסטענס געשילדערט די ליעבעס־געפֿיהלען פֿון יונגע פּאָרען און זייערע שמערצען דערפֿון, וואָס צוליעב פֿערשיעדענע סבות — און דער עיקר איבער דעם וואָס די עלטערן זייערע ווילען נישט מסכים זיין אויף אַ שידוך צווישען זיי — קאָן זייער ליעבע און ליידענשאַפֿט נישט בעפֿרידיגט ווערען. אַלע יידישע ליעבע־ליעדער טראָגען אַ טרויעריגען, זאַנפֿטען, שטילען כאַראַקטער. עס הערט זיך אין זיי דאָס בענקעניש צו דער געליעבטער פּערזאָן, די שטאַרקע הערצענס־ליידען, אָבער זעלטען דריקט זיך אין זיי אויס די גראָבע תאוה און ווילדע ליידענשאַפֿט, ווי אין פֿיעלע פֿאָלקס ליעדער פֿון אַנדערע פֿעלקער. דאָ איז איינס פֿון אַ זעלכע ליעדער:

איך זיץ און ברעך די הענד,
איך ברעך די הענד, אָי וועה!
אַ גאַנצען טאָג ווי נאַכט,
זיץ איך ביי דער אַרבייט און וויין.

וואָס טויג מיר מיין לעבען,
וואָס קאָן מיר העלפֿען מיינע טרעהרען, —
צו דען קאָן איך מיינען,
אַז מיר וועט בעסער ווערען?

דען מיין האָפֿנונג האָב איך ניט אָנגעוואָרען,
זי קאָנסט נאָך אַ מאָל זיין מיינע, —

מיינע עלטערען האב איך אבגעשוואוירען,
אז קיין אנדער ליעבע קאן ניט זיין!

מיין האפנונג האב איך שוין לאנג אנגעווארען,
איך קאן שוין ניט זיין דיינע:
דיינע עלטערן האבען אבגעשווארען,
ניז א שנור זאל איך זייערע נישט זיין!

היינט וואס טויג מיר מיין לעבען,
וואס קאן מיר העלפען טרעהרען, —
צי דען קאן איך מיינען,
אז מיר וועט בעסער ווערען?

§ 46. זעלנער-ליעדער.

פאר די מיליטער-רעפארם אין רוסלאנד, ווען מען פלעגט צונעהמען דיענען אויף 25 יאהר און מעהר, פלעגט די מיליטער דינסט זיין פערגלעכבענט פאר דאס גרעסטע אומגליק פאר א יוד; „ביי די זעלנער" איז ער געוועזען אין א גאנץ פרעמדער ספערע, וואס ער האט נישט פערשטאנען איהר שפראך, איהרע מנהגים א. ז. וו., וויט פון עלטערן, בעקאנטע און פריינד, מיט וועלכע ער האט זיך גאנץ אפט געמוזט אויף עביג צושיידען. די ביטערע געפיהלען, וואס דריקען דעם יידישען סאלדאט, זיינע עלטערן, זיין פרוי אדער כלה און זיינע פריינד, ווערען אויסגעדריקט אין א גאנצע מאסע ליעדער, וועלכע זענען זעהר פערשפרייט צווישען פאלק אונטער'ן נאמען „זעלנער-ליעדער" איין זעלנער-ליעד ברענגען מיר דא!

אי וועה, מוטער, עס איז מיר ביטער
צו שטעהן אין פרואס אויפ'ן בלאט!
פאר א יאהרען ווער וואלט זיך ריכטען,
אז איך זאל זיין א סאלדאט.

ניין חדשים האט מיך מיין מוטער געטראגען,
ביז וואנען זי האט מיר געווינען;
און היינט, אז זי האט שוין דעם נחת דערלעבט,
מוז איך פאר א סאלדאט דינען!

דאָרט שטעהט אַ פֿאָטער און גיסט מיט טרעהרן,
די מוטער חלש'ט אַצונד;
דאָרט שטעהען צוויי שוועסטער! „אָי, אונזער ברודער!
ענטפֿער אונז זיי געזונד!"

דאָרט שטעהט אַ ווייבעל און גיסט מיט טרעהרען
און רייסט אויף זיך די האָר:
צוויי חדשים נאָך מיין חתונה,
ווערט מיין מאַן ערשט צוואַנציג יאָהר!"

דאָרט שטעהט נאָך אַ ווייבעל און גיסט אויך מיט טרעהרען,
און שרייט! „אָי וועה, אָי וועה!
ווער וועט יעצט מיך דערנערען
מיט מיינע קינדערלאַך די צוויי?

אַוועקגעפֿאָהרען, אַוועקגעפֿאָהרען,
געבליבען בין איך אַליין!
ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדען,
עלענד ווי פֿון אַ שטיין!

מיינע שבתים און מיינע יום-טובים
טהו איך אין דער פֿרעמד פֿערשטערען;
אַז איך דערמאַן זיך אויף מיין הויז געזינד,
טהו איך גיסען טייבען טרעהרען.

§ 47. פֿאַמיליען-ליעדער.

דאָס איז די גרעסטע און וויכטיגסטע קאַטעגאָריע פֿון פֿאָלקס-ליעדער. אין זיי דריקען זיך אויס אַלע אינטימע געפֿיהלען פֿון דער יידישער פֿרוי און מוטער, די פֿערהעלטניסע, אין וועלכע עס לעבט די יידישע פֿאַמיליע. די בעציהונגען צווישען עלטערן און קינדער, צווישען שוויגער און שנור א. ז. וו. — אין דעם ליעד, למשל, שילדערט איהר לאַגע אַ פֿרוי, וואָס האָט געקריגען אַ מאַן אַ קלויזניק:

כל זמן איך בין אַ מעדעל,
בין איך שען און עדעל;
און ווי איך ווער אַ ווייבעל,
ווער איך ווי אַ אָרעמע טייבעל.

דער מאַן געהט זיך אין בית=המדרש
און לערנט זיך די סדרות;
און דאַוונען זינגט ער אונטער,
און „קדוש“ שפּרינגט ער אונטער,
האָלץ דאַרף איך אַליין האַקען,
און ברויט איז ניטאָ פֿון וואַנען צו באַקען.

דעם חשבון פֿון די קינדער —
איז יעטוועדערען באַזונדער:
איינעם שלאָפֿען לעגען,
דעם אַנדערען צומאַכען די אויגען,
דעם דריטען אויף דרויסען פֿיהרען,
דעם פֿירטען די קאָפּ אויסשמירען.
און דאָס איז נאָך ניט גאַר, —
אַ ברית אַלע יאָהר!

און אַן׳אַנדער ליעד שילדערט אַ יונגע פֿרוי, ווי זי פֿיהלט זיך עלענד אין דער פֿרעמד, ביי שווער און שוויגער אויף קעסט:

ווי עס איז ביטער, מיין ליעבע מוטער,
אַ פֿייגעלע אָהן אַ נעסט, —
אַזוי איז ביטער, מיין ליעבע מוטער,
ביי אַ שווער און שוויגער אויף קעסט!

ווי עס איז ביטער, מיין ליעבע מוטער,
אַ וואַסער אָהן אַ פֿיש, —
אַזוי איז ביטער, מיין ליעבע מוטער,
אַז מ׳זיצט ביי אַ פֿרעמדען טיש!

ווי עס איז ביטער, מיין ליעבע מוטער,
אַ פֿיש אָהן אַ פּאַן, —
אַזוי איז ביטער, מיין ליעבע מוטער,
אַז מ׳קריעגט אַ שלעכטען מאַן!

ווי עס איז ביטער, מיין ליעבע מוטער,
אַ פֿייגעלע אָהן אַ זאַמד, —
אַזוי איז ביטער, מיין ליעבע מוטער,
אַז מ׳ווערט פֿערוואָגעלט אין אַ פֿרעמד לאַנד!

נאָך א ליעד ברענגען מיר, און וועלכען עס ווערט פֿאַרגעשטעלט די לאַגע פֿון א מיטעלער יודישער פֿאַמיליע, וועלכע ציהט איהר גאַנצע פרנסה פֿון קלייט:

המבדיל בין קודש לחול —
וואָס טהוט מען, עס געהט גאָר ניט וואויל,
זרענו — פֿאַרהאַן, וכספנו — אַ ני,
דאָס שטיקעל ברויט קומט אָן מיט מיה!

יום פנה, דער שבת אוועק!
אזוי ווי אַ שאָטען פֿון בוים;
פֿון אַלע שפייזען ניט געבליבען קיין זוים,

און באַלד, אַי, וועה און אָך
מאָרגען קומט די גליקליכע וואָך.
מאָרגען דאַרף מען געהן און קלייט —
ביטער ביטער ווי דער טוידט
זיצ'ן אויפֿ'ן גאַניק ווי אַ צוגעבונדענער הונד
און שרייען: „טאַם מאַלי פֿונט!"

צו די פֿאַמיליען-ליעדער געהערען איך די ליעדער, וועלכע די יודישע מוטער זינגט ביי'ם איינשלעפֿען איהר קינד אָדער עס צופֿערשפּיעלען, כדי עס זאָל נישט וויינען. און די דאָזיגע ליעדער דריקט זיך אָפּט אוים דער וואונש, וועלכען די יודישע מוטער האָט פֿאַר איהר קינד, און דאָס איז די תּורה, ער זאָל קענען „גוט לערנען, פּסק'ענען שאלות און דרש'ענען", פֿון די פֿיעלע דאָזיגע ליעדער ברענגען מיר דאָ איינס:

נם שמחה עטרת בעלה,
לאָמיר שפּילען אַ קליינע ווײַלע.
אַ קליינע ווײַלע וועלען מיר שפּילען,
אַ גאַנצען רעדעל וועלען מיר פֿיהרען.

באַטשע-באַטשע, קיגדעלעך,
וועלען מיר קויפֿען שיכעלעך;
שיכעלעך וועלען מיר קויפֿען,
און חדר וועלען מיר לויפֿען.

תּוֹרה ווֶעלֶען מִיר לֶערנֶען מִיט גוּטֶע מעלות,
צוּ דער חתונה ווֶעלֶען מִיר פּסק׳ענען שאלות;
שאלות ווֶעלֶען מִיר פּסק׳ענען,
אַ דרשה ווֶעלֶען מִיר דרש׳ענען.

דִי דרשה ווֶעט געֶפֶעלֶען דִי גאַנצֶע ווֶעלט,
בּפרט אַז דאָס קִינד קאָסט אַזוֹי פִיעל געֶלד;
אַזוֹי פִיעל געֶלד אִיז מזל מִיט ברכה:
דאָס קִינד קוּמט אַרוֹיס פוּן אַ שעֶנער משפּחה.

§ 48. פעֶרשִיעדעֶנעֶ פאָלקס=לִיעדעֶר.

אוֹיסעֶר דִי דעֶרמאָנטעֶ קאַטעֶגאָריעֶס לִיעדעֶר זעֶנעֶן נאָך דאָ פִיעל אַנדעֶרעֶ, וואָס זֵייעֶר אִינהאַלט אִיז גאַנץ פעֶרשִיעדעֶן און מעֶ קאָן זֵי נִישט אֵיינרעֶכנעֶן אִין ווֶעלכֶע עֶס אִיז קאַטעֶגאָריעֶ. אִין זֵיי דריקט זיך אוֹיס דִי אַנשוֹיאוּנג פוּן פאָלק אוֹיף פעֶרשִיעדעֶנעֶ נאַטוּר=זאַכעֶן און טעֶכנִישעֶ זאַכעֶן אַזוֹי אוֹיך דִי געֶפִיהלעֶן, וואָס זֵיי דעֶרוועֶקעֶן אִין אִיהם — אַלס בֵּיישפִּיעל פוּן דִי אַרט לִיעדעֶר קאָן דִינעֶן פאָלגעֶנדעֶס לִיעד וועֶגעֶן לאָקאָמאָטִיוו:

ווֶער האָט דאָס געֶזעֶהן
און ווֶער האָט דאָס געֶהעֶרט,
אַז פֵייעֶר מִיט וואַסעֶר
זאָלעֶן פִיהרעֶן ווִי אַ פעֶרד?

אָי, האָט ער אַ פֵּייפֶער
מִיט אַיִין אַייזעֶרנעֶם כח,
פוּן אוּנטעֶן גִיסט זִיך וואַסעֶר
פוּן אוֹיבעֶן ײַפּאַרט אַ רוֹיך!

הִייסעֶ קוֹיהלעֶן
אִיז בֵּיי אִיהם אַ מאָכל,
קאַלטעֶ וואַסעֶר
אִיז בֵּיי אִיהם אַ יאַיכ׳ל!
אָי, האָט ער אַ פֵּייפֶער א. ז. וו.

גאָט, רבונו של עולם,
נעֶהם אָפּ בֵּיי אִיהם דִי יאָהרעֶן, —
ער זאָל נִיט קעֶנעֶן פֵייפֶען
און זאָל נִיט קעֶנעֶן פאָהרעֶן!

§ 49. די קינסטלערישע ליריק.

אין דער קינסטלערישער ליריק ווערט, ווי דערמאָנט, אויסגעדריקט די סוביעקטיווע געפֿיהלען פֿון די איינצעלנע פֿערפֿאַסער. געפֿיהלען זענען דאָ פֿערשידענע: פֿון פֿרייד, טרויער, שמערץ, געלעכטער, פֿעראַכטונג, פֿערוואונדערונג א. ז. וו. לויט די געפֿיהלען, וואָס דריקען זיך אויס אין די לירישע ווערק, טראָגען זיי פֿערשיעדענע נעמען: 1) עלעגיען, 2) אָדען; 3 הימנען; 4) סאַטירען.

§ 50. עלעגיע.

דאָס הייסט אַ ליעד, אין וועלכען עס ווערט אויסגעדריקט אַ געפֿיהל פֿון שמערץ, אין טרויער, וואָס דער פּאָעט פֿיהלט ענטוועדער צוליעב זיין אייגענעם טרויעריגען גורל אָדער ווען ער בעטראַכט די שלעכטע לאַגע פֿון זיין פֿאָלק, אָדער די לאַגע פֿון איין קלאַס אָדער אַפֿילו פֿון דער גאַנצער מענשהייט. די עלעגיע איז בעשאַפֿען געוואָרען, ווי פֿיעלע אונזערע פּאָעטישע פֿאָרמען, דורך די גריכען און דעריבער טראָגט זי אויך אַ גריכישען נאָמען („עלעגאָס" איז אויף גריכיש „טרויער"), אין דער יידישער פּאָעזיע אָבער האָט זי געקריגען אַ „זכות אורח" פֿון דער צייט, ווען דער גרעסטער יידישער עלעגיקער ירמיהו הנביא האָט פֿערפֿאַסט זיינע איכות און דער גרעסטער טייל יידישע ליעדער טראָגט אַנ'עלעגישען כאַראַקטער. גאַנץ אָפֿט הויבט דער ייד אָן צו זינגען די פֿרעהליכסטע זאַך און ענדיגט מיט אַ וויינענדיגס. אַמבעסטען האָט דעם געדאַנקען אויסגעדריקט דער יידישער ליריקער ש. פֿרוג אין פֿאָלגענדער עלעגיע:

אײן ליעד.

איך בין אַ חזן אָהן אַנ'עמוד
כמעט שוין גאַנצע צוואַנציג יאָהר.
דאָך קלינגען מיינע תפלות תמיד
אין כ'האָב דערצו אַ שענעם האָר.

אַ גרויסער האָר פֿון אַלע סאָרטען
פֿון אַלע שטימען אויף דער וועלט!
מיליאָנען פֿייגעלעך אין גאָרטען,
מיליאָנען קווייטלעך אין פֿעלד.

דער ווייַנשטאָק איז מיט מיר מתפּל!
אויף טל ומטר און דער צייַט,
די וועלדער זאָגען מיט מיר הלל;
עס קלינגט און זינגט פֿון יעדער זייַט.

דער שטורם העלפֿט מיר בלאָזען תּקיעות —
ער האָט אַ שופֿר גאָר אַ בראַבֿט —
און העריען ממש איז אַ חיות
זייַן בלאָזען און זיין אָטיען=גאַבֿט;

מיר זינגען מבֿלבֿל=חיים,
הושענות שלאָגט דער ווינד בייַ׳ם טייַך...
און מיט אַ ניגון גאָר אַ נייַעם
וויל איך די לידער זינגען אייַך.

מייַן האַרץ איז אָבער ווי און רינגען
געבּאַטט, און ווייַנען צירהט עס מיך;
מיט וואָס איך הייב אָן צו זינגען
מיט „בן המצר" ענדיג איך...

(ש. פֿרוג).

און דער וועלט געפֿינט זיך שטענדיג אַ גוטס, אַ שלעכטס, אַ פֿרעה=ליכעס, אַ טרויעריגס, און דער פּאָעט קאָן, בעטראַכטענדיג אַלעס אַרום זיך געפֿינען פֿיעל אורזאַכען, וואָס זאָלען אין איהם דערוועקען אַ פֿרעהליכע אָדער אַ טרויעריגע שטימונג. אָבער דער יודישער פּאָעט איז שטענדיג מסוגל צו זעהן טרויעריגע, וואָס „פֿערקלעמט איהם דאָס האַרץ און דריקט אַרויס פֿון זיין אויג אַ טרעהר". אַ יודישער פּאָעט זינגט:

און עס וויינט דאָס האַרץ און מיר
אויף די בלעטעלעך די גרינע,
ווען פֿערגעלט, פֿערדאַרט, פֿערוועלקט
פֿאַלען, פֿאַלען זיי און רינע.

און עס קלעמט דאָס האַרץ און קלעמט
ווען איך זעה דעם בוים, דעם העלד,
ליעגט. דערשלאָגען פֿון אַ בליץ,
אויסגעצויגען אויפֿ׳ן פֿעלד.

און עס דריקט דאָס האַרץ פאַר ווייה
ווען דעם ווייסען שניי אויף דר'ערד
טרעטען מענשענס שווערע טריט,
טרעטען, שמוצען איין די פערד.

און עס גיעסט מיין אויג אַ טרערע,
ווען דאָס אָרמע, שיינע קינד
וועלקט אין קעלער פאַר די צייט,
וועלקט פאַר גאָרנישט, וועלקט אָהן זינד...
(א. רייזען).

§ 51. אָדע.

אָדען הייסען ליעדער, וואָס ווערען געשריבען אונטער דעם איינדרוק פון אַ בעגייסטערונגס-געפיהל, וועלכעס ווערט אַרויסגערופען דורך אַ הויכע און וויכ-טיגע אידעע, דורך אַ געשעהעניש פון גרויסער בעדייטונג אָדער דורך די פראַכט און שענקייט פון אַ גראַנדיאָזער פערזענליכקייט אָדער נאַטור-ערשיינונג. אין דער אָדע דריקט דער פּאָעט אויס זיין בעגייסטערונג, זיין בעוואונדערונג צו דעם געגענשטאַנד פון זיין ליעד און גאַנץ אָפט אויך זיין אייגענע ניכטיגקייט אין פערגלייך מיט דעם דאָזיגען געגענשטאַנד. אַזוי צ'ום ביישפּיעל דריקט אויס י. ל. ברוכאָוויטש אין זיין „אָבשייד פון דער שווייץ" זיין געפיהל פון בעוואונדערונג צו דעם דאָזיגען שענעם לאַנד, וואָס אין איהר האָבען זיך פעראייניגט נאַטור-שענהייט און פרייהייט.

אָבשייד פון דער שווייץ.

אַדיע, דו וואונדער שענעם לאַנד,
אַדיע, מיר מוזען שיידען!
שוין פייפט דער צוג, באַלד טרייבט ער מיך
אַרויס, אַך, פון גן-עדן...

כ'נעהם מיט מיר אַ פרייהייטס-ליעד
פול פלאַמענגלוט און פייער,
איהם האָט דערוועקט אויף דיינע בערג
אין מיר דער הויך דער פרייער.

אויף דיינע הימעל-הויכע בערג,
דאָרט וואוינט די פרייהייטס-שכינה.

דאָרט שפּאַלט דער אָדלער שטאָלץ די לופט
און דונערט די לאַווינע*)׃

און זונען=אויף=און אונטערגאַנג
צינדט אָן מיט רויזענפאַרבען
דאָרט און די בלויע ימים אויך
די פריהייטס=פלאַמענגאַרבען׃ —

דאָרט האָט מיין האַרץ מיט הייסער דורשט
די פריהייטס=לופט געטרונקען,
און אָנגעזאַפּט האָט פול מיין בלוט
די זון מיט פריהייטס=פונקען...

און אָנגעפילט מיט ווילד מוזיק
איז און מיר די נשמה׃
עס זינגט און קלינגט און מיר מיט מאַכט
א ליעד ווי אויף מלחמה...

דאָס האָט דער ווילדער וואַסערפאַל
געלערענט מיך זיין שירה
און מיט געוואַלטיגע אַקאָרדען
פול אָנגעהויבט מיין ליעד.

כ'וועל אומעטום און קנעכטשאַפטס=לאַנד
דאָס פריהייטס=ליעד פערברייטען, —
צובּרעכען זאָל זיין דונער=קלאַנג
אויף שטיקער אַלע קייטען!...

אַדיע, די וואונדער שענעס לאַנד
אַדיע, מיר מוזען שיידען!
שוין פּייפט דער צוג, באַלד טרייבט ער מיך
אַרויס, אַך, פון גן=עדן...

(י. ל. ברוכאָוויטש).

ווען און דער אָדע, וואָס מיר האָבען יעצט געבראַכט, דריקט זיך אויס אַ בעגייסטערונג, פאַר די גרויסע וועלט אידעע—פרייהייט און בעוואונדערונג.

*) לאַווינע — אַ גרויס שטיק אייז, וואָס רייסט זיך אָב פון די הויכע מיט שניי-בעדעקטע בערג. אַ לאַווינע מאַכט געוועהנליך אָן ביי איהר אַראָבקייקלען זיך גרויסען שאָדען אומוואַרפענדיג און פערניכטענדיג אַלעס אויף איהר וועג.

פֿאַר די פֿערטרעטערין פֿון דער דאָזיגער גרויסער פֿרייהייטס-אידעע – די שווייץ, דריקט זיך אויס אין אַנ'אַנדער אָרטע, וועלכע מיר וועלען דאָ באַלד ברענגען, נישט קיין קלענערע בעגייסטערונג פֿאַר די אידעע פֿון פֿאָלקס-פֿרייהייט און דאָס אויפֿלעבען פֿון אַ גאַנץ פֿאָלק, וואָס געפֿינט זיך אין קנעכטשאַפֿט.

אַ פֿריהלינגס-ליעד.

עס שטראַהלט און בליהט אַ נייער פֿריהלינג,
עס קלינגען נייע העלע ליעדער,
און זאַפֿט און קראַפֿט און נייער לעבען
פֿולט אָן די שוואַכע קראַנקע גליעדער.

עס איז נאָך קאַלט, נאָך לאַנגען ווינטער
אַ נייע שענע צייט געקומען, –
עס בליהען בוימען אין דער מדבר,
אויף קברים וואַקסען פֿרישע בלומען.

עס קלינגט אַרום, עס זינגט, עס ציטערט –
די גאָטס-נאַטור בעניימט זיך ווידער;
עס קלינגט און זינגט אין אונזער לעבען,
עס קלינגען אונבעקאַנטע ליעדער.

מיר זעהען ליבטיגע חלומות
ווי פֿרישע פֿריהלינגס-בלומען בליהען,
אַ נייע יוגענד נייע כחות,
און נייע ווערטער! פֿרייהייט! ציון!

עס מאַכט אונז פֿריי פֿרייע און שטאָלץ און גליקליך
אַ נייער מעכטיגער געדאַנקען,
עס מאַכט די פֿרייד און האָפֿנונג ציטערן
דעם שוואַכען עלענדען און קראַנקען.

עס קלינגט צום פֿאָלק פֿון אַלע זייטען!
„שטעה אויף צו'ם נייעם, פֿרייען לעבען!
מיר ווילען דיר די גאַנצע כוחות
און אונזער מוטה און יוגענד געבען;

און גלות, קנעכטשאַפֿט און און קייטען
איז נאָך ניט אַלין ביי אונז געשטאָרבען,

פאר אונזער פאלק און לאנד, און פרייהייט
איז אונז ניט שווער דער גרעסטער קרבן!

מיר הייבען אויף די פאהן פון ציון,
מיר לאכען, ווינען, ציטערן, האפען,
עס איז בעגאסען אלץ מיט שטראהלען,
א נייער הימעל איז אונז אפען...

עס גלענצט, עס שיינט די זון אין מזרח,
און ציון רוהרט זיך עפעס ווידער,
עס שטראהלט און בליהט א נייער פריהלינג,
עס קלינגען נייע העלע ליעדער...
(ל. יפה).

אנ'ערהליכע ארט, נאר געשריבען מיט מעהר בעגייסטערונג און אונגעהייערער פאעטישער קראפט, איז פערפאסט געווארען אין העבראישען דורך ר' יהודה הלוי, וועלכע מיר האבען געבראכט אויבען אין דער ביאגראפיע פון ר' יהודה הלוי אין דער איבערזעצונג פון י"ר באראבאוויטש (§ 13), און דא אין א נייע איבערזעצונג פון ח. נ. ביאליק —

ציון הלא תשאלי...

בענקסט אויך נאך דיינע קינדער, מוטער ציון,
ווי זיי, צווזיהטע און צושפרייטע, בענקען?
ווילסט אויך, ווי זיי פון דיר, א ליעבען גרוס בעקומען?
דא האסטו איהם: א גרוס פון נאהנטע און פון ווייטע!
און הארצען דורות=לאנג געווייעט, טראגט איהם
פון אלע עקען וועלט, דורך ימים און מדבריות,
צו דיר אין שוים אוין עלענד קינד דיינס, איינער
פון די, וואס זאפען אן, ווי טהוי דיין חרמון,
די פרעמדע בערג מיט ברענענדיגע טרעהרען
און שטארבען אין דער פרעמד פערליעבטע און פערבענקטע.
מיך ציהט צו דיר!... ביי נאכט אויף דיינע חורבות
בין איך דיין נאכט=אוילע, דיין יאמער=ליעד,
און חלומ'ט זיך מיר נאר דיין מארגענשטערען — ווער איך
דיין נאכטיגאל, דיין קלינגענדיגע הארפע...
מיך ציהט צו דיר! מיין הארץ גערט אויס נאך יענע ערטער,
וואו ד'אבות האבען זיך בעגעגענט מיט מלאכים,

אין וואו די שכינה האָט גערוהט, וואו דיין בעשעפער
האָט דיינע טויערען די הייליגע געעפענט
אנטקעגען זיינע הימלישע שערים...
וואו ניט די זון און ניט לבנה, שטערען –
גאָטס עהרע זעלבסט האָט דיך בעשיינט מיט גלאַנץ...
איך גאר, אז אויסגיסען זאָל זיך מיין זעעלע דאָרטען,
וואו ס'פלעגט אַ מאָל גאָטס גייסט אין גאָטס געגאָר זיך גיסען
אויף דיינע אויסדערוועהלטע, טייערע ציון!
וואו נעהמט מען פליגלען?!... שטיקערווייז וואָלט איך מיין הארץ
ווייט, וויט אין דיינע וויסטע בערג פערטראָגען.
כ'וואָלט צוגעפאַלען צו דיין ערד, כ'וואָלט אויסגעקושט
איהר יעדען פוס-טריט, יעדעס שטיינדעלע בעזונדער
און אומגעוואַנדערט וואָלט איך טאָג און נאַכט
אַ נאַקעטער, אַ בארפיסטער אויף דיינע חורבות,
כ'וואָלט מיט מיין שטעקען אויסגעטאַסטען אַלע קברים,
מיט דיין נשמה-לופט זיך אָנגעאָטהעמט,
זיך איינגעוויקעלט אין דיין זיסען שטויב
און ביז צו'ם בלינד ווערען בעוויינט דיין חורבן, ציון...
צי קאָן דער שיין פאַר מיינע אויגען זיס זיין –
אַז שווארצע ראַבען פיקען דיינע אָדלערס!
צי קאָן מען לעבען אויף דער וועלט און צוזעהן –
ווי גאַס-הינד שלעפען דיינע טויטע לייבען...
גענוג, לאָז אָב איין ווייליע, פוס פון טרויער!
מיין הארץ איז איבערפול מיט דיר פערביטערט,
כ'האָב איינגעזאַפט אין זיך דיין שוים מיט דיינע היזען...
גענוג! איך וויל איין חלום זעהן און שטאַרבען...
כ'וויל זעהן, אַ גרויסער גאָט, נאָר איין שטראַהל ליכט,
נאָר איין שטראַהל פון יענעם מאָרגענשטערען
וואָס דאַרף, וואָס מוז, אַ מאָל נאָך העל און ליכטיג
זיך אָנצינדען אויף ציון'ס בלויען הימעל,
בעגלייטען און בעפרישען זי מיט יוגענד...
גענוג, איין זיסען חלום לאָז מיך זעהן נאָך
און אויסגעהן מיט אַ שמייכעל אויף די ליפען...

צו'ם לעצט ברענגען מיר נאָך איין אָדע, אין וועלכער עס ווערט אויסגע-
דריקט די בעגייסטערונג איבער די געניאַלע פּאָעטישע קראַפט פון היינריך היינע.

היינריך היינע.

אַ מאָנומענט פֿיר היינריך היינע,
ווי לעכערליך, ווי דום די טענה!
אַ מאָנומענט פֿון קאַלטען מאַרמאָר,
פֿאַר איהם, וואָס זיין געזאַנג איז וואַרמער,
איז הייסער ווי די היץ פֿון זומער,
פֿאַר איהם, וואָס האָט דעם טיעפֿסטען קומער
געגאָסען אין אַ געטליך פֿייער;
וואָס האָט געצאָהלט אי פֿיעל, אי טייער
פֿאַר ליעבעם היילינגע שליחות;
וואָס האָט פֿערדיענט די העכסטע סמיכות!
די שענסטע קרוין פֿון פֿרייהייטס זינגער —
פֿאַר איהם ווילט איהר מיט מענשענפֿינגער
אין קאַלטען שטיין, וואָס צייט צוברעכט עס
אַ דענקמאָל מאַכען, שאַט, פֿערגעסט עס!

פֿערגעסט עס, דען אַ היינריך היינע,
מאַכט זעלבסט די מאָנומענטען זיינע.
ער האָט געשמידט אין גאָלדענע הרוזים
מיט פֿלאַמען פֿון זיין אייגענעם בוזים
אַ מאָנומענט פֿאַר זיך אויף אימער,
אין „נאָרדזעע" טיעף, אין הימעלס שימער.
אין יעדעם האַרץ, וואָס ליעבט און ליידעט,
אין יעדע זעלע, וועלכע מיידעט
דעם וועג פֿון חנופֿה און געמיינהייט,
אין יעדען גייסט בעלעבט פֿון שענהייט.
ער דאַרף קיין שטיין, ער דאַרף קיין ציילען,
איהם קאָן פֿערגעסענהייט ניט גרייכען.
ער לעבט און ער וועט עביג לעבען
ווי דער, וואָס האָט איהם אונז געגעבען.

(מ. ראָזענפֿעלד).

די בעסטע אָדען=שרייבער אין דער וועלט=ליטעראַטור זענען געוועזען: פּינ=
דאַר — אין גריכישען (ער האָט געלעבט אין 5=טען יאָהרהונדערט פֿאַר קריסטוס)
און האָראַץ — אין לאַטיינישען (אין 1=טען יאָהרהונדערט). —

§ 52. הימן.

דער הימן איז זעהר ענהליך צו דער אדע, דער אונטערשייד בעשטעהט אין דעם, וואס אין א הימן דריקט זיך אויס נאך א שטארקערעס געפיהל און א גרעסערע בעגייסטערונג, דען אין איהם ווערט געשילדערט די גרויסקייט און מאכט פון די געטליכקייט אליין, און די בעגייסטערונג געהט דא איבער אין עקסטאז (די גרעסטע שטופע פון בעגייסטערונג), וועלכען דער מענש פיהלט געוועהנליך, ווען ער פערגלייכט זיך מיט דער אלמעכטיער קראפט, וואס פיהרט די וועלט. די ערשטע הימנען זענען געשריבען געווארען אין העבראישען אין תהלים, דארט הייסען זיי תהלה אדער מזמור. אין אלע שפראכען זענען זיי איבערגעזעצט געווארען אין פערזען, און אויך זענען בעשאפען געווארען פיעלע נאכאהמונגען. נאר אין יידישען זענען דא גאנץ וועניג פון אזעלכע איבערזעצונגען. איינע פון די וועניגע בעסטע ברענגען מיר דא:

עס וויגט די ערד זיך, שטורעמט אונטען,
עס ציטערן פון בערג די גרונטען —
קראך — קראך! אט וואליען זיי זיך איין,
ווי באלד ער קומט און כעס אריין,
פונ׳ם נאז איהם זעטצט ארויס א רויך,
א פייער פלאמט פונ׳ם מו. ביי איהם
און גליהענדע קוילען פליהען הויך,
עס ברענט, עס שרפה׳ט אומעטום!
ער נייגט דעם הימעל, געהט ארונטער,
א וואלקען שפארט די פיס איהם אונטער,
ער רייט אויפ׳ן כרוב, ער פליהט געשווינד
און שוועבט אויף פליגעל פון דעם ווינד.
(פריי נאך תהלים י״ח, ח׳ - י״א, פון מענדעלי מו״ס).

§ 53. סאטירע.

סאטירע הייסט א פאעטיש ווערק, אין וועלכען עס ווערען אויפגעדעקט און אויסגעוויזען די פעהלערן און די שוואכע זייטען פון דער געזעלשאפט. געוועהנליך האט די סאטירע נישט אין זינען אנצופאלען אויף איינצעלנע, בעשטימטע פערזאנען (דען דאמאלס פערליערט זי איהר ליטערארישען כאראקטער און ווערט צ. פראסטער פאמפלעט), זי ווענדעט זיך דער עיקר געגען גאנצ

קאטעגאריעס פון מענשען, און ווען אין א סאטירע ווערט בעהאנדעלט איין איינצעלנע פערזאן, איז דאס א טיפ פון א גאנצער קאטעגאריע מענשען. אין דער סאטירע מוז אלעס געשריבען ווערען אין א ליכטער, אירא‏נישער שפראך. דער מאראל דארף ארויסצודרינגען פון דעם געשריבענעם און נישט צוגעגעבען ווערען פון פערפאסער.

דער ערשטער סאטיריקער אין דער וועלט ליטעראטור איז געוועזען דער רעמישער פאעט יוווענאליס (אין ערשטען יאהרהונדערט נאך קריסטוס). אין דער יודישער פאעזיע געפינען מיר פיעל סאטירען כמעט ביי אלע פאעטען.

ספעציעל אלס סאטיריקער זענען בעקאנט אין דער יודישער ליטעראטור י. ל. גארדאן און מיכל גארדאן. מיר ברענגען דא פון דעם ערשטען א סאטירע מיט דעם נאמען „וואס איז ביי דער אסיפה געבליבען?”, אין וועלכער עס ווערען געשילדערט אין אן אירא‏נישער פארם די נישטיגע און לעכערליכע פאלגען פון די יודישע אסיפות, וואו עס דארפען איינענטליך בעהאנדעלט צו ווערען די וויכטיגסטע יודישע פראגען.

וואס איז ביי דער אסיפה געבליבען?

„זעהט זאגט מיר, איך בעט אייך מיין ליעבער ר׳ ברוך,
„איהר ווייסט דאך, איך בין א ישובניק אן אורח,
„מע האט אונז געזאגט, אייער גבאי ר׳ יוסי
„האט די וואך געמאכט אן אסיפה א גרויסע.

„געוויס האט מען דארטען, איך קאן זיך מיר דענקען,
געשמועסט מכח ישובים און שענקען.
„מכח די איצטיגע צרות, פאגראמעס —
„טא זאגט שוין, וואס הערט זיך פאר יודען נחמות?”

— נחמות פאר יודען? איך בעט אייך מחילה!
געוועזן איז געוועזן אן אסיפה אפילו,
וואס אבער זיי האבען זיך דארטען געריסען,
אט זאל איך אזוי פון קיין צרות ניט וויסען.

ווי איך האב פון דער כנופיא צו הערען בעקומען,
האב איך מיין פאקענע היטעל גענומען,
בין ווי א פערסמ׳טער צו קהל געלאפען,
האב אבער דעם אנהייב שוין ניט אנגעטראפען.

אַז איך בין געקומען. האָט יענקיל מיט אידלען
געהאַלטען ביי׳ם קריגען זיך שוין און ביים זידלען,
ביי זיי איז אַנ׳אַלטע מחלוקת אַ גרויסע,
אַלץ איבער דעם פסוק פון אתה הָראית.

און הלל מיט שמאי׳ן האָבען אויך זיך מיט דבקות
געשאַמפּערט, געפיהרט זייער אַלטע מחלוקת,
אויך ניט וועגען דעם וואָס טהוט אונז איצט וועה,
נאָר אַלץ וועגען דאָס אויסגעבלאָזענע איי.

ר׳ קאָפּיל דער פרוש, וואָס קוקט ניט אויף ווייבער,
דער האָט זיך געפּאָרסקעט מיט יודעל דער שרייבער:
„דו מופקר, אַ פּנים ווילסט אויך זאָגען דעות —
„אַ יוד, וואָס עס געהט אָהן באָרד און אָהן פּאות?!"

„וואַרט, וואַרט, — שרייט דער שרייבער"—איך זאָג אייך פאָרמאַלנע,
איך שרייב באַלד אַ פּראָזבע צו׳ם סאַמע קוואַרטאַלנע,
דערצעהל איהם די מעשה מיט דער מעהל=קאָראָבקע,
שוין קרענק וועט איהר האָבען, ניט געלד מעהר אַ קאָפּ׳קע!

דער שנײַדערשער מגיד, פון יאַטקעווער געסעל,
האָט מוסר געדרשנת אַ יונג בעל הבית׳ל,
די שוואַרצע מאָהן האָט ער אויף איהם אויבגעשאָטען,
און דער האָט געציטערט געשטומט ווי אַ שאָטען.

דורך דיר נאָר, יונגאַטש דו, דורך דיר אַפּיקורוס,
אָט ליידען מיר אַלע די צרות די גזרות!
מיינסט אפשר, טרייפניאַק, אַז מיר האָבען פאַרגעסען.
אַז דו האָסט אום פּסח — בעבלעך געגעסען?!...

נו,—האָב איך געטראַכט זיך,—אָט ווייס מען שוין קלאָרעס,
פון וואַנען עס קומען אַלע אונזערע צרות,
און איך האָב אויך אָקאָרשט געוואָלט זיי דערצעהלען
אַ פּאָר שענע מעשות פון מיין שכנתה — קוילען!

מיט אַ מאָל דערזעה איך, ווי בענצע דער פאַרבער,
וואָס האָט זיך געהרגעט מיט לייזער דעם גאַרבער,
איז איבער דעם שלחן אַריבערגעשפּרונגען,
דערלאַנגט איהם אַ פּראַסק, אַז די וועלט האָט געקלונגען.

און לייזער דער טהוט גלייך א שפּיי און קולאק,
וויל בענצין צוריק שוין דערלאנגען אין באק;
האט אבער געטראפען גאר מיר אין דעם קאפּ,
אזוי אז מיין היטעל איז געפלויגען אראפּ,

ווי איך האב דערזעהן, אז עס האלט שוין ביים שלאגען,
האב איך זיך בשתיקה געשווינד אבגעטראגען,
אזוי ווי די טהיר איז געשטאנען האלב אפען,
בין איך אהן א ־יטעל אהיים זיך אנטלאפען. —

„וואס איז אבער דארטען ביי קהל געבליבען?
„צי האט מען וואס אבגערעדט, וואס אבגעשריבען,
„צי האט מען געפינען אן׳עצה, א מיטעל?"
—ביי קהל?! איהר הערט דאך, איז געבליבען מיין היטעל!
— — — — — — — — — — — — — — — — —

(י. ל. גארדאן).

§ 53. סתם לירישע ליעדער.

אויסער די אויסגערעכענטע פארמען פון דער לירישער פאעזיע זענען נאך דא פיעל אנדערע פון א געמישטען חאראקטער, וועלכע הייסען דעריבער סתם לירישע ליעדער. אויסער דעם איז נאך דא א קלאס לירישע ווערק, וועלכע מען בעצייכענט מיט׳ן נאמען ע ר א ט י ש ע, ד. ה. ליעבעס=ליעדער, אין וועלכע עס ווערען אויסגעדריקט די צארטע געפיהלען פונ׳ם פאעט צו א פערזאן פון אנ׳אנדער געשלעכט.

קליינע ליעבעס=לידער, וועלכע זענען בעשטימט צו׳ם זינגען, טראגען דעם נאמען ר א מ א נ ס ע ן.

אט איז א מוסטער פון א ראמאנס:

איך בין דיר דיין גוטסקייט אוצט מוחל,
דיין זיסע רחמנות מיך קרענקט:
איך וויל קיין נדבה נישט נעהמען,
פון שפעטיגער ליעבע געשענקט

פלעגסט לאכען, ווען מיר פלעגט צוברעכען
דאס הארץ זיך פון שמערץ אהן א שיעור!

בײַ דיר איז אַ שפּיעלכעל געװעזען
מײַן ברענענדע ליעבע צו דיר...

נאָר יעצט, װען פֿערמוטשעט, דער׳הרג׳עט
איז יעדער פֿערלאַנג און מײַן ברוסט,
און מיר איז פֿון צרות פֿערגאַנגען
פֿון לעבען און ליעבען די לוסט...

איצט קומסט דו דײַן ליעבע צו צײַגען
און ביזט אַזוי װײך, אַזוי מילד,
איצט קומסט דו ערפֿילען דעם װאונש מיר
װאָס דו האָסט אַמאָל ניט ערפֿילט.

נאָר איך בין דיר דײַן גוטסקײט איצט מוחל,
דײַן זיסע רחמנות מיך קרענקט, —
װאָס איך האָב אַמאָל ניט געפֿועלט,
װיל איך איצט ניט קריגען געשענקט.
(יהואש).

די ליעדער, װעלכע בעזינגען די נאַטור און פֿערבינדונג מיט די געדאַנקען, װאָס זי רופֿט אַרױס אין בעשטימטע צײַטען און פּאָעט, הײַסען מאָטיװען. מיר ברענגען דאָ אײניגע מוסטערן:

ערב פֿריהלינג.

עפּיס איז די לופֿט מעוברת,
און אַ פּנים — מיט אַ צװילינג:
האַפּט אַ פֿרעסטיל — דוכט זיך װינטער,
בלאָזט אַ װינדטעל — דוכט זיך פֿריהלינג.

כ׳שטעה־אויף פֿריה, — דער דאַך געזילבערט
און אַ בעלמע אויף די שויבען;
דאָך און דרויסען פֿליהען העכער
צו דעם הימעל װײַסע טויבען.

און די צעפּלעך אײַז װי ליכטלעך.
אָנגעצונדען מיט אַ העלען
שטראַהל, צושמעלצען זיך און טריפֿען, —
צי זײ װײנען, צי זײ קװעלען?...

נעהמט דעם לוח! – וואָס, אַ פרִיהלִינג?
ווִיִים אִיך וואָס ער בעבעט דאָרטען!
צוִיגען זאָלען אַזוֹי ווִיסען
שפרִינגען אִין דעם רבִינ׳ס גאָרטען!

מאָל־דִיך, פרִיהלִינג אִיז נאָך נִיט,
ס׳אִיז לעת־עתה ערב פרִיהלִינג,
אוּן לעת־עתה בלײַב פערשפִּליעט –
קאָנסט נאָך חאַפּען אַ פערקִיהלִינג.

אָבער אִיך – אִיך הער קײַן ווערט נִיט
אִיך צושפִּליע דִי קאַפּאָטע
אוּן אִיך לויף אויף גאָט׳ס בעראָט
טאַנצען מִיט אַ שטראַהל אִין בלאָטע

מִיר געפעלט דער ערב פרִיהלִינג
דוקא ווִי ער שטעהט אוּן געהט,
אָנגעטהוּן אִין שמאַטעס־וואָלקען
מִיט אַ גאָלדענעם שטראַהל בעניִיהט.

אִיך האָב לִיעב זײַן קאַלטען ווִינד,
וואָס ער פּאַטשט אִין האַלז אוּן אַקען
ווען פוּן פאָרענט קושען, הלובען,
זִיסע ווִינדטלעך מײַנע באַקען.

מִיך ענטצִיקט זײַן פִּיצעל הִימעל,
וואָס ענטבלויסט זִיך פרִיש אוּן עדעל,
ווִי דאָס יונגע פרומע לײַב
פוּן אַ יִידִיש כשר מעדעל.

כ׳ווער צושמאָלצען, כ׳קוועל פאַר תענוג,
אַז אַ ברען, אַ שטראַהל אַ פרײַער
טאַנצט אוּן שפִּיעלט זִיך מִיט דעם שאָטען,
אוּן דער שאָטען שפִּיעלט מִיט פײַער...

יאָ, כ׳האָב לִיעב זײַן עדלען שפִּיעלען
פוּן דִי דִינסטע, רײַנסטע גאַממען
לִיכט אוּן שאָטען... עפּיס האָט דאָס
טויזענד חנ׳ען, טויזענד טעמ׳ען;

עפּיס מינעט זיך די לופט
ווי אַ כּלה בײַ׳ם אײַננעהמען...
טהוט אַ שײַן – און ווערט פערשעמט,
שטראַהלט – און לאָזט אַראָב די ברעמען...

אָט ווערט ליכטיג! אָט ווערט דונקעל
און אָט גיסען זיך צוזאַמען
ליכט מיט שאָטען... יאָ, דאָס האָט
טויזענד חן׳ען, טויזענד טעם׳ען...

און דער טײַך? – איהר הערט זײַן קרעכצען
און זײַן סקריפּען פון דער ווײַטען?
עפּיס נעצט דאָרט, עפּיס פּלאַצט דאָרט,
עפּיס שפּאַרט דאָרט און די זײַטען.

עפּיס רודערט זיך דאָרט אונטען...
באַלד, אָט באַלד וועט זיך בעווײַזען
וואָס דערשטיקטע קרעכצען קאָנען,
ווי די נויט ברעכט אײַז און אײַזען...

אַלע שטראָמען שטילע וואַסער,
ווי מיט איין געדאַנק און עצה,
וועלען זיך אַ נעהם טהון „ראַזאָם“
און אַ שפּאַר טהון מיט איין פּלוצע –

„ראַזאָם, ברידער!“ – און צובראָכען
מוז די גראָבע אײַז-דעק ווערען.
די וואָס האָט פון זיי פערשטעלט
הימעל, זון, לבנה, שטערען.

און בעפרײַטע, ברייטע חוואַלעס
וועלען טרײַבען דורך די בריקען
גאַנצע מחנות שטיקער אײַז –
זיי צו׳ם שוואַרצען ים פערשיקען:

„געהט צו אַלדי שוואַרצע יםים!“ –
און, צובראָכענע אויף פּיצלעך,
וועלען זיי און וועג בעקומען
קאַלטע פּעטש מיט הייסע שמיצלעך,

באטשען — וועלען שטרענגע חוואליעס
שטײַגען — וועלען ריטער-שטראהלען;
פיש און וואסער וועלען זינגען,
שטומע שטײנער וועלען שאלען...

און דער טײַך, בעפרײַט און גליקליך
וועט זיך ברייט און ווײַט צוגיסען
און דעם ליעבען שענעם פריהלינג
מיט א שמײכעלע בעגריסען...

(ח. נ. ביאליק).

זומער-אָווענד.

ליבטיג שײַנט דער אָווענד-שטערען,
שאָטענס ליגען אויף די פעלדער.
פײַכטע קיהלקײַט וועהט און גיסט זיך
פון די גערטנער, פון די פעלדער.

און די גרויסע אַלטע בוימער
שאָקלען מיט די גרינע בלעטער.
און מיר דאכט זיך, אַז זיי רוישען:
„זעה ווי פריש איז דאָ דאָס וועטער!"

טראָפּענס טהוי ווי פערל, גלענצען
און די לעצטע אָבענד-שטראהלען,
און די פײַכטע גרינע טהאָלען
שלאָגען פרישע, קאלטע קוואלען.

(ש. פרוג).

דער הערבסט-קלאַנג.

וואָס הוזשען די געלע,
די וועלקענדע בלעטער,
וועו ס'ברומט זיך פונאנדער
דער שטורמישער וועטער?

וואָס קרעכצט דאָרט דער אומעט,
וואָס יאָמערט דער שמערץ,
וואָס ענטפערט און אָבקלאַנג
זיי קרענקליך מײַן הערץ?

אך, לאַנג וועט דער שטורעם
דער בעזער ניט ברומען!
דער הערבסט וועט אוועקגעהן,
דער פריהלינג וועט קומען

מיט לעבען מיט נײַעם,
מיט שטראהלען און קראַפט,
מיט פארבען מיט גרינע,
מיט ריחות און זאַפט.

עס הוזשען די קראַנקע,
די פֿאַלענדע בלעטער!
מיר אָבער, מיר װעלען
גט אָבלעבען שפּעטער!

עס קרעכצט דאָרט דער אומעט,
עס יאָמערט דער שמערץ,
עס ענטפֿערט און אָבקלאַנג
זײַ קרענקליך מײַן הערץ...

(א. װאַלט).

אַ װינטער=ליעד.

הוליעט, הוליעט בײזע װינדען
פֿרײַ בעהערשט די װעלט:
ברעכט די צװײַגען, װאַרפֿט די בױמער,
טהוט װאָס אײַך געפֿעלט.

טרײַבט די פֿױגעל פֿון די װעלדער
און פֿעריאָגט זײ פֿאָרט,
די װאָס קאָנען װײַט ניט פֿליהען –
טײדט זײ אױפֿ'ן אָרט.

רײַסט די לאָדען פֿון די הײַזלעך,
שױבען ברעכט אַרױס.
ברענט אַ ליכטעל ערגיץ דונקעל –
לעשט מיט צאָרען אױס!

הוליעט, הוליעט בײזע װינדען,
איצט איז אײַער צײַט!
לאַנג װעט דױערן דער װינטער,
זומער איז נאָך װײַט...

(אַברהם רײזען)

פֿון ר' יְהוּדָה הַלֵוִי'ס שִׁירִים.

פֿון די ים=ליעדער.

I.

כ'האָב פֿערגעסען אַלע ליעבסטע,
כ'האָב פֿערלאָזט מײַן אײגען הױז;
כ'האָב דעם ים זיך אָבגעגעבען:
„טראָג מיך, ים, צו'ם מוטערס שױס!...

און דו, מערב=װינד געטרײַער,
טרײַב מײַן שיף צו יענעם ברעג,

וואָס מיין האַרץ מיט אָדלער=פליגלען
זוכט שוין לאַנג צו איהם אַ וועג.

ברענג מיך נאָר אַהין בשלום, —
נאָכדעם פליה זיך דיר צוריק,
גריסען זאָלסטו אַלע ליעבסטע
און דערצעהל זיי פון מיין גליק״...

II.

אָנגעברוגז׳ט האָט דער ים זיך,
און געקנייטשט זיך און געקרומט —
פלוצלונג האָט ער זיך צעביזערט
און ער וויעגט זיך און ער ברומט.

און אָט לויפען שוין אַנטקעגען
ווילד און בעז, מיט ווייסען שוים,
חוואַליעס=ליובען, חוואַליעס=שלאַנגען,
אויסגעוואַקסען פון דעם תהום.

אָט האָט זיך אַ טהאָל געעפענט,
אָט שטעהט=אויף אַ הויכער באַרג —
פלאַטער, פייגעל! בויג זיך, מאַסטבוים! —
די מיין האַרץ בלייבסט פעסט און שטאַרק.

האָסט אַ גרויסען גאָט און הימעל,
ימים שפּאַלט ער מיט זיין האַנד;
אויף זיין פליגעל מיט זיין שטורעם
טראָגט ער דיך צו׳ם ליעבען לאַנד...

III.

מיט דעם לבנה=שיין פערזילבערט
וויגט רינצעלט זיך דער וואַסער=שפּיגעל;
פערשפּרייט האָט זיך אויף אונז די נאַכט
מיט איהר בלאָה=סאַמעטענעם פליגעל.

ס׳איז ניט קיין נאַכט, — ס׳אַ מלכה=שבא!
געהילט אין בלאָהס, מיט גאָלד בעפּליטערט,
שטיל אָטעמט זי, און אויף איהר ברוסט
שימערט דאָס גאָלד, שימערט און ציטערט...

ווי שאָף צושפרייט, די קליינע חוואַליעס
שטיל וויעגען זיך און לייכטען דרימעל.
עס צוטערען און ים די שטערען —
ווער איז דאָ ים און ווער איז הימעל?...

צווייַ ים'ען שלאָפען דאָ צוזאַמען
צונויפגעלעגט, ווי גלייכע ברידער;
איין דריטער ים און מיטען שלאָפט ניט:
מיין האַרץ מיט זיינע ליעדער.

(ח. נ. ביאַליק).

פון פיעלע אַנדערע ליעדער ברענגען מיר דאָ נאָך איין מוסטער פון אַ וויעג־ליעד, אין וועלכען עס ווערען אויסגעדריקט די געפיהלען פון אַ פרוי און מוטער, וואָס איהר מאַן איז מיט געוואַלד דערווייטערט פון איהר און זייער קינד.

אַ וויעג ליעד.

ס'לויפען, ס'יאָגען שוואַרצע וואָלקען,
ס'פייפט און ברומט דער ווינד, —
פון דער וויטען שיקט דיין טאַטע
דיר אַ גרוס, מיין קינד!

נאָר דער ווינטער ברענגט אונז גריסען
פון דעם קאַלטען לאַנד:
דאָרטען שטעהט ער; אַ לאָפּאַטע
האַלט ער אין דער האַנד,

און ער גראָבט אַלץ טיעפער, טיעפער,
וואַרפט די ערד אַרויס,
זאָרג ניט, קינד מיינס, פאַר'ן שקר
גראָבט ער קברים אויס!

ניט דער ערשטער, ניט דער לעצטער
פאַלט ער אויפ'ן פעלד!
זאָרג ניט, קינד מיינס, דיך געבאָרען
האָט אַ גרויסער העלד.

אונ א העלד וועסטו אויסוואקסען,
שלאף זשע, שלאף אצינד;
זאמעל כחות פאר די צוקונפט
זאמעל, איינציג קינד!

(ה. ד. נאמבערג).

§ 54. דראמאטישע ווערק.

די העלסטע פארם פון פאעזיע, דאס רעצטע ווארט אין דער שענער ליטעראטור איז ביי אלע פעלקער די דראמא. זי קומט אויף פיל שפעטער, ווי דער עפאס און די ליריק, און די דאזיגע ביידע עלעמענטען פעראייניגען זיך אין איהר, און זענען זיך איינס דאס אנדערע משלים, חאטש נאך דער פארם נאך אונטערשיידעט זיך די דראמא פון ביידע איהרע חבר׳טעס. אין דער דראמא ערצעהלט נישט דער פערפאסער אליין וועגען עפיס א פאקט אדער א געשעהעניש, ווי אין דער עפישער פאעזיע, ער דריקט אויך נישט אוים זיינע געפיהלען און מיינונגען, ווי אין דער ליריק. דא זעהט מען דעם פערפאסער אין גאנצען נישט ארוים; ער שטעלט אונז נאר פריהער פאר די פערזאנען, וועלכע שפיעלען א ראלע אין דער דראמא, און זייערע פערבינדונגען צו איינאנדער. און לאזט שוין זיי אליין ווירקען און רעדען. די העלדען ערצעהלען אין זייערע מאנאלאגען (געשפרעכען צווישען איינציגע פערזאנען; I, 51 §) פערשיעדענע פאקטען און געשעהנישען פון זייער לעבען אדער דעם לעבען פון זייערע בעקאנטע און דריקען אפט אוים זייערע געפיהלען און מיינונגען אין א פאעטישער אדער פראזאישער פארם. ווי מיר זעהען אלזא, קומען פאר אין דער דראמא דער עפישער און לירישער עלעמענט, נאר אויף אנ׳אנדער אופן, ווי אין דעם ריינעם עפאס אדער אין דער ריינער ליריק; אין דער דראמא ווערען די דאזיגע ביידע עלעמענטען פערבונדען דורך די טהאט, די פעולה, וואס דאס איז דער הויפט עלעמענט פון דער דראמא, געהערט נאר איהר, און דערפון שטאמט אויך איהר נאמען („דראמא בעדייטעט אין גריכישען „טהאט"). די דראמא ווערט בעשטימט פאר די סצענע. מיר זעהען אויף איהר פארגעשטעלט די העלדען, וועלכע טהוען עטוואס, בעוועגען זיך, רעדען מיט אנדערע, זענען זיך מתוכח א. ז. וו. און דערביי ערצעהלען זיי וועגען פערשיעדענע זאכען אדער דריקען אוים זייערע געפיהלען. און אלץ אין דעם טאן, ווי עס דארף אויסצודריקען די בעטרעפענדע פערזאן אין דער ווירקליכקייט,

למשל אין דעם מאָנאָלאָג אין דער ערשטער סצענע פֿון שלום עליכם'ס פּיעסע „מזל טוב" ווערען מיר געוואָהר פֿיעלעס פֿון ביילעס לעבען, איהר וועלטענצו־שטאַנד און איהר פֿערהעלטניס צו דער „מאַדאַם" און אומגעקעהרט. אָט איז די דאָזיגע סצענע:

ביילע (שטעהט מיט פֿערקאַטשעטע אַרבעל ביי'ם אויבען, קאָכט, זינגט אַ לידעל:)

אוי וואו זענט איהר מיינע יונגע יאָהרען,
אוי וואו זענט איהר אַהינגעקומען?
צי מיט'ן פֿייער פֿאַרברענט געוואָרען, } ביס.
צי מיט'ן וואַסער אַוועקגעשוואומען?

אַז אָך און וועה איז צו מיינע שונאים, אַז ביילע באַדאַרף זיין אַ דינסט ביי די יאָהרען, און האָבען אויף זיך אַזאַ בעל־הבית'טע, אַזאַ „מאַדאַם", וואָס ניער געזידעלט און נאָר געפֿידעלט! אַ שיינע נגידות! אַן אָרעמאַן אַ שטיקעל ברויט וועט זי דען געבען? די אייגענע קינדער אַפֿילו זשאַלעוועט זי עסען, אינטליכען איז זי חושד: רק מע נאַשט, רק מע גנבה'ט, ביי איהר זענען אַלע נאַשערונ'ס, אַלע גנב'טעס! (זי נעהמט אַראָב אין אַ בעזונדער טעפּעל פֿון אַלע מאַכלים צו ביסלעך) געגוג זיי זיין צו קרענקען... ווי זאָגט רב אַלטער: „ווינ־ציגער זיין די ווערים אין קבר"... (נעהמט אַראָב נאָך אַ שטיקעל פֿלייש) ניש־קשה, מע וועט זיך באַדרעהען... ע ע ע! ווי לאַנג בין איך אַליין געוועזען אַ בעל־הבית'טע ביי מיין טיש מיט מיין מאַן פסח צו'ם סדר (זי זינגט):

אַזוי ווי ס'איז ביטער,
אַז מען פֿעפֿערט ניט די פֿיש,
אַזוי איז ביטער,
אַז מען זיצט ביי אַ פֿרעמדען טיש.

אַזוי ווי ס'איז ביטער,
אַז דאָס עסען שמעקט מיט רויך,
אַזוי איז ביטער,
אַז מען אַרבייט איבער'ן כח.

אַזוי ווי ס'איז ביטער,
יוך אָהן אַ פֿאַן,
אַזוי איז ביטער,
אַז מען זיצט אָהן אַ מאַן.

אַזוי ווי ס'איז ביטער,
אַז דאָס עסען האָט קיין טעם,
אַזוי איז ביטער,
אַז מע דינט ביי אַזאַ „מאַדאַם".

ווער קלאַפּט דאָס דאָרטען און דער טהיר? מסתמא רב אַלטער... אַ טייערער ייד, אַ כשר'ער, אַן ערהליכער, אָהן חכמות... האָרעוועט נעבאַך אויפֿ'ן שטי־קעל ברויט, וויסט ניט פֿון קיין וועלט צו זאָגען, גלייך מיט מיר... (עפֿענט די טהיר, עס קומט אַריין רב אַלטער פֿון דרויסען מיט אַ פּעקעל ספרים אונטער דער האַנד).

יעדעס דראמאטישע ווערק בעשטעהט פון עטליכע הויפט=טיילען — אקטען, און יעדער אקט טיילט זיך אויף קלענערע טיילען — סצענען.

§ 55. די גריכישע דראמא.

די ערשטע מוסטערן פון דער דראמא האבען אונז געגעבען די גריכען. ביי זיי האט די דראמא פריהער געטראגען א ריין רעליגיעזען כאראקטער און פלעגט פארגעשטעלט צו ווערען לכבוד דעם אבגאט דיאניזיס אדער וואקכוס (דעם גאט פון ווייך). איין אקטער פלעגט פארצושטעלען דעם גאט אליין און דערצעהלען זיינע גבורות, און די איבריגע האבען געבילדעט דעם כאר, וועלכער פלעגט אויסדריקען זיינע געפיהלען און מיינונגען איבער די ערצעהלטע מעשים. לויט דעם כאראקטער פון דעם געשעהעניש אין דער־דראמא, צי ווערט אין איהר דערצעהלט עפיס פרעהליכס אדער טרויריגעס, הייסט זי טראגעדיע *) (אין ערשטען פאל) אדער קאמעדיע *) (אין צווייטען). ביסלעכווייז האט די גריכישע דראמא פערלוירען איהר פרימיטיווען כאראקטער און זיך ענטוויקעלט צו א נ׳אמת׳ער ליטעראַרישער דראמא. די בעסטע גריכישע דראמאטיקער זענען געוועזען דער טראגיקער סאפאקלעס און דער קאמיקער אריסטאפאנעס. (ביידע אין פינפטען יאהר הונדערט פאר קריסטוס).

די גריכישע דראמען פון דער צייט פון סאפאקלעס און אריסטאפאנעס זענען געוועזען אויסגעצייכענט ווי לויט זייער פארם — די שענע, קינסטלעריש בעאר=בייטע פאעטישע שפראך, — ווי לויט זייער אינהאלט, דען עס פלעגען אין זיי בעהאנדעלט ווערען וויכטיגע געזעלשאפטליכע פראגען אדער היסטארישע סוזשע=טען. די ארט בעהאנדלונג פון די געשעהענישען און מענשליכע טהאטען אין דער גריכישער דראמא איז געוועזען אין גאנצען צוגעפאסט צו דער וועלטאנשויאונג פון דעם פאלק: דער גורל פון די העלדען אין דער דראמא און זייערע מעשים זענען געוועזען בעשטימט פון פריהער דורך א בעזונדערע השגחה עליונה, וועלכע האט געהאט די שליטה זאגאר איבער די גרעסטע געטער און האט געהייסען

*) „טראגאס" בעדייטעט אין גריכישען א באק, און „אדע" — א געזאנג. ווען מען פלעגט פארשטעלען לכבוד וואקכוס א טראגעדיע, האט מען איהם מקריב געוועזען א באק, און דערפון שטאמט דער נאמען. — דער נאמען „קאמעדיע" וויטער שטאמט פון „קאמאס" (א פרעהליך מאלצייט) און „אדע" (געזאנג).

„מוירא" אין גריכישען. אלץ, וואס אין דער דראמא איז פארגעקומען, האט נאר געפיהרט דערצו, אז עס זאל אויסגעפיהרט ווערען דער רצון פון דער „מוירא". די דראמען אליין פלעגען ווערען פערפאסט לויט געוויסע כללים: אין זיי זענען געווארען אבגעהיט דריי „איינהייטען": די אקציאנאיינהייט, די צייטאיינהייט, און די ארטאיינהייט, דאס הייסט די גאנצע אקציאן (פעולה, טהאט) אין דער דראמא ווערט גרופירט ארום איין הויפט-פאקט, איז פעסט מיט איהם צוזאמענגעבונדען און קומט פאר אויף דעם זעלבען ארט (ארטאיינהייט) אין פערלויף פון נישט מעהר ווי 24 שעה (צייטאיינהייט).

56. § די ניי-איראפעאישע דראמא.

די גריכישע דראמא, וועלכע ווערט אנגערופען „קלאסישע", ווי אלע גריכישע און לאטיינישע מוסטער-ווערק — האט געדיענט אלס מוסטער פאר די ניי-איראפעאישע דראמא. נאר נישט מיט אמאל האט זיך די ניי-איראפעאישע דראמא ענטוויקעלט צו דעם, וואס זי איז יעצט. גאנץ לאנג האבען די איראפעאישע דראמאטורגען בלינד נאכגעאהמט די גריכישע און האבען אבגעהיט אלע דערמאנטע כללים, חאטש זיי האבען אין גאנצען נישט געפאסט צו דעם גייסט פון די ניי-איראפעאישע פעלקער, וועלכע האבען נישט געגלויבט אין די „מוירא", און ביי וועלכע עס האט שוין געשפיעלט די הויפטראלע דער פרייער מענשליכער ווילען. אויף אזא אופן זענען בעשאפען געווארען פסיידאקלאסישע דראמען, פונקט ווי עס זענען בעשאפען געווארען פסיידאקלאסישע פאעמען (§ 33).

דער ערשטער רעפארמאטאר אויף דעם דאזיגען געביט איז געוועזען דער גרויסער ענגלישער פאעט שעקספיר (אין 16-טען יאהר-הונדערט), וועלכער ווערט מיט רעכט אנגערופען „דער פאטער פון דער נייער דראמא". ער האט בעפרייט די דראמא פון דער צייט-איינהייט און ארט-איינהייט; אין דער נייער דראמא קאנען די געשעהענישען פארקומען אין פערשידענע צייטען און ערטער. אויך האט די „מוירא", וועלכע איז אין די פסיידא-קלאסישע דראמא אויסגעטוישט געווארען אויף דעם „גורל" אדער „מזל", אויפגעהערט צו שפיעלען א ראלע אין דער דראמא, און אלע געשעהענישען און פאקטען שטאמען ארויס נאר פון דעם מענשענס ווילען, זיין פסיכאלאגיע און זיינע נייגונגען. דאס מענשליכע געוויסען, זיינע בעגריפען וועגען גוטס און שלעכטס, זיינע ליידענשאפטען און פליכטען, ער אינערליכער קאמפף צווישען די לעצטע — אדער ווי עס וואלטען געזאגט

פרומע יודען: „די מלחמה צווישען דעם יצר=הרע און יצר=טוב", — זיינע בעציהונגען צו אנדערע מענשען בעאיינפלוסען דעם גאנצען גאנג פון דער דראמא, רופען ארויס די אדער יענע טהאטען פון די הויפטהעלדען און פיהרען צו'ם גוטען אדער שלעכטען, טרויריגען אדער פרעהליכען, טראגישען אדער קאמישען סוף פון דער דראמא. אזוי זעהען מיר אין שעקספיר'ס טראגעדיע „מאקבעט", ווי איהר הויפטהעלד, מאקבעט, לעבט איבער א שרעקליכען אינערליכען קאמפף צווישען זיין תאוה צו כבוד און מאכט, צו ווערען קעניג אין שאטלאנד, און זיין געוויסען, וועלכעס לאזט איהם נישט אויספיהרען זיין שרעקליכען פלאן, דער'הרג'נען דעם קעניג דונקאן, כדי ער זאל קאנען זיין ארט פערנעהמען. דער אינערליכער קאמפף דויערט א לענגערע צייט און די צושויער זעהען, ווי ער ענטוויקעלט זיך און שטייגערט א דאנק דעם איינפלוס פון אויסערליכע אורזאכען; פון דונקאן'ס צוגאסט=זיין ביי מאקבעט און דער הערשונגס=תאוה פון מאקבעט'ס פרוי, וועלכע רעדט איהם צו אויסצופיהרען דעם שרעקליכען פלאן, ביז ער געהט איין אויף דעם און פיהרט אויס דאס שרעקליכסטע — ער דערהרג'עט זיין געליבטען קעניג און פריינד. דערמיט אבער איז נאך נישט אלעס געענדיגט; איין עבירה שלעפט נאך זיך די צווייטע: מאקבעט דער'הרג'עט אויך זיין פריינד באנקא, כדי ער זאל איהם נישט שטערען. און נאך אלעם, ווען די תאוה צו רעגירונג און כבוד איז צופריעדענגעשטעלט, ווען מאקבעט געפינט זיך שוין אויסערליך אויפ'ן שפיץ פון זיין גדולה, קריגט דאס צווייטע געפיהל — די געוויסענסביסע — איבער איהם די שליטה: אנ'אונגעהייערע חרטה דריקט איהם דאס הארץ, קיין שום רוהיגע מינוט האט ער נישט, שטענדיג זעהט ער פאר זיך די שאטען פון זיינע קרבנות, און פון קרענקונג און יסורים וויים ער נישט וואס צו טהון און ווי זיך צו בעגעהן. די דאזיגע פערצווייפלונג ווערט נאך פערשטארקט דורך די ידיעה, דאס די ענגלענדער, צו וועלכע דונקאן'ס זיהן זענען געלאפען בעטען הילף, זענען שוין נאהנט צו זיין פאלאץ. די דראמא ענדיגט זיך מיט דעם זעלבסטמארד פון מאקבעט'ס פרוי און מאקדוף, איינער פון די שאטלענדישע מאגנאטען ערהרג'עט מאקבעט'ן.

לאנג נאך האט געהערשט, זאגאר נאך שעקספיר'ן, דער פסיידאקלאסיציזמוס אין דער אייראפעאישער דראמא. שווער איז געוועזען די דאמאליגע פערפאסער צו פערשטעהן דעם געניאלען שעקספיר; שווער איז זיי געוועזען זיך צו געוועהנען צום געדאנק, דאס דראמען קאנען געשריבען ווערען נישט אין דער

פאָרם, וועלכע האָבען איהר געגעבען מעהר ווי 2200 יאָהר צוריק די גריכען. נאָר די שפּעטערע דורות האָבען פערשטאַנען ריכטיג אָבצושאַצען דעם ווערט פון שעקספּיר'ן און זיינע דראַמען האָבען אָנגעהויבען צו דיענען אַלס מוסטערן, זיינע בעסטע נאַכאַהמער זענען געוועזען די דייטשע פּאָעטען געטהע און שילער (אין סוף 18=טען און אָנהויב 19=טען יאָהרהונדערט), וועלכע האָבען די דראַמאַטישע קונסט נאָך מעהר ענטוויקעלט און בערייכערט.

דראַמען זענען פאַרהאַן דרייערליי: טראַגעדיע (טרויערשפּיעל), קאָמעדיע (לוסטשפּיעל) און אייגענטליכע דראַמאַ (שוישפּיעל). מיר וועלען זיך יעצט בעשעפטיגען מיט יעדער פון די דריי אַרטען דראַמען בעזונדער.

§ 57. טראַגעדיע.

מיט דעם דאָזיגען נאָמען רופט מען אַ דראַמאַטיש ווערק אין וועלכען עס ווערט פאָרגעשטעלט עטוואָס ווינכטיגעס און גרויסעס, וואָס רופט אַרויס אין דעם גייסט פון צושויער שרעקענס=און מיטליידס=געפיהלען צוזאַמען. אין אַ טראַגעדיע קומען פאָר מענשען מיט שטאַרק ענטוויקעלטע ליידענשאַפטען און געגנזעצען, צווישען וועלכע עס קומט פאָר אַ קאַמפּף די גאַנצע צייט פון דער אַקציאָן (טהאַט) אין דער טראַגעדיע, ביז די פאָרגעשטעלטע העלדען ווערען ענדליך בעזיעגט און צעבראָכען פון דעם דאָזיגען קאַמפּף. די טראַגעדיע וואַרפט אַרויף אַ שרעק, אַנ'אימה אויף דעם צושויער נישט מיט די טראַגישע צופאַלען, די אויסערליכע אומגליקען, וואָס קענען אויך פאָרקומען אין דער טראַגעדיע, זיי שפּיעלען אָבער נישט די הויפּט=ראָלע און חאַראַקטעריזירען נישט די טראַגעדיע; אונגליקליכע צופאַלען קאָנען זיך טרעפען מיט יעדען, זאָגאַר מיט גאַנץ געוועהנליכע פערזאָנען, און פונדעסטוועגען זענען אַזעלכע פערזאָנען נאָך נישט קיין „טראַגישע”. דער טראַגיזמוס אָבער אין דער טראַגעדיע, דאָס שרעקליכע, וואָס מאַכט דעם אונגעהויערען רושם, ליעגט אין דעם אינערליכען קאַמפּף, אין דעם פערצווייפעלטען זעעלען=צושטאַנד פון דעם העלד, אין זיין בעוואוסטזיין, דאָס זיין גאַנצע צוקונפט און אָפט אויך די צוקונפט פון פיעלע אַנדערע, איהם נאָהענטע, העננט אָב פון איין טריט זיינעם, און פונדעסטוועגען קאָן ער דעם טריט נישט טהון צוליעב פערשידענע אַנדערע וויכטיגע אורזאַכען. „זיין אָדער נישט זיין”, אָט איז די פראַגע, וועלכע לעכערט דעם מח שעקספּיר'ס העלד,

האמלעט, ערפיעלט זיין נשמה מיט גיפט און לאזט איהם איין מינוט נישט צו-רוה, ביז דער טראגישער טוידט מאכט א סוף פון זיינע צרות. מיר ברענגען דא אין קורצען דעם אינהאלט פון דער גריכישער טראגעדיע סאפאקלעס „אנ-טיגאנע”. אין דער גריכישער שטאדט אטענע האט געקעניגט עטאקלעס. זיין ברודער, פאליניקעס, איז אנגעפאלען אויף די שטאדט, עטאקלעס איז ארויס קעגען איהם און אין קאמפף האבען זיך ביידע ברידער דערהרג'עט. זייער קרוב קרעאן האט פערהאפט די מאכט אין זיינע הענד און האט נישט ערלויבט בע-גראבען פאלעניקעס'ען אלס א פעררעטער פון זיין פאטערלאנד. ביי די אלטע גריכען איז דאס געווען די גרעסטע שטראף, און נישט בעגראבען א טוידטען איז געווען ערגער, ווי הרג'נען א לעבענדיגען. פאליניקעס'עס שוועסטער, אנ-טיגאנע, קאן דאריבער נישט רוהען, ווי לאנג דער טוידטער קערפער פון איהר ברודער וואלגערט זיך פאר דער מויער פון שטאדט. זי ווייס, אז איהר ברודער איז א פעררעטער, אז קרעאן האט ארויפגעלעגט א טוידט-שטראף אויף דעם, וואס וועט בעגראבען פאליניקעס'ען, און דעריבער קומט ביי איהר אין הארצען פאר א שרעקליכער קאמפף. דער דאזיגער קאמפף ווערט פארגעשטעלט אין די מאנאלאגען פון אנטיגאנע און די דיאלאגען צווישען איהר און איהר שוועסטער און חבר'טעס. אלע רעדען זי אפ, בעטען זי, זי זאל זיך אבזאגען פון איהר גע-דאנק, צו בעג[illegible]ין דעם ברודער, דען דאס וועט קאסטען איהר לעבען. זי קאן זיך אבער [illegible] אבזאגען פון דעם געדאנק, זי קאן איהם אבער אויך נישט אויספיהרען, און דערפון ליידעט זי שרעקליך, ביז זי טהוט דעם געפעהרליכען שריט; זי בעגראבט איהר ברודער בגנבה, ביי נאכט. איהר געוויסען איז יעצט ריין, זי בעצאהלט אבער דערפאר מיט איהר לעבען: אויפ'ן בעפעהל פון קרעאן בעגראבט מען די שענע, יונגע און גוטע אנטיגאנע לעבענדיגערהייד.

§ 58. ענטוויקלונג פון דער טראגעדיע.

ווענען די ענטוויקלונג פון דער טראגעדיע קאן מען זאגען דאס, וואס מיר האבען געזאגט וועגען די ענטוויקלונג פון די דראמאטישע ווערק אין אל-געמיינעם. די בעסטע טראגעדיעס אין גריכישען זענען „די פערסער” פון עסכי-לאס און „אנטיגאנע” פון סאפאקלעס. דער ערשטער און גרעסטער טראגיקער אין דער נייצייט, וועלכער האט געשאפען די נייע טראגעדיע, איז שעקספיר זיינע בעקאנטעסטע טראגעדיעס זענען: קעניג ליר, מאקבעט, האמלעט, אטעלא

און אַנדערע. נאָך איהם געטהע און שילער, וועלכע האָבען, קאָן מען זאָגען, אויפגעלעבט שעקספיר׳ס טראַגעדיע. לײדער איז קײן ווערק פון די דערמאָהנטע שרײַבער נישט איבערגעזעצט אין יידישען, און אויך איז נישטאָ קײן אײנציגע עכטע טראַגעדיע אין דער שפראַך.

§ 59. קאָמעדיע.

קאָמעדיע הײסט אַ דראַמאַטיש ווערק, אין וועלכען עס ווערען פאָרגע־שטעלט אין סאַטירישער פאָרם דער קלײנליכער קאַמפף צוליעב נישט ווילטיגע זאַכען פון געוועהנליכע, קלײנע מענשעלעך, וואָס מעהר פון זײערע קרײנע, ענגאָאיסטישע אינטערעסען געהט זײ נישט אָן. די קאָמעדיע האָט געוועהנליך אַ בעשטימטען פראַקטישען ציעל: פאָרצושמעלען פאַר די צושויער ווי לעבענדיג דאָס גאַנצע קלײנליכקײט און ניכטיגקײט פון דעם אַלטעגליכען לעבען פון גאַנצע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט, און דער קאָמיקער שטעלט דאָס אונז אַזוי פאָר, אַז די פאָרשטעלונג זאָל אַרויסרופען געלעכטער, אָבער געלעכטער געמישט מיט בערדרוס.

דער ערשטער קאָמיקער אין דער וועלט איז געווען דער גריכישער פּאָעט אַריסטאָפאַנעס (אין 5־טען יאָהרהונדערט פאַר קריסטוס), זײן בעסטע קאָמעדיע איז געוועזען „די וואָלקען״, אין וועלכער עס ווערען פאָרגעשטעלט אין קאָמי־שער פאָרם די פאָלגען פון דער סאָפיסטיק, וועלכע איז געוועזען שטאַרק בעליעבט בײַ די גריכען. סאָפיסטיק האָט געהײסען די רעדנערקונסט מיט פער־שידענע דרעהענישען און סברות, אַ סאָרט פאַלשע פשעטלעך, מיט וועלכע מע האָט געקאָנט מאַכען שוואַרץ ווײס, טאָג נאַכט און אומגעקעהרט (מעהר זײַן דעם שרץ בק״ן טעמים). אין דער קאָמעדיע ווערט פאָרגעשטעלט, ווי אַ פאָטער, וואָס איז אַרײַנגעפאַלען אין גרויסע חובות צוליעב זײַן הולטײַסקען זוהן, הויבט זיך אָן צו לערנען סאָפיסטיק אין סאָקראַטעס׳עס שולע און נאָכהער שיקט ער דאָרט אויך זײַן זוהן זיך לערנען. דער זוהן ניצט דערנאָך אויס די סאָפיס־טיק קעגען דעם אײגענעם פאָטער, ער נעהמט בײַ איהם צו געלד, שלאָגט איהם און מיט דער הילף פון דער סאָפיסטיק ווײַזט ער איהם אויס, אַז ער, דער זוהן, איז גערעכט און בעדאַרף אַזוי צו טהון, ווי ער טהוט.

אין די נײַע ליטעראַטור האָט אײַנגעפיהרט די אמת׳ע קאָמעדיע שעקספיר. אין יידישען זענען דאָ אַ סך ווערק, וועלכע רופען זיך אָן קאָמעדיען, אָבער אין

דער אמת'ן זענען דאס נישט קאמעדיען אין עכטען זינען פון דעם ווארט, און עס פאסט זיי גיכער צו הייסען וואדעווילען (§ 62). אלס מוסטער פון דער נייער קאמעדיע קאן דיענען די רוסישע קאמעדיע „רעוויזאר" גאגאל'ס. אין איהר ווערען פארגעשטעלט די דאגות פון א קליינשטעטלדיגען בורגמיסטער, וואס האט נישט ווייניג חטאים'לעך אויף זיין נשמה, ציטערט שטארק פאר א רעוויזאר, וואס דארף קומען פון פעטערבורג און לויט דאס שפריכווארט „א בעל פחדן האט גרויסע אויגען" נעהמט ער אן דעם ערשטען בעסטען שארלאטאן, וואס קומט אין שטעדטיל אריין, פאר'ן רעוויזאר. דערביי האט דער פערפאסער די מעגליכקייט אונז פארצושטעלען אלע שוואכע און קאמישע זייטען פון דעם גאנצען וועלטעלע, אין וועלכען עס לעבט און ווירקט דער דאזיגער שטאדט=פארשטעהער.

אין דער קאמעדיע קומען געוועהנליך פאר אינטריגען און פראטקעס, וואס זייער ציעל איז צו פערגרעסערן דעם „קאמיזמוס" אין דער קאמעדיע, אבער נישט זיי זענען דער הויפטציעל פון איהר, דער עיקר איז די ריכטיגע פארשטעלונג פון די חאראקטערען אוי זיטען פון דער געזעלשאפט און איבעראל פון די אלע, וואס ווערען פארגעשטעלט אין דער קאמעדיע.

§ 60. אייגענטליכע דראמא.

די גריכישע טראגעדיע און קאמעדיע זענען בעשטאנען דורך און דורך די ערשטע — פון בלויז טראגישע מאמענטען, און די צווייטע — פון ריין קאמישע. אין לעבען טרעפען זיך אבער אפט ביידע עלעמענטען צוזאמען, און דעריבער האט די נייע דראמא, וועלכע איז פיעל נעהנטער צו'ם לעבען ווי די קלאסישע און די פסייד[ו]קלאסישע, גאנץ אפט ביידע עלעמענטען, און דער נאמען „טראגעדיע" אדער „קאמעדיע" טראגט דאס ווערק לויט דעם, צו איז דער טראגישער עלעמענט אין איהר איבערוועגענד אדער דער קאמישער. שוין אין שעקספיר'ס טראגעדיעס, צום ביישפיעל, געפינען מיר פיעל קאמישע מאמענטען און זאגאר א ספעציעלען ליץ, דאגעגען ענדיגען זיך קאמעדיעס אפט זעהר טראגיש.

אין דער נייעסטער איראפעאישער דראמאטישער ליטעראטור איז די פערברייטעסטע פארם די אייגענטליכע דראמא, אין וועלכער ביידע עלעמענטען — דער טראגישער און דער קאמישער — זענען אפט גלייך פערטרעטען. נעהמען מיר אלס ביישפיעל שלום עליכם'ס דראמא „צעזייעט און צעשפרייט".

מיר געפינען דאָרט זעהר פיעל קאָמיזמוס אין דער פאָרשטעלונג פון מאיר שאלאנט מיט זיין פאמיליע, פון זיידענשטאַמער מיט זיין ווייב איטעלע און אויך אין די פאָרשטעלונגען פון פיעל סצענעס. נישט וועניג אָבער טראַגיזמוס געפי־נען מיר אין דעם זעלבען מאיר שאַלאנט; אַן'אינערליכער קאמפף פון אַ האַרטען דעספּאָטישען חאַראַקטער צווישען קינדער־ליעבע, ליעבע צו כבוד און יחוס און „ראַקייסקע" אונטערטעניגקייט צו'ם פריץ. נאָך מעהר טראַגיזמוס אָבער שטעקט אין דעם גאַנצען אינהאַלט פון דער דראַמאַ — אין דער צעריסענהייט פון דער יידישער פאַמיליע אין רוסלאַנד, וועלכע אַ דאַנק אינערליכע און אויסערליכע סבות צעפאַלט אין גאַנצען און ווערט „צעזייעט און צעשפּרייט אויף שבעה ימים".

§ 61. דראַמאַטישע קונסט אויף דער יידישער ביהנע.

ווי דערמאָנט, האָט די לעצטע צייט די אייגענטליכע דראַמאַ געקריגען „זכות אזרח" אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, און אויך אין יידישען, וואָס די טראַגעדיע און קאָמעדיע זענען ביי איהר כמעט ווי נישטאָ, געפינען זיך פיעל דראַמען. ליידער ענטוויקעלט זיך די דראַמאַטישע קונסט ביי יידען גאַנץ שוואַך, דען ביי אַלע פעלקער איז די דראַמאַ געוועהנליך בעשטימט פאַר'ן טעַ־אַטער, און צוזאַמען מיט דעם לעצטען ענטוויקעלט זיך אויך די ערשטע. דאָס יידישע טעאַטער אָבער געפינט זיך נאָך אויסער אייניגע אויסנאַהמען — אויף זעהר אַ נידריגע שטופע, און מיר זענען גאַנץ זעלטען זוכה צו זעהן, אַז אויף דער סצענע פון יידישען טעאַטער זאָלען פאָרגעשטעלט ווערען אמת'ע ליטעראַרישע פּיעסען *). פונדעסטוועגען קענען מיר פערצייכנען אייניגע יידישע מחברים, וואָס האָבען געשריבען גוטע אייגענטליכע דראַמען: מענדעלי מו"ס (דער פריזיוו, די טאַקסע), שלום עליכם (צעזייעט און צעשפּרייט), י. ל. פרץ (נסיון, די שוועסטער), דוד פינסקי (די פאַמיליע צבי). די לעצטע צייט איז געוואָרען בעריהמט אין דער אייראָפּעאישער וועלט מיט זיינע דראַמען דער יונגער יידישער שריפטשטעלער שלום אַש, — אַ דאַנק די איבערזעצונגען אין אַנדערע שפּראַכען און אויספיהרונ־גען אויף די סצענעס פון בערלינער און פּעטערבורגער טעאַטערס. פון דעסטוועגען קאָן מען נישט זאָגען, דאָס זיינע דראַמען (משיח'ס צייטען, אל נקמות שבתי צבי), זאָלען טאַקי זיין די בעסטע אין דער יידישער ליטעראַטור.

*) טעאַטער שטיק טראָגען אין אַלגעמיינעם דעם פראַנצויזישען נאָמען „פּיעסען" (שטיק־Piece).

חוץ אש'ן איז נישט לאנג בעקאנט געווארען אין דער יידישער ליטעראַטור דער יונגער דראמאטורג פרץ הירשביין, וועלכער האט שוין אנגעשריבען איינינע נישט שלעכטע דראמען (די דעמערונג, תקיעת-כף).

§ 62. אנדערע דראמאטישע ווערק.

ווי געזאגט, זענען אלע דראמאטישע ווערק בעשטימט פאר דער סצענע. אין קלאסישער דראמא פלעגט שטענדיג אנטייל נעהמען אויך א כאר, וועלכער פלעגט זינגען. אין דער נייער דראמא איז די מוזיק אויסגעשלאסען, פון דעסטוועגען זענען געמאכט געווארען פיעל פערזוכען צו פעראייניגען די דראמא מיט מוזיק און געזאנג. אזוי האבען זיך ענטוויקעלט אנדערע פערשידענע ארטען קונסטווערק, וואס זענען איינענטליך א פעראייניגונג פון דראמאטישען און מוזיקאלישען עלעמענט — ערשטענס: די אפערא, וואס איהר אינהאלט איז דער איינענער, וואס אין א טראגעדיע אדער ערנסטע דראמא, און אלעס ווערט אין איהר געזונגען מיט דער בעגלייטונג פון מוזיק אינסטרומענטען — ווייטער געהט די אפערעטע, וואס איהר אינהאלט איז ענהליך צו'ם אינהאלט פון דער קאמעדיע און ווערט אויך אין גאנצען געזונגען מיט בעגלייטונג פון מוזיק. אפערען זענען אין יידישען אין גאנצען נישטא, אפערעטען זענען דא איינינע פון אברהם גאלדפאדען (שולמית און אנדערע). אויסער די דערמאנטע ארטען זענען נאך דא פיעלע אנדערע.

א דראמאטיש ווערק, וואס דער טראגיזמוס אין איהר פליעסט נישט ארויס פון דעם אינערליכען קאמפף און דעם זעלענצושטאנד פון דעם העלד, נאר פון די אויסערליכע עפעקטען, הייסט מעלאדראמא. אויך מעלאדראמען זענען פיעל געשריבען דורך אברהם גאלדפאדען (בר-כוכבא און אנדערע) און יעקב גארדין.

א טעאטערשטיק, אין וועלכען דער קאמיזמוס בעשטעהט נישט אין דער אינערליכער קאמישער לאגע פון די העלדען, נאר אין די אויסערליכע קאמישע עפעקטען, הייסט וואדעוויל. שלום עליכם'ס „מזל-טוב", למשל, איז אן אויסגעצייכענטער וואדעוויל, האטש ער רופט עס אן קאמעדיע.

א וואדעוויל מיט קופלעטען (שטיקלעך צו'ם זינגען) הייסט פארס. דער פארס ווערט לײדער אממייסטען פארגעשטעלט אויף דער סצענע פון היינטיגען יידישען טעאטער.

אינהאלטס-פערצייכניס

אין אלפאבעטישער ארדנונג.

(די העברעאישע ציפער בעצייכענט דעם טייל, די אראבישע – דעם פאראגראף).

אביעקט א, 13.
אדווערביום א, 13.
אָדיסעע ב, 32.
אָדע ב, 50.
אויטאָביאָגראפיע ב, 13.
אויכנעשריי א, 38.
אונפעריאָדישע שפראך א, 18.
אטריביט א, 13.
איבערהזרונג א, 39.
איבערטראָגונג א, 26.
" פון נעמען א, 4.
אידיליע ב, 35.
אידעאל ב, 23.
אידעאליסטישע ווערק ב, 23.
איינטיילונג פון פאָעטישע ווערק ב, 24.
איליאדע ב, 32.
אינהאלט א, 16, 54.
אינטאָנאציע ב, 20
איראָניע א, 34.
אלעגאָריע א, 32.
אמפיבראכיום א, 47.
אנאפעסט א, 44.
אנגלוציזם א, 17, א,
אנטיטעז א, 33.
אפאָסטראָף א, 36.
אָפערע ב, 62.
אָפערעטע ב, 62.
אקט ב, 54.
אָקטאווע א, 48.
אקצענטירטע זילבן א, 42.
באלאדע ב, 39.
ביאָגראפיע ב, 12.
בילדליכקייט א, 20, 21.
בעטראכטונג א, 58.
בעשרייבונג א, 56.
" ווינסענשאפטליכע ב, 7.
" קונסטלערישע ב, 7.
בעשרייבונגס-ווערק ב, 5, 6.
בריעפפאָרם א, 53.
גוזמא א, 30.
געגענזאץ א, 33.
געמישטע פאָרם א, 52.
געריכטס-רעדען ב, 20.
גראדאציאָן א, 35.
גראם א, 47.
גריכישע דראמא ב, 55.
דאקטיל א, 44.

דאַקטילישער רײַם א, 47.
דברי=הימים ב, 15.
דיאַלאָג א, 51.
דײַטליכקײַט א, 17, ג.
דראַמאַ ב, 54.
〃 אײַגענטליכע ב, 60.
דראַמאַטישע װערק ב, 54.
〃 〃 פֿערשידענע ב, 62.
דראַמאַטישע קונסט אויף דער ידישער
בִּיהנע ב, 61.
דרשות ב, 21.
האָמאָניִמען א. 10.
האַרמאָניע א, 20, 22.
〃 אין דער שפּראַך א, 40.
〃 〃 ? פּאָעזיע א, 41.
הבָרות א, 42.
הױבונג א, 43.
הױפּטאָנגע זילבען א, 42.
הױפּטטײלען פֿון זאַץ א, 13.
הימן ב, 51.
היסטאָריע ב, 16.
היסטאָרישע װערק ב, 5, 11.
〃 פּאָעמאַ ב, 34.
〃 פֿאָלקס=לידער ב, 29.
העקסאַמעטער ב, 32.
װאָדעװיל ב, 62.
װאױלקלאַנג א, 22.
װאָרטבילדונג א, 5.
װײַבליכער רײַם א, 47.
װיסענשאַפֿטליכע בעשרײַבונג ב, 7.
〃 װערק ב, 5.
װענדונגסװאָרט א, 13.
װערטערשאַפֿונג א, 3.
װערק, היסטאָרישע ב, 5, 11.
〃 װיסענשאַפֿטליכע ב, 5.
〃 פּראָזאַאישע ב, 5.
〃 〃 אין פּאָעטישע ב, 4.
〃 פֿילאָזאָפֿישע ב, 5.
〃 שילדערנדע ב, 5.
זאַץ א, 12.
〃 אײַנפֿאַכער א, 14.
〃 פּעריאָדישער א, 15.
〃 צוזאַמענגעזעצטער א, 14.
זילבען א, 42.
זינקונג א, 43.
זכרונות ב, 14.
זעלנער=לידער ב, 45.
האַראַקטעריסטיק ב, 8.
חראָניק ב, 15.
טאָנלאָזע זילבען א, 42.
טױטאָלאָגיע א, 17, יג.
טיפּ ב, 23.
טעמאַ א, 54.
טראַגעדיע ב, 57.
טראַגיזמוס ב, 57.
טראָכײאוס א, 44.
יאַמבוס א, 44.
ידישקײַטס=לידער ב, 43.
לאַקאָניזמוס א, 19.
ליטעראַטור=װיסענשאַפֿט, אײַנל., 3.
〃 געשיכטע, אײַנל., 3.
〃 , מינדליכע, אײַנל., 1.
〃 , פּאָעטישע, אײַנל., 2.
〃 , פּראָזאַאישע, אײַנל. 2.
〃 , שריפֿטליכע, אײַנל., 1.
ליעבע=לידער ב, 44.
לירישע פּאָעזיע ב, 41.
〃 פּאָעמאַ ב, 34.
לירישעס עלעמענט א, 59.
לעבענסבעשרײַבונג ב, 12.
לעגענדע ב, 38.

מאָטיווען ב, 52.
מאָנאָגראַפיע ב, 16.
מאָנאָלאָג א, 50.
מזמור ב, 51.
מעטאָנימיע א, 31.
מעטאַפאָרע א, 26.
מעלאָדראַמע ב, 62.
מעמואַרען ב, 14.
מענליבער ריים א, 47.
משיחישע פאָלקסלידער ב, 29.
משל א, 29.
נאָוועלען ב, 37.
נאַטוראַליסטישע ווערק ב, 23.
נאָמענספערטווישונג א, 31.
נאַציאָנאַל־רעליגיעזע לידער ב, 29.
נבואות ב, 19.
נושא א, 12.
נייאייראָפּעאישע דראַמע ב, 56.
נייע פּאָעמע ב, 34.
נעאָלאָגיזמען א, 7.
נעבענטיילען א, 13.
נעגאַטיווער טיפּ ב, 23.
נשוא א, 12.
סאַטירע ב, 52.
סוביעקט א, 12.
סטיל א, 1, 16.
סטיליסטיק א, 1.
סטראָפע א, 48.
סימעטריע ב, 3.
סינאָנימען א, 10.
סצענע ב, 54.
עלעגיע ב, 49.
ענטוויקלונג פון דער טראַגעדיע ב, 58.
ענעאידע ב, 32.
עפּאָס ב, 26.
עפּישע פּאָעזיע ב, 26.
עפּישע פאָלקסלידער ב, 29.
עראָטישע לידער ב, 53.
ערצעהלונג א, 57; ב, 37.
פּאָזיטיווער טיפּ ב, 23.
פּאָלאָניזם א, 17, א.
פּאָעזיע ב, 3.
פּאָעט ב, 3.
פּאָעמאַ ב, 3.
פּיעסען ב, 61.
פּלאַן א, 54.
פּלעאָנאַזם א, 17, ב'.
פּנקסים ב, 15.
פּסיידאָקלאַסישע פּאָעמאַ ב, 33.
פּערזאָניפיקאַציע א, 27.
פּעריאָדישער זאַץ א, 25.
פּעריאָדישע שפּראַך א, 18.
פּעריאָדע א, 15.
פּראָזאַ ב, 2.
פּראָזאַ און פּאָעזיע ב, 1.
פּראָזאַאישע און פּאָעטישע ווערק ב, 4.
פּראָזאַאישע ווערק ב, 5.
פּרעדיגטען ב, 21.
פּרעדיקאַט א, 12.
פאַבעל א, 29; ב, 40.
פאָלקס־מעשיות ב, 28.
פאָלק־עפּאָס ב, 27.
פאָלקס־פּאָעזיע ב, 25.
פאָלקס־ליריק ב, 42.
פאַמיליענלידער ב, 46.
פאַנטאַסטישע ווערק ב, 23.
〃 רייזע־בעשרייבונגען ב, 10.
פאָרם א, 16.
פאָרמען פון ליטעראַרישע ווערק א, 49.
פאַרס ב, 62.
פיגורען א, 23, 24.
פילאָזאָפישע ווערק ב, 5.

פילאזאפישע אדער וויסענשאפטליכע ווערק ב, 17.
פערבינדונגס־ווארט א, 12.
פערגלייכונג א, 25.
פערז א, 42.
פערזפוס א, 43.
פרעמדווערטער א, 8.
„ , די בענוצונג פון זיי א, 9.
צוזאמענזעצונג פון ווערטער א, 6.
צעזור א, 45.
קאמעדיע ב, 59.
קאנגרעס רעדען ב, 22.
קינסטלערישע בעשרייבונג ב, 17.
„ ליריק ב, 48.
קינסטלערישער עפאס ב, 30.
קלאסישע פאעמא ב, 32.
קלארהייט א, 17 ב'.
קריטיק ב, 17.
ראמאן ב, 36.
ראמאנסען ב, 53.
רוסיציזם א, 17, א'.
ריטמוס א, 42.
„ אין פאלקס־לידער א, 46.
ריטמישע שפראך א, 42.
רייזע־בעשרייבונג ב, 9.
„ , פאנטאסטישע ב, 10.
ריים א, 47.
ריינהייט פון דער שפראך א, 17, ד'.
ריכטיגקייט א, 17.
רעאליסטישע ווערק ב, 23.
רעדנער־קונסט ביי די גריכען און רע־
מער ב, 20.
רעדען ב, 18.
„ , מאדערנע ב, 22.
„ פאליטישע אדער פארלאמענטא־
רישע ב, 20.
רעטאריק ב, 20.
רעטארישע פיגורען א, 23.
„ פראגען א, 37.
שטייגערונג א, 35.
שילדערונגס־פעהיגקייט א, 20, 21.
שילדערנדע ווערק ב, 5.
שמות נרדפים א, 10.

די נעמען פון די מחברים, וועלכע ווערען דערמאָהנט אין דעם בוך, געאָרדנעט לויט דעם אלף בית.

(די העברעאישע ציפער בעצייכענט דעם טייל. די אַראַבישע – דעם פּאַראַגראַף).

אַבראַמאָוויטש, שלום יעקב, ז. מענדעלי מוכר ספרים.
איזענשטאַט, ש. ב, 17–20.
אַריסטאָפאַנעס ב, 136, 141.
אַש שלום א, 55, 61; ב, 94–95, 143.
באָרוכאָוויטש, ד"ר י. ל. ב, 23–31, 118.
ביאַליק, ח. נ. א, 49, 50; ב, 64, 121, 127–130, 131–133.
בעל מחשבות, ז. עליאַשעוו.
גאָגאָל, נ. וו. ב, 142.
גאָלדפאַדען, אַברהם ב, 144.
גאָנטשאַראָוו ב, 96.
גאָרדאָן, י"ל ב, 124–126.
גאָרדאָן, מיכל ב, 127.
גרעטץ, פּראָפ. ד"ר צבי היינריך ב, 52–60.
דיקענס, טשאַרלז ב, 96.
האָמער (1000 יאָהר איינגעפעהר פ. ק.) ב, 86.
הירשביין, פּרץ ב, 144.
הלוי, רבי יהודה ב, 28–31, 121, 131–133.
הערצל, ד"ר טעאָדאָר ב, 31–34.
וואלט, א. ב, 131.
ווירגיל ב, 89.
וואַרען, זשול ב, 22.
זאָלאָ, עמיל ב, 96.
חזן, אַריה יהודה ב, 67.
טאָלסטאָי, גראַף לעאָ ב, 96.
טורגעניעוו ב, 96.
יהואָש ב, 127.
יפה, ל. ב, 120.
כשדאי, צבי ב, 20–22.
לאַפאָנטען א, 34.
ליניעצקי, י. י. ב, 96.
מענדעלי מוכר ספרים (שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, געב. 1836) א, 20, 26, 32, 33, 39, 42; ב, 16, 123, 143.
נאָמבערג, ה. ד. ב, 134.
נאָרדוי, ד"ר מאַקס ב, 67–77.
סאָפאָקלעס ב, 136, 140.
ספעקטאָר, מ. א, 65; ב, 96.
עליאַשעוו, ד"ר ישראל (בעל מחשבות) ב, 61–62.
עסכילאָס ב, 140.
פינסקי, דוד ב, 143.
פרץ, י"ל א, 20, 25, 28, 36, 42, 48, 50, 52; ב, 15, 103, 143.

פֿרוג, ש. א, 20, 41, 45, 47, 49, 50; ב, 98–102, 116, 130.
פֿריעדבערג, אַ"ש ב, 35–48.
פֿרישמאַן, ד. א, 40, 68.
קרילאָוו, אַ. אַ. א, 34, 36; ב, 104–107.
קרינסקי, מ. א, 67.
ראַבינאָוויטש, שלום ז. שלום עליכם.
ראָזענפֿעלד מ. א, 30, 38, 40, 41, 42, 43, 46, 47, 49, 50; ב, 10, 14, 90–94, 122.
רייזין, אַ. א, 31, 41, 42, 45, 47; ב, 117, 131.
רײוועסמאַן, מ. ב, 104–107.
שלום עליכם (שלום ראַבינאָוויץ) א, 23, 24, 30, 54, 59; ב, 96, 135, 142.
שמ"ר ב, 25.
שענקעוויטש, העגריק ב, 96.
שעקספּיר, וויליאַם ב, 137.
שפּילהאַגען, פֿרידריך ב, 96.

וויכטיג פאר אווענד־שולען

עס איז ערשיענען פון דרוק

דער יידיש־לעהרער

פון מ. קרינסקי.

ערשטער טייל.

פיערטע אויסגעבעסערטע אויסגאבע

פיבעל א פאלשטענדיגער קורס צום ערלערנען לעזען און שרייבען יידיש און העברעאיש, מיט פיעל אילוסטראציעס.

חרעסטאמאטיע פיעל ערצעהלונגען, בעשרייבונגען און לידער פון די בעסטע יידישע שריפטשטעלער, און נאטען.

בריעפענשטעלער מוסטערן פון אלערליי בריעף, וואס ווערען אפט בענוצט אין לעבען.

פרייז 40 קאפ׳. פארטע 8 קאפ.

פאר אבאנענטען פון „ראמאנצייטונג" פריי פארטע.

פערלאג „ביכער־פאר־אלע", ווארשע, דלוגע 11. — טעלעפאן 87-01.

ליטעראטור-וויסענשאפט.

אין צוויי טייל

פערפאסט פון **א. ב. ראזענשטיין,** רעדאגירט דורך **מ. קרינסקי.**

די ליטעראטור-וויסענשאפט גיעט אפקלערונגען בעגריפן וועגען די אלגעמיינע ליטעראטור בכלל און יידישע בפרט. זי בעטראכט יעדע ליטעראטור-פארם באזונדער און ערקלערט איהר בעגריף און אינהאלט, לויט די פערשיעדענע מוסטערן פון די בעסטע יידישע שריפטשטעלער.

די ליטעראטור-וויסענשאפט איז דעריבער אונגעהויער נוצליך פאר יעדען, וואס וויל זיך בעקענען מיט דער שענער ליטעראטור און אירע איהרע פארמען, בכדי צו זיין אימשטאנד זעלבסטשטענדיג אבצושעצען דעם ווערט פון יעדען ליטערארישען ווערק.

די ליטעראטור-וויסענשאפט איז געשריבען אין א לייכטער אנציהענדער שפראך און ענטהאלט א גאנצע זאמלונג ווערק פון די בעסטע יידישע שריפטשטעלער.

די ליטעראטור-וויסענשאפט קאן דעריבער דיענען אי אלס לעזע-בוך, אי אלס לעהר-בוך אין שוהל און הויז צום אויסלערנען שרייבען מיט א ריינעם, גוטען ליטערארישען סטיל.

פארלויפיג איז ארויס פון דרוק דער ערשטער טייל.

פרייז 40 קאפ. פארטע 8 קאפ.

די אבאנענטען פון „ראמאנצייטונג", וועלכע שרייבען אויס דירעקט פון רעדאקציע, האבען פריי פארטע.

עס דרוקט זיך און אין גיכען

ווערט ערשיינען דער צווייטער טייל.

פערלאג „ביכער-פאר-אלע" ווארשע, דלוגע 11.

טעלעפאן 87-90.